STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08179

ROMANTIKER

Malka Locker

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָמאַנטיקער

ביכער פון מלכה לאָקער

„וועלט און מענטש״, לידער (מיט אַ הקדמה פון חיים ליבערמאַן) (פּאַריז, 1932).

„דו״, לידער (תל־אביב, 1932).

„שטעט״, לידער (לאָנדאָן, 1940).

„די וועלט איז אַן אַ היטער״ (ניו־יאָרק, 1947).

„זשאַן אַרטור רעמבאָ״ (ניו־יאָרק, 1950).

"Gedichte" (Wien, 1938).

„עולם ללא שומר״ (תרגם אביגדור המאירי, תל־אביב, תש״ו).

"Le Poète qui s'enfuit" (Jean Arthur Rimbaud) (Bruxelles, 1954).

מלכה לאָקער

ראָמאַנטיקער

(דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד)

פאַרלאַג די ברידער שולזינגער

ניו־יאָרק 1958

ROMANTYKER

by Malka Locker

Copyright 1958 *by*
MALKA LOCKER
New York, N. Y.

Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East Fourth Street, New York 3, N. Y.
253

אינהאַלט:

הקדמה 7
די אָנהויבן פון דער ראָמאַנטיק 7

דייטשלאַנד

געטע און שילער 23
פרידריך שלעגעל 32
לודוויג טיעק 39
קלעמענס ברענטאַנאָ 44
נאָוואַליס 49
פרידריך העלדערלין 56
פרויען 61
מוזיק 68
פילאָסאָפן 72
די דעקאַדענץ 81

פראַנקרייך

זשאַן זשאַק רוסאָ 89
אננע לואיזע זשערמען, מאַדאַם דע סטאַעל 98
פראַנסאָאַ רענע שאַטאָבריאַן 102
אַלפאָנז דע לאַמאַרטין 109
שאַרלס נאָדיע 115
אַלפרעד דע מוסיי 117
אַלפרעד דע וויני 119
סטענדהאַל 123
וויקטאָר הוגאָ 130
זשעראַר דע נערוואַל 143

ע נ ג ל אַ נ ד

וויליאם וואָרדסוואָרט 157

סעמיועל טיילאָר קאָלערידזש.. 165

פּערסי בישי שעלעי.. 170

דזשאָרדזש גאָרדאָן לאָרד בייראָן.. 179

דזשאָן קיטס.. 189

זוכצעטל 199

ביבליאָגראַפיע 203

הקדמה

איך גלויב נישט, אַז אַ מחבר איז מחויב צו דערקלערן פאַרוואָס ער פאַרנעמט זיך מיט וועלכן עס איז פּראָבלעם אין ליטעראַטור, קונסט, וויסנשאַפט, אָדער פּאָליטיק אין דער מענטשלעכער געשיכטע; אָבער וועלנדיק אָליין זיך קלאָר מאַכן איבער די מאָטיוון פון מיין אַרבעט, מוז איך זאָגן: איך האָב געוואָלט דערגיין די סבה פון דער מוראדיקער שטיל־קייט אין דער צייט פון דער שרעקלעכסטער מהומה, וואָס האָט די מענטשהייט באַפאַלן. רילקע׳ס פּשוטן אויסרוף בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה „אַז קיינער שרייט נישט...״ האָב איך אָפּטמאָל ציטירט. אויך דאָסמאָל האָט קיינער נישט געשריגן און אַ טייל האָבן אפילו אַפּלאָדירט.

פונוואַנען נעמט זיך דאָס? וואו זיינען צו געפינען די אָנהייבן פונעם פאַל פונעם מענטש? ווען האָט זיך אָנגעהויבן גליטשן דער גרונט פון אונטער זיינע פיס? דער אויסברוך איז נישט געווען קיין פּלוצומדיקער. עס האָט ערגיץ וואו געטליעט, און מיר האָבן נאָר געשניטן די שרעקלעכע פּרוכט. געוויס איז נישט אַלץ פאַלש אין דער ראָמאַנטיק, געוויס מוז אַ תקופה זיך איבערלעבן און מאַכן פּלאַץ פאַר עפּעס, וואָס איז ניי, אַנדערש. געוויס איז דער פאַראַנענער שמאָלער שטח צווישן געוועזענעם און ווערנ־דיקן אַ שפּיל־רוים פאַר געפערלעכע אַבנאָרמיטעטן, וואָס זייערע גיפטיקע דערשיינונגען זיינען אַ סכנה נישט נאָר פאַר די באַטרעפנדיקע טעג, נאָר טראָגן דעם סם פאַר קומענדיקע דורות, ווי מיר זיינען דאָס געווען באַטראָפענע עדות דערפון. דעריבער איז דאָס לגמרי נישט קיין צופאַל, וואָס נאָך די מוראדיקע מעשים פון נאַציזם האָבן געוויסע אינטעלעקטועלע קרייזן אין פראַנקרייך זיך אָנגעהויבן אויפסניי צו אינטערעסירן מיט דער מאָנסטער־דערשיינונג מארקי דע סאַד.

תלמידים פון מאַרקי דע סאַד (ווי איך פרואוו דאָס צו באַווייזן אין מיין קאַפּיטל איבער דער דעקאַדאַנס), זיינען געווען אין יעדער ראָמאַנ־טישער באַוועגונג, און ספּעציעל אין דייטשלאַנד. די נאַכט און דאָס נאַק־

טורנע, דער אַמאַלגאַם פון גוט און בייז, די ערבוביא פון פאַרן חטא הקדמון — די ראָמאַנטיקער האָבן זיך וואוילגעפעליק דערינען געשפּיגלט מיטן זשעסט פון כלומרשטן זוכן צו אַנטפּלעקן אַן אמת פאַרן מענטשן.

איך האָב זיך פונדעסטוועגן געהיט צו זיין איינזייטיק אָדער איינדייטיק אין מיין אַרבעט וועגן ראָמאַנטיזם. הגם דאָס בוך איז ווייט פון וועלן אויס־שעפּן דעם סוזשעט, האָב איך זיך באַמיט צו מאַכן פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס געוויסע פּערזענלעכקייטן וואָס וואָלטן על פּי דרך הטבע געדאַרפט זיין ראָמאַנטיקער, זיינען פון דער באַוועגונג אָפּגעשטויסן געוואָרן. איך האָב זיך באַמיט דאָס פּאָזיטיווע אַרויסצושיילן, עס צו באַווייזן, אָבער מיר איז פאַר אַלעמען געגאַנגען דערין, אָנצואווייזן אויף דער אַטמאָספערע אין וועלכער אַזויפיל גוטע און נאָכמער שלעכטע פּירות האָבן געקענט געראָטן. איך האָב אויך נישט אויסגעשעפּט די גאַלעריע פון אפילו וויכטיקע רעפּרעזענטאַנטן. איך האָף נאָר אַז מיין אויסוואַל פון די נעמען און ווערק וואָס איך האָב יאָ געבראַכט, זיינען געווען ריכטיקע.

איך האָב זיך פאַרנומען מיט דריי ליטעראַטורן: מיט דער דייטשישער, פראַנצויזישער און ענגלישער. ערשטנס ווייל איך האַלט זיי פאַר די רעפּרע־זענטאַטיווסטע פאַר אונדזער סוזשעט, און צווייטנס, ווייל דאָס זיינען די ליטעראַטורן, וואו איך פיל זיך אַממיינסטנס אין דער היים.

מ. ל.

די אָנהויבן פון דער ראָמאַנטיק

עס איז מסוכן צו שרייבן וועגן אַ תקופה אין דער ליטעראַטור; מסוכן, ווייל די אָנהויבן פירן צוריק צו די פאַקטאָרן, וואָס האָבן זי געשאַפן, און עס איז שווער לכתחילה זיך פונאַנדערצוקלייבן אין געשעענישן, ווייל די ליניעס זיינען אומקלאָר אין אַ דערשיטערטער אַטמאָספער — אין יעדן אָנהייב איז די אַטמאָספער דערשיטערט — און עס איז כמעט אוממעגלעך אָנצוהויבן פון היינט און פון באותו רגע. מוז מען גיין אויף צוריק און זיך נים פאַרלירן אין דעם פּלאָנטער, וואָס האָט זיך שפּעטער אויסקריסטאַליזירט צו אַן אי־בערבייט. די מענטשלעכע געשיכטע, פון וועלכער די קונסט איז אַן אוי־טענטישסטער אויסדרוק, איז אַזוי פאַסצינירנדיק אין אירע „אירונגען און ווירונגען", אַז מען מוז זיך שטאַרק אונטערגאַרטלען „כדי ניט אַראָפּצוגיין פון רעכטן וועג".

נעמענדיק אין אַכט, אַז געוויסע טענדענצן אין דער מאָדערנער ליטע־ראַטור האָבן זייערע שרשים אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, אָדער לאָמיר זאָגן, אַז זייערע טרעגערס האָבן זיך באַוואוסט אומגעקערט צום זיבעצנטן יאָרהונדערט, ווערט דער וועג צוריק אפילו אַ נויטווענדיקייט.

איבערגעשראָקן פון דער אַנאַרכיע פונעם זעכצענטן יאָרהונדערט, אַקצעפּ־טירט די געזעלשאַפט פון דעם זיבעצנטן אַלע כללים פון דעם מאָנאַרכישן רעזשים און פון דער סובאָרדינאַציע צו נאַציאָנאַלער גרויסקייט; די „פאַר־נונפט" פאַרנעמט אַ וויכטיקן פּלאַץ אָבער אין באַגרענעצטע ליניעס. ביים סוף פון זיבעצענטן יאָרהונדערט פּרוּווט די „פאַרנונפט" אפילו אונטער־מינירן דעם פּרינציפּ פון גלויבן, וואָס איז דאָך איינע פון די וויכטיקסטע זיילן פון דעם געגעבענעם סיסטעם אין דער געזעלשאַפט. די קונסט ווערט סובאָרדינירט אונטער דעם פּרינציפּ פון אמת. זי ווערט אַבסטראַקט און ליידיקט אויס די שפּראַך פון אירע זינלעכע עלעמענטן. ווער וואָלט זיך געגלויבט, אַז מאַלאַרמעס תורה וועגן „אַרטיפיס", וואָס הייסט פשוט מלאכה, אַז וואַלעריס תורה וועגן די געאָמעטרישע כללים, וועגן די מאַטעמאַטישע

סיסטעמען אין אַ געדיכט — גייען צוריק צו די אָנהויבן פון דעם זיבעצענטן יאָרהונדערט?

די געזעלשאַפט אָבער גייט דורך געוויסע וואַנדלונגען, די אַריסטאָקראַטישע געזעלשאַפט ווערט אַ וועלטלעכע, אַ מאָדערנע. אין 1639 ווערט געגרינדעט די „אַקאַדעמי פראַנסעז" און קאַרדינאַל רישעליע טראַכט, אַז עס איז בעסער צו זיין אינעווייניק איידער אין דרויסן — נעמט ער זי טאַקע אַרונטער אונטער זיינע פליגלען. די אַקאַדעמיע איז פּוריסטיש און, אויב מ'קען אַזוי זאָגן, „סיסטעמאַטיש". מאַלהערב דערפירט דעם זאַץ צו געאָמעטרישער ריינקייט, אַרבעט אויס טעכנישע כללים, שטעלט דעם טראָפּ אויף אַרבעט לויט געאָמעטרישע מאָסן, אַ ליניע, וואָס קאָרניי דערפירט זי צו מייסטערשאַפט.

אין פּאַריז עפענען זיך די באַוואוסטע סאַלאָנען, וואו עס פאַרזאַמלען זיך קינסטלערס און ליטעראַטן, די פּאָליטיקערס קומען שפּעטער, און אַזוי אַרום שאַפן זיך די הערבאַריען פון פראַנקרייכס עפנטלעכן לעבן. דער טאָן אין דער פיינער געזעלשאַפט ווערט אַלץ פיינער און פיינער און אַנימירט מאָליערן צו זיין געשמאַקער קאָמעדיע „לע פּרעסיעז רידיקיל".

דעקאַרט איז דער סך־הכל פון פראַנקרייכס גייסטיקייט אין יענער תקופה, וואָס שטייט אונטערן צייכן פון „פאַרנונפט"; זי דאַרף דאָס ווערן די סואווערענע ריכטערין איבער אַלץ און אַלעמען. דיליידנשאַפטן דאַרפן זיך אונטערגעבן איר אַנאַליז.

דעקאַרט שטעלט אויף אין „דיסקור דע לאַ מעטאָד" אַט די פיר פּרינציפּן: 1) „גאָרנישט אָננעמען פאַר אמת, וואָס לאָזט זיך ניט באַווייזן"; 2) „טיילן יעדע שוועריקייט אין אַזוי פיל חלקים וויפל נאָר ס'איז מעגלעך, כדי זיי לייכטער פונאַנדערצובינדן"; 3) „תמיד גיין פון דעם איינפאַכן צום קאָמפּליצירטן"; 4) „מאַכן די אויפציילונג אַזוי פולשטענדיק און דעם איבערבליק אַזוי אַלגעמיין ווי נאָר מעגלעך, כדי צו זיין זיכער, אַז גאָרנישט ניט איז אויסגעלאָזט".

דער ציל פון געדאַנק איז דער אמת. סיי אין דער ליטעראַטור, סיי אין דער פילאָסאָפיע איז דאָס טראַכטן אַ זוכן צו דערגיין דעם אמת. דעקאַרט זוכט דעם אמת, און וועלכן מען קען ניט האָבן קיין ברעקל צווייפל. „איך

דענק — זאָגט דעקאַרט — בכן בין איך". ד"ה איך קען צווייפלען אין אַלץ אָבער איך קען ניט צווייפלען, אַז איך, ווייניקסטנס דער וואָס צווייפלט, בין אַ וועזן וואָס דענקט". דער דאָזיקער באַוויז פירט אים אויך צו דער איבערצייגונג פון דער עקזיסטענץ פון גאָט, דעם באַגריף פון פּערעפּעקציע, וואָס עקזיסטירט, פאַרשטייט זיך, אין מענטשלעכן געדאַנק און וואָס קען פאַרקומען נאָר אין אַ פּערפּעקטער נאַטור.

פון אַלע זייטן ווערן די דאָזיקע אמתן אויפגענומען מיט התלהבות. אַפילו די קירך האָט זיך לכתחילה אונטערגעגעבן דעם קאַרטעזיאַניזם און זיין אויפקלערערישער אויסטייטשונג.

ערשט שפּעטער, אין 1690, דערפילט זיך אַן אומרו, וואָס פירט צו נעגאַציע פון כל־המינים ווערטן פון דער קונסט, פון דער אויטאָריטעט, פון דער אמונה.

אומרו איז אַ פּרוכפּעריקער באָדן פאַר פּאַראַדאָקסאַלע דערשיינונגען. שכל, שיינקייט, אמת — דער קלאַסישער באַגאַזש האָט זיך עפּעס פּלוצלונג ווי אָפּגערוקט אין אַ זייט. בלייז פּאַסקאַל, באַוואָפנט מיט אַלע מכשירים פון דער וויסנשאַפט און פון געדאַנק, האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט קעגן דעם ראַציאָנאַליסטישן קאַרטעזיאַניזם. ער טענה'ט, אַז דער קאַרטעזיאַנישער מעטאָד, וואָס האַלט די מאַטעמאַטיק פאַרן שליסל פון אוניווערס, איז דאָג־מאַטיש, ראַציאָנעל. דיווירקלעכקייט — לויט פּאַסקאַל — שטראַמט אַריבער פון אַלע זייטן אונדזער שוואַכע פאַרנונפט, נאָר די איבערלעבונג איז די ריכטיקע אויסטייטשערין פון אַלע פענאָמענען.

ניט דאָ איז דאָס אָרט זיך צו פאַרנעמען מיט פּאַסקאַלס טעאָלאָגישע וויכוחים. וויכטיק איז אין דעם פּרט זיין מעכטיקער סטיל, וואָס היפּערט איבער די געאָמעטרישע פאָרשריפטן, באַוועגט ווי ער איז פון צוויי עלע־מענטן אין זיין שאַפן — פון לאָגיק און ליידנשאַפט — וואָס ביידע מאַכן אים פאַר אַ דיכטער. די אידייען, וואָס ער וויל באַווייזן, ברענגען דאָס וואָרט מיט צווינגנדיקער לאָגיק אויף זיין ריכטיקן פּלאַץ. זיין גליענדיקע איבערצייגונג פאַרמולירט ער מיט יענער ליידנשאַפט, וואָס געטריי צום נוסח פון יענער צייט, האָט מען זי אָנגערופן „צעפלאַמטע געאָמעטריע".

***

ווען די רוימישע אימפּעריע איז געוואָרן פאַרפּלייצט דורך די באַר־באַרן האָט זיך דורכן געמיש מיט פרעמדע עלעמענטן אויסגעפורעמט אַ מין אידיאָם, וואָס האָט זיך אָנגערופן „לינגוואַ ראָמאַניקאַ״. לעבן וועלכער עס האָט עקזיסטירט די אָפיציעלע לינגוואַ לאַטינאַ. פונעם אַדיעקטיוו ראָמאַניצע קומט דער סובסטאַנטיוו ראָמאַנס. דאָס וואָרט האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט אין די פאַרשיידענע לאַטיינישע לענדער. די פראַנצויזן האָבן די אין זייער אידיאָם פאַרפאַסטע געשיכטן, אָדער פערזן אָנגערופן ראָמאַנצן. אין זיבעצנטן יאָרהונדערט האָט יעדע באַהויפּטונג, וואָס איז געווען פאַנטאַסטיש אָדער אַ גוזמא, זיך אָנגערופן ראָמאַנטיש. ס׳איז געווען אַ שמץ פון ביטול אין דעם גאַנצן באַגריף, אַ מין קאָנטראַסט צו שכל. מיט דער צייט מאַכט דאָס דאָזיקע וואָרט דורך פאַרשיידענע איבערבייטן און אַלץ וואָס איז זעלטן, ווילד, מאָדנע, אויסטערליש, אין לאַנדשאַפט אָדער אין לעבן, ווערט אָנגערופן ראָמאַנטיש. אָבער באמת ווערט עס אָוועקגעזעצט אויבן־אָן ערשט אין דייטשלאַנד ווען פרידריך שלעגעל מיינט, אַז מען קען דאָס וואָרט באַנוצן ווי אַן אָנצוהערעניש אויף אַ ווערק פון מיטל־אַלטערלעכער אינספּיראַציע, ווי אַ קאָנטראַסט צום באַגריף קלאַסיש.

דער הומאַניזם אָדער דער קלאַסיציזם האָט אָנגענומען אַ דירעקטע שטעלונג צו דערווירקלעכקייט. וויסנשאַפט און פאָרשונג זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער מאָנאַרכיע און מיטן אַבסאָלוטיזם. דער „שטורם און דראַנג״ האָט געפּרוווט אויפקלערן, צינדן, קאַריגירן. דער רעאַליזם, די ווירקלעכקייט פון די ערשטע ראָמאַנטיקערס, איז געלעגן אויף אַן אַנדערער ליניע. זיי האָבן זיך אָפּגעווענדט פון קלאַסישער אַבסטראַקציע, פון פאָרמען, וואָס זיינען אויסגעוועפּט געוואָרן און האָבן פאַרלוירן זייער אינהאַלט. זיי האָבן איינגעזען, אַז דאָס מעכאַנישע נאָכגיין נאָך קלאַסישע מעטאָדן, נאָך פּאָעטישע דיקציעס, נאָך נאָבעלע ווערטער, וועט זיי לגמרי פאַרשטייפן; די אַנטיקע סיוזשעטן, די גריכיש־רוימישע מיטאָלאָגיע מיט אירע פּיטאָרעסקע פּאַסאַדן האָבן אויפגעהערט אויסצודריקן פאַר זיי די לעבעדיקע רעאַליטעט. און גראָד דעם רעאַליזם פון לעבן האָט דער דיכטער געוואָלט אויסדריקן: די וועלט, די געזעענע און אומגעזעענע, די געשיכטע,

ניט נאָר ביז צום פּאַל פון רוים. זיי האָבן זי געזוכט, ניט בלויז אין די צענטערן, וואָס זיינען געווען אָנגענומען ווי דער מיטלפּונקט פון דער ציוויליזאַציע, נאָר אין דער גאָרער וועלט. און קודם־כל האָבן זיי געזוכט — און געפונען — זייערע סוזשעטן אין יעדן לעבנס־שטייגער, זיי האָבן אָנגעהויבן הויך איינשאַצן דעם פּאָלקסטאָן אין ליד און מעשה, און זיי האָבן געזוכט אין זייער רעאַליטעט די וועלט פון חלומות, דאָס זינלעכע און דאָס איבערזינלעכע, דאָס מיסטעריעזע, דאָס איבערנאַטירלעכע.

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס מיט דער גרינדונג פון „אַטהענעאום" אין יאָר 1798 אין יענאַ, אָנגעפירט דורך די ברידער ווילהעלם און פרידריך שלעגעל, וואָרים זיי האָבן דאָס פאָרמולירט סיי די עסטעטישע דאָקטרין סיי די פירושים, און זיי האָבן דאָס אַרום זיך פאַרזאַמלט „די קרובהשע גייסטער". דער „אַטהענעאום" פּרואווט נאָך אָנגעבן כללים פאַר די זוכערס. אָט איז אַזאַ מין זאַץ: „ווילסטו אַריינדרינגען אין דעם אינעווייניקסטן מהות פון דער פיזיק, טאָ לאָז זיך אַריינפירן אין די מיסטעריעס פון דער פּאָעזיע". (ריקאַרדאַ הוך Bluetezeit der Romantik).

„דו זאָלסט ניט אָװעקװאַרפן דיין אמונה און ליבע פאַר דער פּאָליטישער וועלט. זיי מקריב דיין נשמה דער קונסט און דער וויסנשאַפט, דעם הייליקן פייער־שטראָם פון אייביקער בילדונג... ניט הערמאַן און וואָטאַן זיינען די נאַציאָנאַל־געטער פון די דייטשען, נאָר די קונסט און די וויסנשאַפט" (אָבער, זאָגט פרידריך שלעגעל, עס זיינען פאַראַן נאָר ווייניק דייטשן).

פאַראַן נאָך אַ מין „אני מאמין" וואָס קלינגט ווי אַ שבועה: א) איך גלויב אין דער אומענדלעכער מענטשהייט, וואָס איז געווען איידער זי האָט נאָך אָנגענומען דעם איינהיל פון מענלעכקייט און ווייבלעכקייט; ב) איך גלויב אַז איך לעב, ניט כדי צו געהאָרכן אָדער צו פאַרווילן, נאָר כדי צו זיין און צו ווערן; איך גלויב אין דער מאַכט פון ווילן און פון בילדונג, כדי זיך ווידער צו דערנענטערן צום אומענדלעכן, זיך צו באַפרייען פון די קייטן פון „ניט־געראָטן זיין" און זיך צו מאַכן אומאָפּהענגיק פון די גרענעצן פון געשלעכט"...

אַז מ'לייענט די דאָזיקע כללים פון פרידריך שלעגעלס „עהע־קריטיק" איז מען זיכער באַרעכטיקט צו האָפן אויף אַ געוויסער פאַרברייטערונג פון

באַגריפן און אויפפאַסונגען. מען הערט פאַרזיכטיקע טריט, וואָס שטרעבן צו דערגרייכן דאָס ליכט.

דער רעאַליזם פון די ראָמאַנטיקערס האָט צווישן אַנדערע עלעמענ־טען געמיינט: אַנטי־מאַטעריאַליזם; ער האָט געוואָלט רעגיסטרירן נאָר דאָס, וואָס זיי אַליין האָבן איבערגעלעבט, ווי באַטייליקטע אין דער גע־שיכטע פון זייערע טעג. די קונסט איז פאַר די ראָמאַנטיקערס געווען אַ מיטל פון אויסדרוק, פון פילאָסאָפיע, פון חכמה, פון איבערלעבונג, פון וויזיע.

האָט בכן אַפילו די דייטשישע ראָמאַנטיק לכתחילה געהאַט ליבעראַלע כוונות, רעוואָלוציאָנערע אידייען, לכל הפחות ליטעראַרישע, און אַפילו פּאָליטישע אַספּיראַציעס. דער ראָמאַנטיזם האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט קעגן דעם ליטעראַרישן אַקאַדעמיזם, דעם פילאָסאָפישן אינטעלעקטואַליזם און ראַציאָנאַליזם פון דער אויפקלערונג. דאָס אַריינלאָזן זיך אין די טיפענישן פון די אייגענע אָפּגרונטן, די געעפנטע ווענטילן אַנטקעגן חלל, פאַרן פלי פון דער פאַנטאַזיע, האָבן געוועקט דעם זין פאַר עכטער און גרויסער פּאָעזיע. דאָס האָבן זיי באַגרינדעט אַ נייע וויסנשאַפט, די לערע פון דער עסטעטיק. זי האָט אַריינגעפירט דעם דראַנג פון פאַרשונג פון דער מיסטעריעזער נאַטור פון דער פּאָעזיע און פון דער מיסטעריעזער נאַטור פון דער מענטשלעכער נשמה און האָט געפּרוווט אַנטפּלעקן די פּאָעטישע קוואַליטעטן, וואָס זיינען פאַראַן אינעם מענטשן. דער ווערט פון דער קונסט איז געוואָרן באַשטימט לויט דער מאָס, אויף וויפל דאָס וואָרט האָט אויסגעדריקט די דאָזיקע קוואַליטעטן. דאָס זיינען געווען די פרילינגס־טעג פון דער ראָמאַנטיק. געטהע און הערדער שטייען נאָך ביי דער וויג. די באַגריפן מישן זיך נאָך אַביסל, און אינמיטן די צוויי־דייטי־קייטן און פאַראַדאָקסן ווערט — לויט בענעדעטאָ קראָטשע — די פילאָ־סאָפיע פון קאַנט ביז העגעל לכתחילה אָנגערופן פילאָסאָפיע פון דער ראָ־מאַנטיק, און שפּעטער הייסט זי „קלאַסישער אידעאַליזם", בכן צו דער זעלביקער צייט סיי קלאַסיש, סיי ראָמאַנטיש. די שפּעקולאַטיווע ראָמאַנטיק פּרוּווט אַזוי אַרום זיך דערשלאָגן צום אמת און שטעלט זיך אַנטקעגן יעדן פּרוּוו דאָס דאָזיקע שטרעבן צו דערשיטערן. אָבער די פּראַקטישע

— אָדער זאָלן מיר זאָגן די שעפעריש־קינסטלערישע כוחות לאָזן זיך אַוועק אויף אַנדערע וועגן.

די „אין־סופיקע" פאַרשערס פון דעם אומבאַוואוסטן, וואָס האָבן אין זייער סוביעקטיווער איינשטעלונג געזוכט אַ פאַרלוירענע מעלאָדיע, זיי האָבן דערקענט די צעשפּאַלטנקייט פון דעם אינערלעכן לעבן פון דעם אייגענעם איך, „די פאַרקערטע וועלט". איז עס דאָס איך, דאָס אינדיווידו־עלע, דער צענטער? אין דער שטילקייט פון דער נאַכט נאָטירט דאָס וואָרט זיינע אָבסערוואַציעס. אין דעם טונקעלן ליכט ריידן די שטימען פון דער נאַטור. וועלכער מצב פון צענטער נעמט אויף, קאָרעספּאָנדירט מיט די פאַרגאַנגען פון דער נאַטור? ווען דער צענטער, דאָס איך, איז אונטער־געוואָרפן דעם מאַגנעטיזם פון דער נאַכט, וואָס באַלד פאַרברייטערט ער זיך און באַלד פאַרשמעלערט ער זיך, „אַזוי ווי די ברוסט פונעם ים", וואָס די לבנה הויבט און קירעוועט. ביינאַכט באַזיצט די נשמה זיך אינגאַנצן, און דעמאָלט פאַרטיפט זי זיך און קאָנצענטרירט זיך. דאָס געמיט נעמט אַרום דאָס אירעאַלע. די נאַכט, פול פון דער באַוועגונג פון פליגלען און פון פּאַן, פון איבערגעטריבענע געפילן, פון זינלעכער רעליגיאָזיטעט, פון פאַרצווייפלטער פרייד — פאַר די ראָמאַנטיקערס — פון אַ קריסטלעכן עראָטיזם; דאָס איז דער עקסטאַז, וואָס האָט די ראָמאַנטיקערס אַרומגענו־מען — דאָס „געמיט" (אין דעם דייטשישן זינען) און עראָס, וואָס איז אַלגעוואַלטיק און בלינד און אומהיימלעך. אַנטשלאָפענע שרעקן, וואָס דער־וועקן זיך אין דער נאַכט.

„פאַראַן — זאָגט שעלינג — אין דער אַלטער נאַטור אַ פּרינציפּ פון טראַגעדיע, שלעכט פונאַנדערגעטיילט, און ער באַדראָט שטענדיק אונדזער אינערלעכע ציוויליזאַציע". דער דאָזיקער ווילדער פּרינציפּ גייט אַרויס פון זיין באַהעלטעניש צו חצות און מאַכט לויז די צענזור פון די וואַכנדיקע כוחות, און די ערדישע טעלורישע נשמה פּראָפּיטירט פונעם שלאָף, כדי צו צעטומלען די „סאָלאַרע" נשמה...

ווי אין צויבערקרייז זיינען די נאַטור־פילאָסאָפן פאַרשפּונען אין נאַק־טורנעס, ווען די אומבאַוואוסטע כוחות באַפרייען זיך צו דער צייט ווען די שטערן צינדן זיך אָן ביים פאַרשווינדן פונעם טאָג. „דאָס אומבאַ־

וואוסטע, זאָגט לייבניץ, איז אַן אומענדלעך באַוואוסטזיין, אַזוי ווי דאָס בייזע". אַזוי טומלט זיך די דייטשישע ראָמאַנטיק אין די ד' אמות פון דער נאַכט אין יעדן לבוש. די ד' אמות דערווייטערן זיך צו אַן אומגעהיירן קאָסמאָס, וואָס נעמט אַרום דעם טרוים אין שלאָף און העל־זען אויף דער וואָך, מאַגיע און העל־זען, דאָס איך און דאָס ניט־איך מיט דער גאַנצער קאָמפּלעקסער שייכות. די נאַטור־פילאָסאָפיע פאָרשט קודם־כל אויס די נאַטור פונעם מענטשן, דאָס באַוואוסטע און אין אַ העכערער מאָס דאָס אומבאַוואוסטע. די אָפּגרונטן זײַנען אומדערגרײַכלעך, די ראָמאַנטיקערס פּלאָנטערן זיך, שפּאַרן זיך, בײַטן זיך, זוכן צו דערקענען דאָס איך און עס אויסצושעפּן כדי ניי צו שאַפן די וועלט, דאָס איך, וואָס איז דער דעמאָן און דער מלאך, וואָס איז עראָס, דער באַשאַפער מיט די סאַטירן פון שיכרות און פאַרניכטונג. „די נאַטור־פילאָסאָפיע פאָרשט און שפּילט אויף דער קלאַוויאַטור פון דער נשמה און וויל זי אַרומנעמען אין איר טאָטאַליטעט".

עס איז די נאַכט־זײַט, דאָס נאָקטורנע, דאָס באַהאַלטענע, דאָס טונקעלע, דאָס ליכט־טונקל, די מאַכט פון די שאָטנס, די נאַכט־פייגל, די סאָוועס, וואָס זעען בעסער בײַנאַכט, די פענאָמענען, וואָס באַווײַזן זיך נאָר בײַנאַכט. ווער וויל דאָס אָפּטיילן דאָס גוטע פונעם בייזן, די נאַכט פון דעם טאָג? „די געטלעכקייטן זײַנען צונויפגעמישט און די קלאַסיקערס ווילן זיי פונאַנדערשיידן". די אַפיניטעטן פון די וויסנשאַפטן. געפילס־קוואַליטעטן און דיסטינקטיווע אידייען. „גאָט אין גאָט פאַרבאָרגן", ניט אינגאַנצן פאַרבאָרגן, אָבער אויך ניט אינגאַנצן צוגענגלעך.

די ראָמאַנטישע אַלכעמיע מעקט אָפּ אין אירע אויסגראָבונגען די אײַנפּאַכע נאַטורן, כדי זיך צו דערשלאָגן צו דער קאָנקרעטער נאַטור פון פאַר דעם חטא הקדמון. דאָס איז דאָס אומרייִנע, די ערבוביא, וואָס האָט עקסיסטירט איידער אַלץ איז נאָך פונאַנדערגעטיילט געוואָרן אין קלאָר און אומקלאָר, אין ליכט און שאָטן, אאַז"וו. די נאַטור אַליין שטעלט אויף די רשימה פון אירע סתירות אין דער נאַטור־פילאָסאָפיע, דאָ וואו דאָס טונקעלע פאַראייניקט נאָך דעם אָביעקט מיטן איך, דאָס קאָמישע מיטן טראַגישן, די טאָט מיט דער „פאַרנונפט". די נאַטור איז דער רע־

גיסטער פון די ציוויליזאַטאָרישע אַנטרעגלונגען, זי רעדט דאָס ביינאַכט, ווען זי פּילט אָן די טאָלן מיט שאָטנס, מיט מיסטעריעס, מיט מוזיק. די נאַכט איז אַן עדות פונעם אורשפּרונג פון דער צייט, דער טאָג איז איר זון. אָבער די נאַכט איז, לויט נאָוואַליס, פול מיט „התגלותן". די דייטשי־שע ראָמאַנטיקערס, די תלמידים פון יאַקאָב בעהמע האָבן תופס געווען אַ מוטערלעכן חלל, אַ נישט, וואָס איז נול, און אַן אין־סוף, וואָס איז פּרוכ־פּערקייט און פולקייט. צווישן קיום און ניט־קיום האָבן זיי געזען די מעג־לעכע צוויי־דייטיקע נאַטור, וואָס מען קען פון איר ניט זאָגן, ניט אַז זי איז עפּעס, ניט אַז זי איז גאָרניט. די מעגלעכקייט צו זען דאָס פּאַראַנען־זיין פון דעם פּאַראַנענעם, אויך פון דעם חסד, וואָס איז סאַמע ליידיקייט. פון דאַנען קומען טאַקע די נאַקטורנע פענאָמענען, דאָס בייזע, דער טויט, די קראַנקייט, דער טעות און די זינד. אַ גאַנצע סקאַלע פון פּאַרניינענדיקע עלעמענטן, וואָס טומלען זיך אַרום אין דעם פינצטערן חלל לויט אַ וויטאַלן סדר, פון אונטן אַרויף צו אויבן, פון דער ענגקייט צו דער ווייטקייט, צו דער אויפשטייגנדיקער ליניע. זיי אַלע געהערן צו דער אינטואיציע פון דעם אַרטיסט און צו די ביאָלאָגישע כוחות פון דער וועגעטאַציע, אַט דאָס אַלץ, וואָס איז רייף געוואָרן אין דעם אומבאַוואוסטזיין, ראַנגלט זיך אין וועלן באַקומען אויסדרוק, פון דעם חושך צום ליכט. דער זאָמען אַרבעט אין די מוטערלעכע טיפקייטן פון דער ערד, וואו ער גרייט זיך צו צו דעם אָנקום פונעם ליכט.

דער מענטש איז לויט דער ראָמאַנטישער אויפפאַסונג אַן אייגענער קאָסמאָס פאַר זיך. וואָס פּרימיטיווער ער איז, אַלץ שטאַרקער ווירקט אין אים דער וועגעטאַטיווער עלעמענט. ער איז משועבד צו די קלימאַטישע, אַנאָרגאַנישע און אָרגאַנישע השפּעות, וואָס ער זויגט זיי אויף און וואָס זיי פאַרבינדן אים מיט דער נאַכט, מיט דער נאַטור, מיטן חלל. און אָט איז דער אומבאַוואוסטער צוזאַמענהאַנג פון מענטש מיט דער נאַטור. דורך די אַזוי גערופענע סימפּאַטישע אָדער וועגעטאַטיווע נערוון, דורך די היילנדי־קע ווירקונגען פון פלאַנצן, פון מעטאַלן, פון איידל־שטיינער, דורך די סמים פון געוויסע קרייטעכצער. אַלע זאַכן אַרום אונדז, וואָס באַשטייען פון גע־וועבן, אָדער פון האָלץ, האָבן זייער היילנדיקע אָדער באַאומרואיקנדיקע

ווירקונג; חיות האָבן זייער השפעה דורך דער סימפּאַטיע אָדער דורך דער אַנטיפּאַטיע פון דער קרעאַטור, וואָס איז אומהיימלעך אָדער רירנדיק. די השפעה פון איין מענטשן אויף דעם צווייטן געהערט צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע פון מיסטעריע, וואָס קען ניט תמיד אינגאַנצן אויפגעקלערט ווערן. דער מענטש געהערט, לויט דער ראָמאַנטישער אויפפאַסונג, ניט נאָר זיך אַליין, נאָר ער קען אויך זיין דער באַזיץ פון אַנדערע באַשעפענישן.

דער גלויבן אין דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ נאָכן טויט איז אַפילו דערגאַנגען דערצו, אַז טויטע קענען אין זייער „סידערישן" לייב זיך פּלוצלונג באַווייזן אין אונדזער מיט. בכלל קען דער מענטש, בהסכם מיט די דערשיינונגען פון סאָמנאַמבוליזם, האָבן אַ טאָפּלטן באַנעם פון דער וועלט; איינעם אַן אויסערלעכן, וואָס די חושים נעמען אויף, און איינעם אַן אינעווייניקסטן, דורכן אינעווייניקסטן זינען; אָדער אייגענטלעך לעבט ער גאָר אין דריי דימענסיעס מיט אַמאָל, אין דער זינלעכער אָדער עלעמענטאַרער, אין דער „סידערישער" און אין דער גייסטיגער דימענסיע. אין דער „סידערישער" דימענסיע האָבן די בילדער פון דער פאַנטאַזיע און פון דעם זכרון אַ ניט מאַטעריעל, אָבער אַ וואָר לעבן. זיי זיינען לויט דער אויפפאַסונג פון די ראָמאַנטיקערס גלידער פון דער אינעווייניקסטער וועלט, אין דער זעלביקער מאָס ווי אַלץ, וואָס איז קערפּערלעך, איז אַ גליד פון דער אויסערלעכער וועלט.

זוכנדיק אַ מקום מנוחה, וואָס זיי האָבן אַליין ניט געקענט געפינען, האָבן זיי אַזוי ווייט געוואַנדערט און האָבן געזוכט אַזוי טיף, ביז זיי האָבן גענומען גיין דעם וועג אויף צוריק, צו די וואונטש־טרוימען פון דער רעליגיעזער טראַנסצענדענץ. עס איז געווען לייכטער ניט צו מוזן אַנטשיידן אַליין און צו געפינען אַ היים פאַר דער וואוכערנדיקער נאָסטאַלגיע, וואָס איז ניט געהאַמעוועט געוואָרן און האָט זיך ברייט געמאַכט אין דער דייטשישער נשמה; און דער קאַטויליציזם האָט צוגעשטעלט פאַרבן און מוזיק און שירה און תאווה און זינד און טרערן און חרטה, וואָס האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן אין ווייַרויך פון אַלטע קאַטעדראַלן. נאָוואַליסעס „קריסטנהייט אָדער איראָפּאַ" גיט דער דאָזיקער ריכטונג דעם בולטסטן אויסדרוק. „די דייטשי־

שע ראָמאַנטיק האָט גורם געווען צום אויפקום פון אַ באַנייטן, דערהויבע־נעם מיטלאַלטער", זאָגט ריקאַרדאַ הוך. פאַר וואָס „דערהויבן"? היינע איז עס אונדז מסביר אין זיין „ראָמאַנטישער שול", ווי איינער וואָס קען זאָגן „בעיני ראיתי":

„וואָס אָבער איז געווען די ראָמאַנטישע שול אין דייטשלאַנד? זי איז ניט געווען קיין אַנדער זאַך ווי די ווידער־דערוועקונג פון דער פּאָעזיע פון מיטלאַלטער ווי זי האָט זיך מאַניפעסטירט אין אירע לידער, אין אירע בילדער און בוי־ווערק, אין קונסט און אין לעבן..."

דייטשלאַנד

געטע און שילער

אויפן שוועל פון דער ראָמאַנטיק

די דערשיטערטע אַטמאָספער וואָס האָט געפירט צו די אָנהייבן פון דער ראָמאַנטיק, האָט אין דייטשלאַנד לכתחילה געפונען איר אויסדרוק אין דער אַזוי אָנגערופענער באַוועגונג פון „שטורעם און דראַנג" צו וועלכער עס האָט באַלאַנגט לעסינג, וועמענס פירער עס זיינען געווען הערדער, געטע און שילער. דער ציל איז קודם כל געווען זיך צו באַפרייען פון פראַנצוי־זישן נעאָ־קלאַסישן איינפלוס. לעסינגס איבערזעצונגען פון שעקספירן האָ־בען אַרויסגערופן אַן אמתן ענטוזיאַזם וואָס האָט זיך שפּעטער פאַרוואַסערט אין איבערטריבענער פאַרהימלונג פון די אַזוי אָנגערופענע „אָסאַנישע גע־זאַנגען". דערמיט הויבט זיך אָן די אמת'ע עפּאָכע פון ראָמאַנטיזם, צו וועלכן די אויבן־דערמאָנטע נעמען האָבן זייער באַזונדערע שטעלונג.

דער „שטורם און דראַנג" פאַלט צונויף מיט געטע'ס יוגנט. די צי־טערונגען אין דער דערשיטערטער אַטמאָספער זיינען געריכטעט אַנטקעגן דעם ראַציאָנאַליזם פון אַכצענטן יאָרהונדערט. רוסאָ גייט אַרויס מיט זיין קאָנצעפּציע פון נאַטור אין זיין פילאָסאָפיע, און געטע פילט, אַז סיי נאַטור פון לעבן, סיי שאַפערישע נאַטור פון דיכטונג דאַרף ערשט אַנטפּלעקט ווערן. אין דער נאַטור, ווי אין דער מענטשלעכער נשמה, זיינען פאַ־ראַן פאַרבאַהאַלטענע סודות, פון וועלכע די למדנים פאַרשטייען גאָר־נישט. ער פאַרמיידט קאָנווענציעס אין זיינע לידער, האַלט זיך אין פאָלקסטאָן ווי למשל אין שיינעם ליד "Roeslein auf der Heide".

זיין שטענדיקער מורה דרך, דער אויסטייטשער פון דעם, וואָס האָט געשוועבט אין דער לופט, איז הערדער. דער קולטיווירטער געשמאַק האָט אויפגעהערט צו זיין דער מאָסשטאַב פאַר דעם, וואָס ס'איז שיין אין ליד. געזאַנגען, געזונגען פון פאָלק, באַלאַדן, פריידן אוןליידן פון פשוטן הארץ האָבן אָנגעהויבן ווערן די מאָדעלן פון דער נייער פּאָעזיע. אַפילו געטע האָט גענומען זאַמלען אַלטע נגונים, מאָטיוון פון אַלטע באָבעס. ווען די

ראַמאַנטיקער האָבן זיך גענומען קלייבן די דאָזיקע אַלטע „שמות", האָט דאָס געטע פריינטלעך באַגריסט.

צו הערדער איז צוגעקומען דער פרע־ראַמאַנטיקער האַמאַן, וואָס האָט אַריינגעפירט דאָס איראַציאָנעלע אין נייעם באַנעם, עמאָציע, גלויבן, פאַר־געפיל, אינטואיציע — אַלע די דיסקרעדיטירטע באַגריפן פון דער אויפ־קלערונג שטייען אויף תחית המתים, און דער פראָטעסטאַנטישער מיס־טיקער האַמאַן לערנט צו לייענען די ביבל אויף אַ נייעם אופן. די שפּראַך פון די מענטשן איז די פּאָעטישע שפּראַך, די שפּראַך, וואָס גאָט האָט גערעדט צום מענטשן דורך זיינע נביאים. אמת'ע דיכטונג איז אָבסער־וואַציע און איבערטראַכטונג אין דער זעלביקער צייט. אימאַזשן, משלים, סימבאָלן פון איבערזינלעכן און אומזינלעכן, ווי עס איז די צוויי־פּאַכע נאַטור פונעם מענטשן. געטע האָט, ווי ער האָט באַהויפּטעט, אַ סך געלערנט פון האַמאַן.

„אַלץ, וואָס דער מענטש נעמט זיך אונטער אויסצופירן, זאָל זיין דורך טאַט אָדער וואָרט, אָדער אויף אַן אַנדער אופן אַרויסגעבראַכט, מוז אַרויס־שפרינגען פון אַלע פאַראייניקטע כוחות; אַלץ אַנדערע מוז אָפּגעוואָרפן ווערן".

דערצו איז געקומען די תורה פון זשאַן זשאַק רוסאָ, אַז די נאַטור איז די אַבסאָלוטע נאָרם, מיט וועלכער אַלץ מוז געמאָסטן ווערן. דער מענטש איז געבוירן פריי, נאָר אַצינד איז ער אומעטום אין קייטן. לויט דער נאַטור איז ער גוט און פרום, נאָר די אינטעלעקטועלע קולטור האָט אים געמאַכט אומגליקלעך און בייז. די אָריגינעלע פשטות און אומ־שולד זיינען צעשטערט געוואָרן דורך שטאָטישער ציוויליזאַציע.

אין פראַנקרייך האָט רוסאָ'ס תורה געדינט פאַר אַ שולחן ערוך פון דער רעוואָלוציע. אין דייטשלאַנד האָט זי געשאַפן אַ פאַרווירונג, וואָס איז געווען פרוכפּעריק פאַר דער ליטעראַטור, וואָס האָט געפירט צו אַ נייער טאָטאַליטעט, אַ האַרמאָניע פון נאַטור און גייסט, וואָס האָט סוף כל סוף זיך אויסגערייפט אין אַן אידעאַליסטישן הומאַניזם.

געטע האָט גערן אַראָפּגעוואָרפן דעם באַגאַזש פון טראַדיציע. „די ליידן דעס יונגען ווערטער" זיינען משמעות באַאיינפלוסט פון רוסאָ'ס

„נייע העלאָאיז״. אַפילו דעמאָלט, אונטערן פולשטענדיקן איינפלוס פון הערדער, האַלט ער דאָך אָן אַ געפיל פאַר פאָרעם אין זיינע שריפטן און אין זיין ליטעראַרישער טעאָריע.

פּאַמעלעך, גאַנץ פּאַמעלעך, קומט די אויסניכטערונג. „טאָן און דענקען״, וואָס איז די אַקסיאָמע פון שפּעטערע יאָרן, איז לאַטענט פאַראַנען שוין אין זיין יוגנט. אויב מיר וואַרפן אָפּ דאָס סיסטעם פון נעאָקלאַסיציזם, פרעגט זיך געטע, וואָס וועט פאַרנעמען זיין אָרט? דערווייל זאָלן מיר זיך באַגנוגענען מיט פילן, אינספּיראַציע, און זשעניע, „פאַרערונג פאַרן שעפערישן מענטשן״. נאַטור אין זין פון איינפאַכקייט און אמת, אַפילו נאַטוראַליזם. געטע האַלט ניט פון טעאָריעס. זיי פאַרשטעלן דעם וועג צו גענוס. די איינציקע פונקציע פון טעאָריע איז באַפרייען די ענערגיעס פון קינסטלער, צו מאַכן לופט פאַר זיין נאַטירלעכן פייער, עס זאָל זיך קענען אויסברייטערן און זיין אַקטיוו.

אין זיין אָפּשאַצונג פון שיינקייט פון דער קאַטעדראַלע פון שטראַס־בורג רעדט ער פון אָריגינאַליטעט, וואָס מיינט די פעאיקייט צו פּראָ־דוצירן עפּעס, וואָס איז ניי, שיין, איינציקאַרטיק, לויטן ערך פון פער־זענלעכן לעבן פון אינדיווידואום, וואָס איז פאַראַנקערט אין די טיפענישן פון אומבאַוואוסטן עגאָ, אין געפיל און אין מיסטעריעזן דראַנג פון אינדי־ווידועלן ווילן. די שטראַסבורגער קאַטעדראַלע, אַ ווערק פון דייטשישער אַרכיטעקטור, רעכנט זיך ניט מיט קאָנווענציעס און באַווייזט, אַז גרויסער גייסט צייכנט זיך אויס אַנטקעגן קליינעם מיט דעם, וואָס דאָס ווערק איז אומאָפּהענגיק, ניט רעכנענדיק זיך מיט דעם, וואָס אַנדערע האָבן געטאָן. עס קאָ־עקזיסטירט מיט ווערק פון פאַרצייטנס, בעת דער קליינער גייסט מאַניפעסטירט זיין אָרעמקייט און באַגרענעצטקייט דורך שלעכט אָנגע־ווענדעטער אימיטאַציע. „און אויב נאַטור וועט זיין דיין לערער, וועט דיין נשמה מעכטיק ווערן״. ניט לויט דער נאַטור דאַרף מען שאַפן, נאָר צוזאַמען מיט איר.

ער פאַרגעטערט שעקספּיר׳ן. „די ערשטע זייט, וואָס איך האָב געלייענט פון אים האָט מיך געמאַכט פאַר זיין אייגענעם פאַרן לעבן...״ שעקספּיר איז פאַר אים דער געשיכט־שרייבער פון דער מענטשהייט. ניט די אויסערע

פאָרם, די קלאַסישע פון די „איינהייטן" פון צייט, אָרט און דראַמאַטישער האַנדלונג, נאָר וואָס ס'איז נויטיק איז די אינערלעכע פאָרם. „נאַטור, נאַטור!" רופט ער אויס, „גאָרנישט איז אַזוי נאַטורעל ווי שעקספּירישע מענטשן. ער פאַרמעסט זיך מיט פּראָמיטעאוסן, שאַפט נאָך צוג נאָך צוג זיינע מענטשן נאָר אין קאָלאָסאַלער גרויסקייט".

אונטערן אימפּאַקט פון באַוואונדערונג פאַר שעקספּיר'ן שרייבט ער זיין היסטאָרישע פּיעסע „די געשיכטע פון גאָטפריד פון בערליכינגען מיט דער אייזערנער האַנט, דראַמאַטיזירט". דאָס איז די ערשטע דראַמע, אין וועלכער ער האָט געבראָכן מיט נעאָ־קלאַסישע קאָנווענציעס, ווען ער שפּראַך עס רעדן לעבעדיקע מענטשן, און צוגעפּאַסט צו די אינדיווידועלע כאַראַקטערס פון דער דראַמע. דער ערשטער ממשותדיקער אַרויסטריט פון „שטורעם און דראַנג" פּעריאָד.

ניט צו לאַנג פאַרווילט גטעטע ביי די פּראָבלעמאַטישע אינאָוואַציעס. גאַנץ אומזיכער הויבט אָן פאַרצושוועבן די פיגור פון ד"ר פויסטוס, וואָס איז אין ענגלאַנד באַהאַנדלט געוואָרן פון קריסטאָפער מאַרלאָו.

געטע הויבט אָן זיין דראַמע נאָך אין שטראַסבורג, באַנוצט זיך מיט אַלע רעקוויזיטן פון ראָמאַנטישן רעזערוואואַר, דהיינו, מיט שוואַרצער מאַגיק, כשוף, אאַז"וו, אַזוי ווי די פאָלקס־לעגענדע דערציילט דאָס, נאָר וואָס געטע שטעלט ניט אַוועק ד"ר פויסטוס ווי אַ בייזן בעל־עבירה'ניק, נאָר ווי אַ טראַגישן ברודער, וואָס זוכט צו דערגיין די געהיימע סודות פון קאָסמאָס, צו אַנטפּלעקן דאָס אומבאַקאַנטע, וואָס וועט אייביק מאַטערן די גייסטער, וואָס ווילן דערגיין; ווי ער זאָגט דאָס אין „דיכטונג און וואָרהייט": „איך האָב זיך אויך ארומגעטריבן אין יעדן וויסן, און גענוג פרי געוואָר געוואָרן פון זיין הכל הבל. איך האָב געפּרוואווט אין לעבן אויף פאַרשיידענע אופנים און בין נאָר אַ געקווילטער, אומבאַפרידיקטער צוריקגעקומען".

פויסט גייט אַדורך אַלע נסיונות, מיט וועלכע „מען זאָל ניט געפּרוואווט ווערן". דער מאַרגאַרעט־עפּיזאָד מיט זינלעכער און איבערזינלעכער ליבשאַפט שעפּט זיך באַלד אויס, און דער אומשטערבליכער פאַרפירער גלוסט ניט וויניקער ווי נאָך העלענאַ, וואָס האָט אָנגעצונדן אַ פלאַקער־שלאַכט צווישן גריכנלאַנד און טראָיאַ.

זשעראַר דע נערוואַל האָט איבערזעצט פויסט׳ן אויף פראַנצויזיש און שטעלט אַוועק דעם העלענאַ־עפּיזאָד אין מיטל־פּונקט פון דער פויסט־דראַמע, און, ווי מיר ווען שפּעטער זען, לעבט דער מחבר אַליין אין אַ שטענדיקן צושטאַנד פון מעטאַפיזישע חלומות און ער דערקלערט:

„פאַר אים, ווי בלי ספק פאַר גאָט, דערגייט גאָרניט צו קיין קץ. אָדער עס טראַנספאָרמירט זיך גאָרנישט נאָר די מאַטעריע, די פאַרגאַנגענע יאָר־הונדערטער קאָנסערווירן דעם צושטאַנד פון אינטעליגענצן און שאָטנס אין אַ המשך פון קאָנצענטרישע רעגיאָנען, אויסגעשפּרייט אַרום דער מאַטעריעלער וועלט. דאָרט דערפילן נאָך די דאָזיקע פאַנטאָמען, אָדער חלומען צו דערפילן טאָטן, וואָס זיינען אַמאָל באַלויכטן געוואָרן פון דער זון פון לעבן, און אין וועלכע זיי האָבן באַוויזן די אינדיווידואַליטעט פון זייער אומשטערבלעכער נשמה...״

ווען געטע האָט געזען זיין פויסט אַזוי אינטערפּרעטירט, האָט ער זייער ערנסט געשריבן דעם יונגן מחבר אַז ער האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזוי גוט פאַרשטאַנען.

פאַראַן אַפיניטעטן צווישן געטע און די ראָמאַנטיקער. אויך ער גלויבט פאַנאַטיש אינעם געפיל און וואַרפט אָפּ סיסטעמאַטישע אויפקלערונג פון דער וועלט, און אַוודאי מאָראַלישע שטרענגקייט. „בעסער שלעכט אויס געפיל איידער גוט מיט שכל״. „אויב וויסן ווערט וויסנשאַפט, האָט דאָס שוין ניט קיין ווערט״. „מיר זיינען אַלע אייביק״. „איך בין דעריבער אייביק, ווייל איך בין״. נאָר די קראַפט פון גורל איז שטאַרקער פאַר אונז. די תפילות צו גאָט העלפן ניט, ווערן אָפּגעוואָרפן. אָבער דער מענטש האָט אַ חלק אין אוניווערסאַל־געטלעכן דורך זיין שאַפערישן כח. אויף דעם וועג איז געטע געגאַנגען כדי צו דערגיין צו זיין פערזענלעכן מיטאָס.

אין די „ליידן פון יונגן ווערטער״ שטעלט געטע אַוועק אַ שפּיגל פאַרן יונגן דור. דער סוף איז זעלבסטמאָרד. דערמיט ענדיקט זיך זיין אָפּוואַרטנדיקע האַלטונג צום ראָמאַנטיזם. אויך אויף „ווערטער״ האָט האָט ער שפּעטער חרטה געהאַט.

„אַך, ווי אָפט האָב איך פאַרשאָלטן די נאַרישע בלעטער,
וואָס האָבן דערציילט פון מיין יוגנטלעך לייד,

וואָלט ווערטער מיין ברודער געווען,
איך וואָלט זיכער אים אומגעבראַכט...״

די רייזע קיין איטאַליע מאַכט אים אינגאַנצן קלאָר וואו ער שטייט. אויב ער איז געשטאַנען אַפּוואַרטנדיק צו דער ראָמאַנטיק, האָט ער נאָר געדאַרפט זען דאָס קאָנפוזע, קראַנקע פון דער נייער ריכטונג, מיט וועלכער ער האָט אַפילו ניט פּאָלעמיזירט. ער האָט זיך באַנוגנט מיט געלעגנהייט־לעכע אויסדרוקן פון ביטול.

„ווילהעלם מייסטער׳ס לעהריאָרן״ איז געטע׳ס אויטאָביאָגראַפישער ראָמאַן. זיין גאַנץ ראַנגלען זיך און ווערן איז דערינען.

„שעקספיר, וואָס האָט געפילט דעם ווערט פון עטלעכע יאָרהונדערטער אין זיין ברוסט, וואָס אין זיין נשמה האָט זיך געוועבט דאָס לעבן פון גאַנצע יאָרהונדערטער...״ — שעקספיר פעלט ניט אין ווילהעלם מייסטער, וואו האַמלעט ווערט געזען און אינטערפּרעטירט אויף אַ נייעם אופן.

פונקט ווי עגמאָנט, פילט זיך געטע ווי אַן איינזאַמער, אומאָפּהענגיקער, וואָס שטרעבט זיך צו באַהויפּטן אַנטקעגן אַן אַנאַרכישער תקופה.

„דאָס לייד פון דער ערד, דאָס גליק פון ערד צו טראָגן,
צו ראַנגלען זיך מיט שטורעמס און שיפברוך ניט צו קלאָגן״.

דאָס בלייבט אַלץ נאָך דעם וויטן וועג, מיט אַלע נסיונות, דער־שיטערונגען, נצחונות, וואָס איז אַף על פי כן, אַ שטענדיקער באַרג־אַרויף, וועלכן געטע גייט זוכנדיק זיך און גאָט אין זיך, די עסענץ, וואָס לעבט פון זיך אַליין און וועמענס ווערט עס ליגט אין איר איינציק־אַרטיקייט.

***

„...אָבער אַלס לערער און דערציער פון שיינקייט — אַלס מחבר פון דער „עסטעטישער דערציאונג״, וואָס איז אפילו היינט נאָך אומבאַ־קאַנט ביי זיין פאָלק, און וועט עס מסתם לאַנג נאָך בלייבן — שילער וועט אַמאָל נאָך פייערן אַ גלענצנדיקע ווידעראויפלעבונג...״ (סטעפאַן געאָרגע „דאָס יאָרהונדערט פון געטען״).

צום טייל ווייזט זיך דאָס שוין אַרויס ווען זיינע אויפפאַסונגען גייען זיך צונויף מיט יענע פון ט. ס. עליאָט, וואָס האַלט, אַז אין דער עמאָציע פון פּאָעט שפּילט דאָס אונטער־באַוואוסטזיין אַ גרויסע ראָלע הגם ער גייט ניט

אַזוי ווייט ווי די ראָמאַנטיקער, וואָס ווילן דאָס באַוואוסטזיין בכלל איגנאָ־רירן. און געוויס געפינט זיך שילער אין פולשטענדיקן אַקאָרד מיטן סימבאָ־ליזם, וואָס האָט זיך פשוט באַשאַפן אַ זייער געשפּאַנטן צימצום פון אויס־דרוק אין דער געשליפנקייט פון וואָרט.

„ווען אָביעקט און סוביעקט קאָנצענצטרירן זיך, אַנטשטייט דער סימבאָל", זאָגט געטע. „דער סימבאָל רעפּרעזענטירט מענטש און ענין, קינסטלער און נאַטור, און נעמט אַן די טיפּע האַרמאָניע צווישן געזעצן פון געהירן און יענע פון נאַטור. אַ סימבאָל אַרבעט אומדירעקט, אַן קאָמענטאַר, בעת אַלע־גאָריע איז די טאָכטער פון פאַרשטיין. סימבאָל איז מרמז אויף אַן אידעאַל אומדירעקט; עס רעדט צו די חושים דורך קאָנקרעטער רעפּרעזענטאַציע," זאָגט געטע אין אַן עסיי אין דער קונסט־צייטשריפט „די פּראָפּילייען".

און אין אַ בריוו צו שילער:

„...דאָס איז אמת'ע סימבאָליק, וואו דאָס באַזונדערע רעפּרעזענטירט, ניט אַלס טרוים אָדער שאָטן, נאָר אַלס לעבעדיק־אויגנבליקלעכע אָפּענ־באַרונג פונעם פאַרבאָרגענעם..."

די דאָזיקע איינשטעלונג געטע'ס דערפירט צו שילער'ס אינטערעסאַנטער אָפּהאַנדלונג „וועגן נאַאיווער און סענטימענטאַלער קונסט," וואָס איז בעצם אַ קריטיק פון געטע'ס ווערק. שילער שטעלט אַנטקעגן דעם צעשפּאַלטענעם סענטימענטאַלן פּאָעט דעם איינהייטלעך נאַאיוון. ער גרייפט אָן „ווילהעלם מייסטער", ווייל דער דיכטער האָט זיך אין דער פאָרעם, אין דער געשאַל־טונג ניט געהאַלטן אויף דעם שטח פון מעטרישער דיכטונג, ווי אין „הערמאַן און דאָראָטעאַ." „ווערטער" האַלט ער פאַר אַ סענטימענטאַלער טעמע באַהאַנדלט מיט „נאַאיוויטעט."

די צוויי ווערטער „סענטימענטאַל" און „נאַאיוו" זיינען פון דעמאָלט אָן דורכגעגאַנגען פאַרשידענע מעטאַמאָרפאָזן. זיי זיינען דאָ געברויכט ווי קריטישע באַגריפן, און דער לייענער וועט זיי מוזן פאַרשטיין לויטן גייסט פון יענער תקופה. סענטימענטאַליטעט האָט דעמאָלט געמיינט פּאַסיאָן, ליידנשאַפט, נאַאיוויטעט האָט געמיינט נאַטוראַליזם, וואָס האָט זיך געקענט פאַרברייטערן אין פלאַכקייט. אונז אינטערעסירט אָבער אין דעם צוזאַמענ־האַנג נאָר דער שילער פון „שטורעם און דראַנג", וואָס איז געווען אַ

מין קאָרידאָר צום ראָמאַנטיזם. אין קאָרידאָר פון ראָמאַנטיזם — אין „שטורעם און דראַנג" — האָט שילער געגעבן זיין דראַמע „די רויבערס".

„די רויבער" דריקן אויס דעם קעגנזאַץ צווישן אים און דער וועלט און זאָגן אָן, אַז ער איז ניט משלים מיט איר און אַז ער וועט זיך קעגן איר ווערן.

קאַרל מאָר טרעט אַרויס אַנטקעגן דעם געזעץ, כדי צו שאַפן אַ נייע געזעלשאַפט, אַ פרייע. דאָס זעלבע טוט „ווילהעלם טעל", דאָס זעלבע דער־שטרעבט דער „מאַרקי פון פאָזאַ" אין „דאָן קאַרלאָס".

קאַמף אַנטקעגן דער מענטשלעכער באַגרענעצטקייט, בייזקייט, בירגער־לעכער ענגקייט, ליידיק־געוואָרענער פראַכט, אַנטקעגן דער האַלבקייט פון דער נשמה, אונטער וועלכער ער לעבט און ליידט — דער קאַמף ווערט אַ דאָפלטער, מיט זיך און מיט דער וועלט. „די רויבער" פרואוון דעם דאָזיקן קאַמף צו געבן אַ פאָרעם. דער וועקער, דער דערציער רעדט אויס דעם דאָזיקן ווערק. די אייגענע זעלישע שפּאַנונג וואָס וועט זיך שפּעטער אויסדריקן אין דער גרויסער ליטעראַרישער ירושה, שאַפט דאָס דראַמאַ־טישע דורכלעבן פון שילער׳ס יוגנט־ווערק.

ער האָט באַלאַנגט צו דער אויפקלערונג, הגם דאָס גייסטיקע לעבן אין דייטשלאַנד איז געווען פאַרפלייצט פון דער גרויסער כוואַליע ראָמאַנ־טיזם מיט אירע וועגן, גלייכע און קרומע, מיט איר גלאַנץ און פאַרפאַל, מיט וועלכן מיר וועלן זיך פאַרנעמען אין די קומענדיקע בלעטער.

מיט רעכט איז רוסאָ פאַר אים ניט געווען וויכטיק ווי אַ ליטעראַרישער באַנייער, נאָר ווי דער באַנייער פון געזעלשאַפטלעכע אידייען, פון וועלכע ער האָט דאַנקבאַר געלערנט.

אין ווייַמאַר האָבן זיך נאָך געפונען אַנדערע פערזענלעכקייטן וואָס האָבן פון דער נייער תורה נישט געוואָלט וויסן. דער נאָענטסטער איז אים בשעתו געווען ווילאַנד, וואָס איז אויך געווען אַ קינד פון דער אויפקלערונג. ווילאַנד וואָרצלט אין דער אַנטיקע, אין העלעניזם, וואו ער זעט אַפיניטעטן צו זיין אייגענער תקופה.

ווינקעלמאַן איז מסתמא דער באַדייטנדסטער גריכאָלאָג פון יענער צייט און ווערט פון געטען אין אַ ספּעציעלער אַרבעט באַזונדערס אָפּגע־

שאַצט. די אידייען, וואָס שילער איז אויסן געווען אין זיין יוגנט־ווערק „די רויבער", איז ער געטריי געבליבן אין זיינע רייפסטע יאָרן. אין זיין פּיעסע „דער מענטשן־פיינט" רופט דער העלד פאַן הוטן אויס... „איך האָב יראת הכבוד פאַר דער מענטשלעכער נאַטור — דעם מענטשן — אָבער ליבן קען איך נישט מער... וואָלט איר אַזוי ווערט געווען דעם דאָזיקן נאָמען (מענטש) ווי ער איז מיר הייליק; מענטש, הערלעכע, הויכע דער־שיינונג! שענסטער פון אַלע געדאַנקען פון באַשאַפער! ווי רייך, ווי פול־קאָמען ביזטו אַרויסגעקומען פון זיינע הענט!..."

שילער איז, ווי געטע, געשטאַנען אויפן שוועל פון דער ראָמאַנטיק. ער האָט אים קיינמאָל נישט אַריבערגעטראָטן.

פרידריך שלעגעל

פרידריך שלעגעל הויבט אָן זיין קאַריערע ווי אַ סך אַנדערע מיט גריכנלאַנד, וואָס איז פאַר אים „אַן אייביקע נאַטור־געשיכטע פון געשמאַק און פון קונסט”. אַפילו זיין באַהויפּטונג, אַז די בעסטע טעאָריע פאַר דער קונסט איז איר געשיכטע, האָט ער שפּעטער רעווידירט. „דער קוואַל פון אָביעקטיווע געזעצן פאַר פּאָזיטיווער קריטיק” איז די גרויסע איינהייט, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַ סך וועלטן פון קונסט, וואָס פאָרעמט פאַר זיך אַליין אַ „זאָנדערבאַר ווערק פון קונסט”. באַאיינפלוסט פון לעסינג׳ס קריטיק זאָגט ער: די כאַראַקטעריסטיק פון ווערק פאָדערט אַ מין געאָגראַפיע... אַ גייסטיקע און עסטעטישע אַרכיטעקטאָניק פונעם ווערק, פונעם וועזן, פונעם טאָן; ... „פּאָעזיע, זאָגט ער, קען נאָר קריטיזירט ווערן דורך פּאָעזיע. אַ קונסט־אורטייל, וואָס איז נישט אַ קונסט־ווערק אין שטאָף, אַלס אַ פּרע־זענטירונג פון נויטווענדיקן איינדרוק אין זיין ווערן, אָדער דורך אַ שענע־רער פאָרעם און אין ליבעראַלן טאָן לויטן גייסט פון דער אַלטער רוימישער סאַטירע — האָט נישט קיין שום בירגער־רעכט אין דער ממשלה פון דער קונסט”.

אָבער דאָס איז אַלץ נאָך פאַר זיין רעליגיעז־קאַטוילישער פּאַזע, ווען ער האַלט גריכישע פּאָעזיע פאַר אידעאַלער פּאָעזיע, „נישט אינטערעסירט” אָביעקטיוו, פריי פון דידאַקטישע און מאָראַלישע ריקזיכטן. און „דאָס שרעקלעכע און פּרוכטלאָזע פאַרלאַנגען זיך צו פאַרשפּרייטן — צום איין־סוף און דער הייסער דורשט אַריינצודרינגען אין פּרטים” וואָס ער וואַרפט פאָר דער מאָדערנער ליטעראַטור ווערט דערוויילע געוואָרפן צום אַלטן אייזן.

מיט דער צייט דערגייט פ. שלעגעל — נאָך פאַרשידענע אָפּהאַנדלונגען פאַר דעסאינטערעסירטער פּאָעזיע צו אַ נייער אויפפאַסונג. אין אַ פראַגמענט, פאַרעפנטלעכט אין „אַטענעאום” דערקלערט ער, אַז די ראָמאַנטישע פּאָעזיע, איז אַ פּראָגרעסיוו־אוניווערסאַלע פּאָעזיע. „ראָמאַנטישע פּאָעזיע, זאָגט ער, איז די איינציקע וואָס איז מער ווי אַ מין, זי איז אַזוי צו זאָגן, די פּאָעזיע אַליין: וואָרעם אין אַ געוויסן זין איז די גאַנצע פּאָעזיע אָדער זי זאָל זיין

ראָמאַנטיש... דאָס וועט דערפירן צו אַ וואַקסנדיקער קלאַסיציטעט אָן אַ ברעג".

אין אַ פאַרגלייך צווישן שעקספּיר און געטע שניידט שעקספּיר ניט גוט אָפּ. ער האַלט געטען פאַר אַ סך באַדייטנדיקער; אָבער ער האַלט, אַז שעקספּיר האָט געלייגט די ראָמאַנטישע יסודות צו דער מאָדערנער דראַמאַ... שעקספּיר איז דער אמת'ער צענטער און קערן פון ראָמאַנטישן דמיון. די ראָמאַנטיק דאַרף לויט פ. שלעגעל נישט נאָר פאַראייניקן אַלע מינים פון פּאָעזיע, נאָר דאַרף זיך באַרירן מיט פילאָסאָפיע און רעטאָריק. זי דאַרף קאָמבינירן פּאָעזיע און פּראָזע, געניאַליטעט און קריטיק, אָבער אויב מ'שרייבט אָדער לייענט צוליב „פּסיכאָלאָגיע ראָמאַנען, איז דאָס זייער נישט קאָנסעקווענט און עס איז קליין — זיך צו שרעקן אפילו פאַר דער לאַנגזאַמסטער און אויספירלעכסטער צעגלידערונג פון אומנאַטירלעכער תאווה, גרויזיקער טאָרטור, — אומפאַרשעמטער אינפאַמיע, אָדער עקלהאַפט־זינלעכער אָדער גייסטיקער אימפּאָטענץ". זשאַן פּאָל ווערט פון שלעגעל'ן געלויבט אין הימל אַריין, ווייל „זיין פאַנטאַזיע איז אַ סך קרענקלעכער און דריבער אָריגינעלער און דריבער אַ סך מער פאַנטאַסטיש".

פרידריך שלעגעל האַלט די קינסטלער פאַר אַ באַזונדערער קאַסטע, פאַר אַ מין סעקטע פאַר וועלכער זיי שרייבן דעם ריטואַל, נאָך וועלכער זיי דאַרפן לעבן, שאַפן:

„מיר פאָדערן, זאָגט ער, אַז די געשעענישן, די מענטשן, בקצור, דאָס גאַנצע שפּיל פון לעבן זאָל באמת אויך באַטראַכט און פאַרגעשטעלט ווערן אַלס אַ שפּיל".

און איראָניע וואָס דאַרף זיין אַזאַ וויכטיקער עלעמענט אין דער ראָמאַנטישער דיכטונג טייטשט ער: „איראָניע איז די פאָרעם פון פּאַראַ־דאָקסאַלן. פּאַראַדאָקס איז אַלץ וואָס איז גלייכצייטיק גוט און גרויס". ער פאָ־דערט אַ נייעם מיטאָס פאַר דער פּאָעזיע, וואָס וועט פירן דערצו, אַז דער קינסט־לער וועט איראָניש שטיין „איבער זיין ווערק, איבערן גאַנצן". שטייט אַ קראַנקער, פערוועזער איבער זיין ווערק? אָבער מיט הילף פון זיין מיטאָס וואָס איז פאַר אים „איראָניע אָדער ראָמאַנטישער וויץ, וואָס מיר באַגעגענען ביי שעקספּיר'ן אָדער סערוואַנטעס", איז אויך דאָס מעגלעך...

„...די שיינע פאַרווירונג פון דער פאַנטאַזיע, דער אורשפּרינגלעכער כאַאָס פון דער מענטשלעכער נאַטור, פאַר וועלכן איך קען ניט קיין שענערן סימבאָל ווי דאָס פילפאַרביקע געטומל פון די אַלטע געטער".

וואו די אַלטע געטער מוזן ניט אַלץ שטענדיק בײַשטיין! בײַ דער „איראָניע וואָס איז געטלעכע בופאָנעריע", בײַם „קראַמף פון פאַרצווייפ־לונג... די איינמאָל צעפּוילטע געזונטהייט פון דער אײַנבילדונגס־קראַפט איז אומהיילבאַר..." יעדעס קראַנקהאַפּטע, יעדער סאַדיזם, יעדעס אַרײַנלאָזן זיך אין די מענטשלעכע אָפּגרונטן, וואָס זײַנען פויל און קראַנק — אויף די געטער קען מען זיך פאַרלאָזן. זיי ענטפערן נישט. און די אַלטע געטער זיי שטייען אַפילו בײַ, בײַ דער געבורט פון „לוצינדע" דעם ראָמאַן וואָס האָט געדאַרפט זײַן אַ „געטלעכע חוצפּה". דאָ איז זיך שלעגעל אַביסל טועה אין דער אָפּשאַצונג. „לוצינדע" איז אַ חוצפּה, הגם ניט קיין געטלעכע...

„סע וואַרגט מיך" — שרײַבט פרידריך שלעגעל צו זײַן ברודער אויגוסט ווילהעלם — „שוין פון לאַנג אינעווייניק, צו שרײַבן עפּעס פּוריאַזנע, עפּעס ווי בורקע אָדער יחזקאל". אַם ליבסטן וואָלט ער געשריבן אַ ביבל. דערווײַל באַגנוגנט ער זיך מיט אַ ראָמאַן, וואָס זאָל אויך זײַן אַ מין ביבל, אַ פּראָפעטיש בוך, אָדער עס זאָל אויך גילטן ווי אַ נײַ עוואַנגעליום, אויב ער „דערלאַנגט איבערן קאָפּ דער אַנגענומענער אויפפאַסונג בנוגע זיטליכע ענינים, געשעט דאָס מיט אַזויפיל פּאַטאָס ווי די זיטליכע איראָניע קען דאָס פאַרטראָגן".

בזה הלשון זאָגט ער אָן אַן איבערבוי פון דער גאַנצער סטרוקטור פון קאָנצעפּציעס איבער זיטלעכקייט.

„לוצינדע", וואָס האָט געדאַרפט באַנײַען די ליבע אין דײַטשלאַנד, איז מיט אַלע עראָטיזירנדיקע השגות אַ ריין מאַכווערק. די עראָטיק איז נישט הייס און די מחשבה איז נישט טיף. עס רעדט זיך דאָרט וועגן דערהויבן ווירקלעך לעבן צו פּאָעזיע, וועגן שפּיל פון די כוחות, וואָס גיט אַ זינלעכן אויסדרוק צו אַ גײַסטיקער עמאַציע און וואָס פאַרגײַסטיקט פאַרגעניגן פון די חושים. ס'ווערט אַריבערגעטראָגן דאָס אמת'ע לעבן אין אַ חלום־עקזיסטענץ, וואו יעדער וואונטש ווערט באַפרידיקט, וואו דער מענטש האָט נישט קיין שום ציל אין לעבן. עס דרייט זיך אַלץ אַרום דעם ליידיק־גייער „פאַר

עקסעלאַנס" אַרום דעם קינסטלער. פרידריך שלעגעל איז אויסן געווען צו אידענטיפיצירן לעבן מיט פּאָעזיע.

„לוצינדע" איז אַ מאַניפעסט, פאַרפאַסט אין דער פאָרעם פון אַ ראָמאַן, וואָס האָט זיך נישט איינגעגעבן.

אויך ביי די ראָמאַנטיקערס האָט די שריפט נישט אינגאַנצן נושא חן געווען. דאָס בוך האָט נישט קיין כוונה און ניט קיין מאָראַל. עס איז אַ סאַטירע אָן חן. „דער קינסטלער שטייט איבער זיין סוזשעט. ער דאַרף זיך אַריינלאָזן אין זיך אַליין, זיין פון זיך אינגאַנצן אָבסאָרבירט, און דורך סאַטירע אָדער ראָמאַנטישער איראָניע" חוזק מאַכן פון דויערהאַפטע ווערטן, אויף וואָס די וועלט שטייט. דאָס איז ראָמאַנטישער נוסח. דאָס איז דער שפּילרוים וואו עס טומלען זיך די עטלעכע טאַלענטירטע, די אַריסטאָקראַטיע פון אינטעלעקט. מעגן מעג מען אַלץ, מ׳דאַרף עס נאָר קענען — לויט אַ וואָרט פון׳ם אידיש־דייטשן שריפטשטעלער קורט טוכאָלסקי. פּראָגראַמען און אַבסצעניטעטן און סאַטירע, פאָרם און אומפאָרם, און ביאָגראַפיע, אַלץ — מ׳דאַרף עס נאָר קענען!

די צייט־גענאָסן האָבן עס ניט געקענט אַראָפּשלינגען. נאָוואַליס האָט אויף קאַראָלינעס באַמערקונגען געגעבן אַ פאַרלעגענהייטס־תשובה: „פרידריך לעבט און וועבט דערינען. אפשר זיינען פאַראַן נאָר ווייניק אינדיווידועלע ביכער" און צום סוף גיט ער צו: „עס איז נאָך נישט ריין פון שולשטויב. דער ראָמאַן האָט צו פרי דערזען דאָס ליכט פון דער וועלט". הייסט דאָס אויף פּשוט אידיש, ער איז ניט געווען דרוק־פעאיק. טיעק האַלט דאָס בוך פאַר „אָפּגעשמאַקט" און שילער שרייבט צו געטע׳ן:

„ס׳כאַראַקטעריזירט אָט דעם מענטשן בעסער, ווי אַלץ, וואָס ער האָט פובליקירט, בלויז עס מאַלט אים מער ווי אַ פאַרזעעניש. אַזוי ווי ער פילט, ווי שלעכט ער פראָגרעסירט אינעם פּאָעטישן, האָט ער זיך צונויפגעשטעלט אַן אידעאַל פון זיך אַליין פון ליבע און וויץ. ער רעדט זיך איין, אַז ער פאַראייניקט אין זיך אַ הייסע אומענדלעכע פעאיקייט צו ליבע מיט אַ שוידערלעכן וויץ, און האָבנדיק זיך אַזוי קאָנסטיטואירט, דערלויבט ער זיך אַלץ און ער דערקלערט די חוצפה אַליין פאַר זיין געטין".

פונדעסטוועגן קען מען ניט לייקענען אַז פרידריך שלעגעל איז עפּעס

אויסן געווען מיט זיין פאַרזעעניש. די טענדענץ איז געווען: קאַמף אַנטקעגן צוועקמעסיקן. לודוויק טיעק האָט אויך ערגיץ־וואו אַ סאַטיריש ליד וואו ער פאַרלאַכט די ליידנשאַפט פאַר שטריקן אין דער דייטשישער פרוי, אין היפוך צו שילערס לויבגעזאַנג פאַר די דאָזיקע אייגנשאַפטן.

בכלל: די פּראָזע פון לעבן באַרירט ניט דעם ראָמאַנטישן פלוג פון די עסטעטיקער. זיי באַרירן קוים די ערד מיט אירע טאָג־טעגלעכע נויטן און באַדערפעניש. קינסטלער פון גאָטס חסד פירן אויס זייער באַרופונג ווי פון דערוויטנס, בלאַזירט און אומאָפּהענגיק.

דער זשעני, דער ליבהאָבער, דער מענטש דאַרף לעבן, סתם אין דער וועלט אַריין, לויט ראָמאַנטישער אויפפאַסונג, און דער ראָמאַן „לוצינדע" פּראוווט קאַטאַלאָגיזירן די אויפפאַסונגען פון די ראָמאַנטיקער וואָס רעכענען זיך, פאַרשטייט זיך, נאָר מיטן יחיד און ניט מיטן רבים.

אַזוי זעען אויס רוסאָ'ס אידייען וועגן פרייער ליבע אין דער דייטשער מעטאַמאָרפאָזע. רוסאָ'ס תורה האָט ניט צו טאָן מיט די פאַרפּלאָנטערטע לאַבירינטן פונעם מענטשלעכן איך. ער גייט אַרויס פון דער הנחה פון דער נאַטירלעכער גוטסקייט פונעם מענטשן און פון זיינע עמאָציעס, וואָס זיינען דעריבער געווען, צו שפּרענגען „די קייטן פון עפנטלעכער מיינונג", צו טאָן אַלצדינג, וואָס ווייזט אים אויס גוט, און זיך ניט צו רעכענען מיט דעם אורטייל פון אַנדערע מענטשן. און ער האַלט, אַז דאָס איז „אפשר דער וויכטיקסטער באַשלוס, אַלענפאַלס דער נוצלעכסטער בנוגע דער מענטש־לעכער טוגנט, וואָס איז ווען עס איז באַטראַכט געוואָרן דורך אַ מענטשן".

אויפן אָרט פון אויסערלעכן געזעץ קומט די אימאַנענטע מאָראַליטעט. אַלץ וועט זיין פאָלקאָמען אין אַ וועלט, וואו יעדער פאָלגט זיין אייגענער אומפאַרדאָרבענער נאַטור.

***

די דייטשע ראָמאַנטיק האָט אַ מין רעליגיעזע נאָסטאַלגיע צו איטאַליע, אָבער אַן איטאַליע פון קאַטאָליציזם און פון עבר, וואָס זיי האָבן אַליין זיך באַשאַפן; אַן איטאַליע, פון וועלכן עס איז גענוג געווען אַ קאַצן־שפּרונג כדי זיך צו געפינען אין שענסטן נירנבערג, מיט האַנס סאַקס און אַלברעכט דירער, וואו אַלטע העלדן האָבן זיך געשפּיגלט אין אַלטע ברונעמ'ס, אָדער

געהיט די טירן פון די בירגער־הייזער, קאַטוילישע קירכן האָבן זיך געמישט מיטן „ניבעלונגען־האָרט״. און טיעק און וואַקענראָדער האָבן טאַקע געטרונ־קען ווייַן און ווייַרוך פון ביידע. די ראָמאַנטיק ריכט אָפּ עבודה פאַר דער ווידעראַנטפּלעקונג פון פּרימיטיוו־אַלטגערמאַנישער קונסט, וואָס דער אַקאַ־דעמישער געשמאַק האָט אין אַ פריערער תקופה דעגראַדירט צו פאַרניכ־טונג. אַ גרויסן טייל האָט נאַפּאָלעאָן געזאַמלט און מיטגעשלעפּט קיין פּאַריז אין לואווער. אָבער אין דייטשלאַנד גופא געפינען די צוויי בערוישטע פּילגער געגנוג מאַטעריאַל פאַר זייער כוונה. ווי ווייט איטאַליע איז נאָר איטאַליע פון זייער באַשאַף באַוויזט דער פאַקט, אַז פרידריך שלעגעל, אָנווייזנדיק מיט רעכט — אין זיין צייטשריפט „איראָפּע״ — אויף דער באַדייטונג פון די מאַסאַטשיאָ׳ס און באָטיצעלי׳ס, גירלאַנדאיאָ׳ס און פּערודזשינאָ׳ס, דערגייט ער אַזוי ווייט צו לויבן די קונסט פון פאַר ראַפאַעל און אַראָפּרייסן די וואָס קומען נאָך ראַפאַעל בזה הלשון: „פון דער דאָזיקער שול וואָס ווערט באַצייכנט דורך ראַפאַעל, טיציאַן, קאָר־רעדשיאָ, דשיולאָ ראָמאַנאָ, מיכאל אַנדזשעלאָ נעמט זיך די פאַרדאַרבונג פון דער קונסט״.

דער מחבר איז זיך שפּעטער מודה אַז ער האָט די ווערק אַליין ניט געזען.

איז פרידריך שלעגעל אויסן געווען, זיך צו אידענטיפיצירן מיט סאַוואָנאַראָלאַ׳ן, וואָס האָט געברענט אויפן שייטערהויפן די גרעסטע מייס־טער־ווערק, אַפילו באָטיטשעלי׳ס פון זיין פאַרקאַטוילישן פּעריאָד?

„יעדע שיינקייט איז אַלעגאָריע. ווייל מען קען עס ניט אויסדריקן דירעקט, קען מען עס נאָר זאָגן אַלעגאָריש. „קונסט איז דעריבער מיטאָס, סימבאָליזם, געטלעכער כישוף״.

סימבאָל איז ניט אַלעגאָריע אָבער דאָס איז אַ נעבענזאַך... אויף יעדן פאַל איז שלעגעל קעגן רעאַליסטישער קונסט און דער ראָמאַן דאַרף אַצינד ווערן די אַקס פון ליטעראַטור. אין ראָמאַן האָט ער ליב דאָס שפּיל פון פאַנטאַזיע, די איראָניע און דאָס סוביעקטיווע. גאַטע׳ס „ווילהעלם מייסטער״ פאַרלירט אַביסל פון זיין פריערדיקן גלאַנץ. מיט זיין וואַקסנדיקער ביגאָטעריע גיט פרידריך שלעגעל אָפּ דעם אויבן אָן קאַלדעראָן, צוליב

זײַנע קריסטלעכע לײזונגען אין דער דראַמע, און אויב שעקספּיר געפינט זיך אַצינד אַ שטאַפּל טיפער, איז אים דאָך אין זײַן וואַקסענדיקן נאַציאָנאַליזם אַ שאָד אים איבערצולאָזן צו די ענגלענדער און שעקספּיר, זאָגט פרידריך שלעגעל „איז אין תוך אַרײַן אַן אַלט־נאָרדישער און ניט אַ קריסטלעכער פּאָעט, און זײַן פּאָעזיע איז אין אַלגעמײַן, אמתדיק דײַטש... נאָר די דײַטשישע קריטיקער האָבן שעקספּיר׳ן פאַרשטאַנען און ער איז באַזונדערס זײַערער".

אינאײנעם מיט זײַן ברודער אויגוסט ווילהעלם האַלט ער אַלץ וואָס איז פראַנצויזיש פאַר מינדערווערטיק. זײַער קונסט איז מעכאַניש, אָן פּאָעזיע, און די אַזוי אָנגערופענע קלאַסיקער, פראַנצויזישע אָדער ענגלישע האַלטן זײ — לויט רענע וועלעק *) — אַז עס איז גאָר ניט כדאַי זײ צו דערמאָנען אין אַ קונסט־געשיכטע. מיט כאַראַקטעריסטיש „טעוטאָנישער" אַגרעסיוויטעט ווערט — נאָך דער צואײגענונג פון שעקספּיר׳ן צו די דײַטשן — אַלץ וואָס איז ענגליש אויך אַראָפּגעריסן, גיבאָנ׳ס „אויפשטײַג און פאַל פון דער רוימישער אימפּעריע" למשל איז פאַר אים „אַן אומענדלעך קאָמיש בוך".

...נאָך אַלע די פּראָבלעמאַטישע וועגן און אומוועגן, נאָך דעם אײביקן פאַרבײַט פון אידייען און ריכטונגען, נאָך קריטיק און באַאורטײלונג וואָס שרעקן זיך קײנמאָל ניט צוריק צו זײַן טענדענציעז לויט באַדאַרף — בלײַבט פרידריך שלעגעל בדרך כלל אַ פּראָמינענטע פיגור פון דער דײַטשישער ראָמאַנטיק.

---

*) René Wellek: A History of Modern Criticism, 1750-1950; Vol. 2: The Romantic Age.

לודוויג טיעק

איינער פון די אַטראַקטיווע עלעמענטן פון דער ראָמאַנטישער פּאָעזיע וואָלט געדאַרפט זיין די איראָניע. זי וואָלט נישט דאַרפן זיין נאָר אַ פּאַראָדיע אויף זיך אַליין און אַנטפּלעקן אַ געוויסע אומזיכערקייט איבער זיך און פּאַר אַלעמען איבער דעם וואָס מען האָט געשאַפן. דאָס איבערנעמען די מאָס פון ענדלעכן צום אומענדלעכן, דאָס וועלן אַרומנעמען דעם אוניווערז, און זיך פאַרלירן אין עלעמענטאַרישן — לויט געטע — נויטיקט זיך אין דעם דאָזיקן קאָרעקטיוו, אין דעם דאָזיקן קרומען שפּיגל, וואָס רעדוצירט אַביסל דאָס וועלן „אָנכאַפּן גאָט ביי די פּיס", דאָס וועלן אַריינדרינגען אין פאַר־באָרגענעם מיט ניט אַדעקוואַטע מענטשלעכע מיטלען. פרידריך שלעגעל איז ניט ווייניק מגזם אין דער טייטש פון דער דאָזיקער איראָניע, ווען ער זאָגט וועגן אַ זאַמלונג פון ראָמאַנטישע לידער, אַז „אין זיי לעבט אַ באמת טראַנסצענדענטאַלע חוזק־מאַכעריי. אינערלעך די שטימונג, וואָס קוקט אַוועק פון אַלץ און דערהויבט זיך אומענדלעך איבער אַלץ, וואָס איז באַדינגט, אַפילו איבער קונסט, טוגנט, אָדער געניאַליטעט".

באמת האָט די איראָניע געדאַרפט מילדערן די סתירה צווישן באַדינג־טען און אומבאַדינגטן, צווישן ענדלעכן און אומענדלעכן, צווישן איך און ניט־איך, וואָס די בריק צווישן זיי האָט זיך אין טרוקענעם, ניכטערנעם צושטאַנד ניט תמיד געלאָזט אויפבויען. פון דער אַנדערער זייט קען איראָניע ניט זיין אַ ליניע צו גאָר אַ וועג; איראָניע איז אַ פּאַרפיום, וואָס סטימולירט אָדער ברענגט נענטער אַ צו הויכן פלוג. איראָניע באַנוצט זיך אָפטמאָל מיט אַ פּאַראַדאָקס, וואָס ווירקט ווי אַ רעפלעקס, ווען מען האָט געטראָפן אין ציל. איראָניע איז אַ געצייג, פיינער, סובטעלער אָפטמאָל ווי אַ טרוקענער סטייטמענט; אָבער עס קער דערצו סיי פונדירטע חכמה סיי עלאַסטישער „עספּרי", אויב עס זאָל ניט זיין אומגעלומפּערט און וואולגאַר. לודוויג טיעק, וואָס איז אפשר געווען דער געניאַלסטער עקספּערימענטאַטאָר אין די פאַר־שידענע נוסחאות פון דער יונגער ראָמאַנטיק, האָט פאַרשטייט זיך, זיך

שטאַרק באַנוצט מיט איראָניע און סאַטירע אין זײַנע ליטעראַרישע שאַפונ־גען.

די מאָדע, וואָס קומט אגב פון פראַנקרייך, צו שרייבן ראָמאַנען אין בריוו, אָדער לכל הפחות אָנהויבן מיט בריוו, אָדער אַריינפלעכטן בריוו, — דאָס איז געווען אַ סטיל זייער צו דער האַנט און לודוויג טיעק איז דער לעצטער, זיך ניט צו באַנוצן מיט אַזאַ באַקוועמען מעטאָד. זיין ראָמאַן „ווילהעלם לאוועל״, וואָס זיין סוזשעט שפּילט זיך אָפּ אין פראַנקרייך, גע־שילדערט פון אַ יונגן ענגלענדער, איז געשריבן געוואָרן איידער דער מחבר איז געווען אין פראַנקרייך און צייכנט זיך אויס מיט אַ טיפּיש דייטשישער אַגרעסיווער איינשטעלונג אַנטקעגן פראַנקרייך.

„די שטאָט (פּאַריז) איז אַ שווידערלעכער באַרג פון אומגעאָרדנטע שטיינער. מ׳האָט דאָס געפיל, צו זיין אין אַ גרויסער תפיסה. די מענטשן פלוידערן דעם גאַנצן טאָג און זאָגן קיינמאָל ניט, וואָס זיי טראַכטן... ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן מיט מיין צייט בין איך אַריינגעפאַלן ביי געלע־גענהייט אין טעאַטער. די טראַגעדיעס באַשטייען פון עפּיגראַמעס, אָן אַקציע אָדער ליידענשאַפט; טיראַדעס, וואָס רופן אַרויס דעמזעלבן עפעקט, ווי ווערטער, וואָס קומען אַרויס פון מיילער פון פיגורן אויף אַלטע דרוקן. וואָס ווייניקער נאַטירלעך אַן אַקטיאָר איז, אַלץ העכער ווערט ער געשאַצט. און אין דער גרויסער וועלט־באַרימטער אָפּערע — בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן״.

דאָס דאַרף זיין דער איינדרוק פון פּאַריז בשעת דער רעוואָלוציע. אָט איז אַן עלעמענט פון פראַנקאָ־פאָביע פונקט אַזוי באַנאַל און אַגרעסיוו ווי ביי די שלעגעלס. עס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט זוכן צו דערגיין צו אינ־דיווידועלע פלאָנטערן פון אונטער־ אָדער אומבאַוואוסטן. „איך האָב פיינט די מענטשן, וואָס זוכן צו באַלויכטן אַלע די ליבלעכע בין השמשות־ווינקעלעך, מיט זייער קליינער אימיטאַציע־זון וואָס פאַריאָגט די באַצויבערנדיקע שאָטנס, וואָס האָבן אַזוי זיכער געוואוינט אונטער בלעטערדיקע חופּות. פאַראַן אָן אַ שום ספק אַ מין טאָגליכט אין אונזער צייט, אָבער די נאַכט און צומאָרגנס אין ראָמאַנטישן באַנעם זיינען אַ סך שענער ווי דאָס גרויע ליכט פון אַ גרויעם פאַרוואָלקנטן הימל״.

דער יונגער העלד אָבער איז דורכאויס אַ ראָמאַנטיקער, ד. ה. ער עלי־מינירט אַלע אָנגענומענע כללים פון לעבן פאַר זיך, יעדע אויטאָריטעט. ער לעבט אַ לעבן פון אַן עגאָאיסט, אַבסאָרבירט מיט די פּראָצעסן, וואָס גייען אָן אין אייגענעם עגאָ, וואָס צעשטערן אַלץ, וואָס איז סאָליד אינעווייניק, דעמאָלירן די סובסטאַנצן און דערגייען צו כאַאָס. ווי ווייט איז פון דאַנען צו פאַרברעכן? דער העלד שרעקט זיך טאַקע ניט צוריק אין זיין זעלבסט־גערעכטיקייט פון גיפט, פאַרראַט און מאָרד וכדומה, ווייל: „אויב מיין איך, מחוץ פון מיר דאָמינירט די מאַטעריע, און מיין אינערלעכער איך די גייסטיקע וועלט; איז אַלצדינג אונטערגעוואָרפן צו מיין ווילן, איך קען רופן יעדן פענאָמען און יעדע אַקציע וואָס איך וויל. די אַנימירטע און ניט־אַנימירטע וועלט זיינען די פירנדיקע לייצעס, דיריגירט פון מיין מח; מיין גאַנץ לעבן איז נאָר אַ חלום, וואָס אַנטהאַלט די גרויסע צאָל פון פאָרמען, וועלכע איך קנעט לויט מיין אייגענעם ווילן. איך בין דאָס איינציקע געזעץ פון דער נאַטור און אַלץ געהאָרכט דעם דאָזיקן געזעץ". די פראַגע איז נאָר צו באַשטי־מען די גרענעץ, וואו עס ענדיקט זיך פרייהייט און וואו עס הויבט זיך אָן הפקרות. די ראָמאַנטישע ליניעס, וואָס זיינען וואַג און אומזיכער האָבן זיך מיט אַזעלכע מאָראַלישע שוועריקייטן ניט גערעכנט.

אויב דאָס איז געווען טיילווייז דער נוסח פון יענער צייט — דעם יחוס קען מען צוריקפירן ביז מאַרקיז דע סאַד. דאָן־כואַן, פויסט, פראַנץ מאָאָר האָבן נאָך אַן עלעמענט פון אַלטרואיזם, לודוויג טיעק איז פריי פון אַזעלכע שוואַכקייטן. אָבער דאָס איז אַ יוגנט־ראָמאַן.

זיין ראָמאַן „פראַנץ שטערנבאַלד" שוועבט שוין לגמרי אין אַנדערע ספערן. ער איז אין יענער צייט ענג פאַרבונדן מיט דעם יוגנטלעך־סובטעלן וואַקענראָדער, וואָס איז געווען באַזעסן פון קונסט און פון רעליגיע און וואָס ברענגט זיין התלהבות אונטער דער השפעה פון טיעק צום אויסדרוק אין זיינע „הערצענס־ערגיסונגען איינעס קונסט־ליבענדען קלאָסטער־ברודערס". יש אומרים, אַז לודוויג טיעק האָט צוגעלייגט אַ האַנט בנוגע דער טענ־דענץ פון „קלאָסטער־פאַרציקטן ברודער". די אמת'ע ליבע צו דער קונסט דאַרף זיין „אַ רעליגיעזע ליבע אָדער אַ געליבטע רעליגיע" און די תפילה — פון מאָלער אַנטאָניאָ אין וואַקענראָדער'ס ביכל ווענדט זיך לויט טיעק'ס

עצה ניט נאָר צו דער קונסט נאָר אויך „צו דער מוטער גאָטעס און צו די ערהאַבענע אַפּאָסטאָלן".

און ווי הייסט עס אין אונדזער ליד? „אונדזער ליבע האָט זיך אָנגעהויבן גאָר פון אַנדערע זאַכן".

אַפילו לודוויג טיעק האָט אָנגעהויבן מיט לייטן צו גלייך; מיט שעקספּיר־ליבע און איבערזעצונג, — ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן ניט זייער אַקוראַט, — מיט פאַרערונג פון סערוואַנטעס, מיט התלהבות פאַר געטע און שילער. איז ער לכתחילה טאַקע גוט און פרום און שרייבט געשיכטן אין זין פון די אויפקלערער, וואו ער מאַכט זיך לוסטיק איבער שעקספּירישע גייסטער און מכשפות, איבער מאָדישע מאָרד־און ריטער־געשיכטן („אויסגעבורטן פון אַ לײדיקער פאַנטאַזיע"...) און אָט דאָ ליגט טאַקע דער הונט באַגראָבן — ד. ה. דאָ הויבט טיעק אָן זיך צו בייטן. ער ווייזט אָן אויף די גראָשן־מעשה־ביכלעך, וואָס ער האַלט זיי פאַר אַ בעסערער לעקטירע פאַר די מאָדישע ריטער־ראָמאַנען פון יענער צייט, און ער זאָגט צו דעם עולם, אַליין צו שרייבן אין יענעם סטיל. ער האַלט די הבטחה. עס קומען אַרויס זאַמלונגען פון געשיכטן: „פּעטער לעבערעכט", „בלויבאַרט", „שטרויספּעדערן", פּשוטע פאָלקס־מעשיות, טאַקע באַאיינפלוסט פון יענע גראָשן־ביכלעך „ערלעך נאָכדערציילט". דאָס „מערכען" — דאָס איז איינס פון די דייטשישע ווערטער, וואָס לאָזן זיך שווער איבערזעצן, הגם מ'זאָגט למשל: „וואָס איז מיט דיר דער מער?" — דאָס „מערכען" איז אַ וויטער שפּילרוים, מען קען דערין אַריינלייגן פון פויגל־מילך: לעגענדע, סאַטירע, קאָמעדיע, נאַרן־שפּיל, אין "Die denkwuerdige Geschichte der Schildbuerger in zwanzig lesenswerten Kapiteln" (די מאָדנע געשיכטע פון קליינשטעטלדיקע טפּשים, אין צוואַנציק קאַפּיטלעך, כדאי צו לייענען) הויבט טיעק אָן אַריינצושמוגלען קאָנטראַבאַנדע. די געשיכטע פון די שילדבירגער דערמאָנען אָן אונזערע געשיכטעס פון כעלעם. לודוויג טיעק אָבער האָט צו פיל אָן אימפּראָוויזאַטאָרישן עספּרי, צופיל טאַלענט, כדי אַזאַ מין זאַפּטיקן זאַקרויב צו לאָזן פאַרבייגיין אָן נוצן. דעריבער לאָזט ער מיט דער הילף פון אַ מויזן־שטייג אַריינפירן „ליכט און אויפקלערונג" אין דער געמיינדע־שטוב. אָנשטאָט אַ תפיסה, טשעפּעט מען צו אַ בינע צום לאָזרעט,

און פאָרלעזונגען פון פּאָעזיע, סאָנעטן און אָדן ווערן געהאַלטן פאַרן פאַר־ברעכער־פובליקום, כדי זיי מאָראַליש צו בעסערן. אַזוי ווערט חוזק געמאַכט פון ליבעראַלע אידייען און פון אויפקלערונג. דאָס פאָלקלאָריסטישע ווערט אַביסל צוגעפּוצט און אויסשטאַפּירט לויטן באַדאַרף, כדי זיך צוצופּאַסן צום דעמאָלטיקן געשמאַק אין דער ליטעראַטור. אָבער די טענדענץ איז קלאָר. די „דענקווירדיקע געשיכטע דער שילדבירגער" ווערט אַ טענדענציעזע שריפט אַנטקעגן אַלץ, וואָס שמעקט מיט ליבעראַליזם, פרייער דערציאונג, וואָס ווערט אָוועקגעשטעלט ווי פּעדאַנטישע פיליסטעריי, וועלכע באַטראַכט אמתע אמונה פאַר אָבערגלויבן און שטרעבט צו אַ זייער באַקוועמער פּאָפּולאַר־פילאָסאָפיע.

דאָס אומשולדיקע מעשה׳לע ווערט אַפילו דראַמאַטיזירט און די מוזיק, די ליבלעכע, געהאָרכזאַמע, זיך טוליענדיקע מוזיק, העלפט אַריינפירן אין דער וואונדער־וועלט פון פאַנטאַזיע מיט דער הילף פון אָרנאַמענטן א־לא־שעקספיר, דהיינו מיט קאָמיק און בורלעסק — און אָט איז דער אָפּערע־טעקסט פאַרטיק.

***

דער קרייז האָט אָנגעהויבן וואַקסן. צו די שלעגעלס איז צוגעקומען נאָוואַליס און ערשט שפּעטער טיעק. נאָוואַליס איז געווען אַ וואונדערבאַרע הבטחה. ליכטיק אין געמיט און אויסזען, צאַרט און קרעפטיק, באַהאַוונט און פאַרחלומט, עקסטאַטיש און סאָליד, אַ תלמיד און ענטוזיאַסטישער פאַר־ערער פון שילער איז ער געוואָרן מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען פון די שלעגעלס. זשאַן פּאָל האָט באַלאַנגט דערצו, זיינע מאַגישע איבערלעבונגען און עקספּערימענטן האָבן געפונען אַ לעבעדיקן עכאָ, בפרט ביי דעם מיס־טישן נאָוואַליס. דערוויל איז יענאַ דער צענטער, וואוהין עס קומען צומאָל פיכטע און אַפילו געטע.

קלעמענס ברענטאַנאָ

ווי אַ שטערן פון ראָמאַנטישן הימל, שפּילצייג אין דער־זעלביקער צייט, מיט אַלע ראָמאַנטישע אַטריבוטן — „פון הויז אויס״ וואָלט איך געזאָגט — פאַלט Clemens Brentano . אויף אים האָט געפּאַסט דאָס שיינע יידישע וואָרט: „לערנען קענסטו נישט, שרייבן קענסטו נישט, וואָס וועט פון דיר זיין? אַ מלמד?״

קיין סוחר האָט ער ניט געוואָלט זיין. אויף דער אוניווערסיטעט האָט ער אויך ניט געפונען, אָן וואָס ער וואָלט זיך קענען אָדער וועלן האַלטן. איז ער געבליבן זיין גאַנץ לעבן לאַנג דער געניאַלער עם הארץ, וואָס האָט חוזק געמאַכט פון געלערנטקייט, צו וועלכער עס האָט אים געפעלט די ענערגיע זיך צו דערשלאָגן. זיין שוועסטער, די באַרימטע בעטינא פאָן אַרנים, איז געווען פון דעם זעלביקן האָלץ געשניטן און עס האָט ווייניק געהאָלפן וואָס ער האָט זי געוואָרנט און אַנדערע פריינט האָבן זי געפּראָוווט מדריך זיין, עפּעס צו לערנען. זי איז דערצו נישט פעאיק געווען. בכלל האָט דער פריערער דור — לויט דער טראַדיציע פון הומאַניזם — געלערנט, געפאָרשט, געקענט. די אַקסיאָמע פון צוועקלאָזיקייט, גייט נישט אינאיינעם מיט שטרעבן צו וויסן. אפילו ווען דער מוזיק־לערער איז מבטיח בעטינאַ׳ן אַז זי וועט דאָס קאָמפּאָנירן באַלד מייסטערן ענטפערט זי איינגעשפּאַרט: „איך וויל ניט מייסטערן, איך וויל דערטרונקען ווערן אין די כוואַליעס פון מוזיק״. פון דעסטוועגן קען מען ניט זאָגן, אַז זיי ביידע, שוועסטער און ברודער זיינען ניט אינטערעסירט. ביידע זיינען ברענענדיק פאַראינטערעסירט — יעדער אין זיך אַליין. דאָס דאָזיקע אַבסאָרבירט זיין מיט זיך אַליין, רופן זיי אָן ד ע נ ק ע ן.

ביידע באַלאַנגען זיי צום צווייטן דור ראָמאַנטיקער, ד. ה. זיי פּרוּוון פאַרשטיין די אייניקייט פון געדאַנק און פּאָעזיע אויף אַ נייעם אופן. דער פרייער אַקט פון פּאָעטישן שאַפן, שליסט איין דאָס דענקען אין זיך. בענקעניש און פאַרשונג, האָפנונג, גלויבן און ליבע, אַלץ נעמט אָן די פאָרעם פון גע־

זאַנג: אַנטקעגן דער אייביקייט ווערט דאָס געזאַנג אַנטשוויגן. געטע׳ס מוטער זאָגט צו קלעמענס ברענטאנא׳ן: דיין קעניגרייך איז אין די וואָלקן, נישט דאָ אונטן; און אויב עס וועט זיך אָנשטויסן אָן דער ערד, וועלן זיך באַווייזן טרערן". אייכנדאָרף האַלט אים פאַר זייער סענטימענטאַל, אָבער אין זיינע בעסטע מאָמענטן זעט מען אָנשטאָט פוסטע טרערן, ווי עס שטייגט פון געפילס־אָפּגרונט די פרייד, דאָס געשריי פון פאַרצווייפלונג, דאָס געזאַנג פון ליבע. דאָס אַלץ באַלאַנגט צום ראָמאַנטישן באַנעם, ווייל "Welt wird Traum, Traum wird die Welt". (נאָוואַליס) ביי ברענטאַנאָ דאַרף דאָס הייסן טרוים ווערט געזאַנג... ניט פאַראַן קיין אינדיווידועלערע איבערלעבונג ווי טרוים. ברענטאַנאָ האָט דאָס אינדיווידועלע דערווייטערט. ער האָט אויפגעריסן די גרענעץ פון איך און געזוכט צו דערגיין צום ניט־איך, צום פאָלקס־איך אין פאָלקלאָר, וואָס זיין אינערלעכע מוזיקאַליטעט האָט ער אויפגענומען און ווידערגעגעבן אויף אַ סובלימען אופן, זיך באַנוצענדיק מיט פאַרשידענע ליטעראַרישע נוסחאות. אַלבערט בעגען זאָגט איינפאַך: קלעמענס ברענטאַנאָ איז דער גרעסטער פּאָעט פונעם ראָמאַנטיזם. ער איז פאַר אַלעמען אַריינגעטאָן אין זיין אייגענעם אוניווערס. זיין באַציאונג צו פרויען איז דיזעלבע ווי זיין באַציאונג צו דער וועלט. ער איז געווען געטריי צו זיך אַליין, ער האָט מורא געהאַט פאַר זיך בינדן, און די מורא איז געוואָרן געזאַנג. ער האָט געחלומט און געגליט מיט פלאַקערנדיקע זינען און די זינלעכקייט איז געוואָרן געזאַנג. דער מלאך און דער דעמאָן, וואָס אַנטלויפן פאַר וועלכע פּענטעס עס זאָלן ניט זיין, ביידע אַנטלויפן פאַר אַלעמען פאַר ערד־געבונדנקייט. ער איז מתפלל צו די חלומות, זיי זאָלן ווערן בלומענברעכערס פאַר זיין געליבטער און זיי זאָלן מיט אַ פרומער שווערקייט דערלאַנגען איר לבנה און שטערן...

אָבער פאַראַן אויך אַזאַ שטעלע: „גוטע נאַכט, געליבטער מלאך. און צי ביזטו דאָס צי ניט, עפן אַלע וועגען פון דיין ווייסן קערפּער, כדי דיין רויט און שוימענדיק בלוט זאָל שפּילן אין מיליאָנען דעליציעזע שטראַלען. אַזוי וויל איך דיך זען און טרינקען פון די טויזנט פאָנטאַנען, און מיך פאַרשיכורן, כדי צו קענען באַווייגען דיין טויט אין אַ דעליריום פון תאוה־דיקער לוסט, ביז איך זאָל קענען אויסגיסן אין טרערן דיין גאַנץ בלוט

פאַרמישט מיט מיינעם, ביז דיין האַרץ וועט ווידער אָנהויבן שלאָגן און דו וועסט האָבן צוטרוי צו מיר, ווייל מיין בלוט וועט פליסן אין דיינע אַרטער־יעס, אַדיע! האָב מוט ניט צו וויינען וואָס דו ביסט מיט מיר נאָר במחשבה און ניט בגוף. וואָס פאַר אַן איינדרוק מאַכט דאָס בריוול אויף דיר, טייער גילדנריידל? איך האָב תמיד מורא זאָלסט ניט וועלן אויסווייזן קליגער אָדער נאַרישער ווי דו ביזט. זיי ניט קיין קינד, מיין קינד"...

(ציטירט פון אַלבערט בעגען)

אָט זיינען זיי, די עלעמענטן פון זינד און חרטה, ווי ביי ווערלען און באָדלער, מיט דעם טיפן באַדערפעניש פאַר מחילה און סליחה און צו ביידע איז גרייט די ברייטהאַרציקע וואַרטנדיקע קאַטוילישע קירך! פונ־דעסטוועגן איז ברעטאָנאַ׳ס נטיה צום קאַטאָליציזם ריין פון איין עלעמענט, פון אָבסקוראַנטיזם! ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן די שטאַרקע מויערן פון דער קירך, ווייל ער אַליין האָט אין זיין שוואַכקייט זיך געוויטיקט אין דעם דאָזיקן אָנשפּאַר, ניט צוליב דעם אָדער יענעם פּאָליטישן צו גאָר נאַציאָנאַלן תוכן.

דער חלום פון ליבשאַפט, די ליבשאַפט פון חלום, אומבאַשטימטע עמאָצ־יעס, אַנטלויף פוןווירקלעכקייט און בפרט פון פאַראַנטוואָרטונג, דאָס צוגעצויגן ווערן צו פולן ווירקלעכן לעבן מיט אַלע זינען, און ניט בכוח זיין עס אויסצושעפּן ביז צום דנאָ, געניסן און אַנטלויפן אין טיולענע ליכט־שאָטנס, ראַנגלען זיך, און בלייבן הענגען צווישן הימל און ערד — דאָס איז געווען דער עולם התוהו, אין וועלכן ברעטאָנאָ האָט זיך אויפ־געהאַלטן.

פאַנטאַסט און איראָניקער פאַר עקסעלאַנס, איז ער ניט גובר דעם דואַליזם וואָס מאַטערט אים. דער שפּאַלט ווערט אַ תהום און לאָזט זיך ניט איבערהיפּערן, דער דנאָ פון די אייגענע אָפּגרונטן, האָט זיך אויך ניט געלאָזט דערגיין. אַפילו ווען ער האָט אויסגעזעצט זיין האַרץ „דעם שפּאַל־טענדיקן בליק פון געדאַנק" האָט אים די אַנגסט אַלץ צוריק געפירט צו דער וועלט... ערגעץ וואו האָט ער דעם גן עדן פאַרלוירן און ניט קיין סימן פון קענען אים צוריקגעפינען. האַרבסט־לאַנדשאַפטן און דאָס נאַקטורנע, בין השמשות, וואו די קאָנטורן ווערן דערטרונקען און דאָס אויג פאַר־

נעפּלט, וואו די וועלט לויפט ווי אַזוי מען זאָל זי ניט וועלן צוריקהאַלטן — די נאַכט, די טונקלקייט איז אַ מקום מנוחה, דיווירקלעכקייט ווערט חלום, דער חלום אַ היים.

„רעדט צו מיר שטימען ווייטע פון וועלט פון סוד,
איינע צו צווייטער געקייטלט אין טראָט
ליבע, טרוים פון דעם מדבר, זאָל טריפן דיין בלוט מיטן ברען
פון דער זון,

דאָס פייער פון מדבר שניידט ווי אַ שווערד
דיין גוף, וואָס איז נאַקעט און וואונד,
דער ווינט גראָבט אַ קבר אין זאַמד, און דו ווערסט אַנטפּלעקט
ווי פון גאָט.“

פרויען און חלומות, סצענעס און אַלעגאָריעס, און זכרונות און נאָסטאַל־גיע, קיין זאַך פילט ניט אויס די איינזאַמקייט, אַ פאַנטאַן פון שטילקייט.

עס איז אַלץ נאָך דער אייגענער מיטאָס, וואָס ברענטאַנאָ פּרואווט אויסדריקן אין די „רויזנקראַנץ־ראָמאַנצן“. דאָס גורלדיקע אומבאַצווינג־באַרע פילט זיך אַביסל אַנטיקיש, אָבער מיט דער צייט ווערט דאָס אַ קריסט־לעך מיטאָלאָגיש „מערכען“, וואָס דרייט זיך אַרום אַ חטא אַנטקעגן דער הייליקער יונגפרוי, וואָס האָט געדריקט דור נאָך דור איבער אַ משפּחה, אַ קאַמף צווישן גוט און בייז וואָס האָט אויך רעמבאָ אַנידערגעוואָרפן. ברענטאַנאָ פאַרנעמט זיך דערמיט צו באַאַרבעטן אַ מעשה׳לע פון 13טן יאָרהונדערט, אַ מעשה פון דריי שוועסטער און דריי ברידער, אָפּשטאַמענדיק פון אומצוכט. די דריי שוועסטער זיינען ראָזאַ־בלאַנקאַ, ראָזאַ־ראָזאַ און ראָזאַדאָראַ, די ברידער זשאַקאָפּאָנע, מעליאָרע, און פּיע־טראָ.ביידע צדדים וויסן ניט פון זייער קרובה׳שאַפט און די הייליקע יונגפרוי, און איר קינד, וואָס זיינען אַמאָל באַליידיקט געוואָרן, זיינען גרייט צו מחילה, אויב די רויזן און זייערע פּאַרטנערס וועלן בייקומען דעם נסיון. מיט מיסטישע דערשיינונגען און צייכנס וואָס ברענטאַנאָ טראַכט אויס אין אַ וואַריאירט לאַנגער פּאָעמע, געלינגט עס די רויזן זיך צו האַלטן אין דער מעלה און די הייליקע יונגפרוי איז זיי מוחל.

קאַטוילישער קלימאַט. עראָטיק, אומצוכט און זינד און מחילה — ביין ברענטאַנאָ איז דאָס ניט געווען. די אַפּיניטעטן פון די געבענטשטע אומרו־איקע זיינען מוראדיק ענלעך.

אַרטור רעמבאָ האָט אין זיין טיפן פאַל נאָכן פלי צו שווינדלדיקע הויכן, וואָס ער האָט ניט געקענט אָנהאַלטן אין צו דינער לופט, געזאָגט צו דער מוזע: ע ד כ א ן! און ניט מער. און דערמיט איז זיין ליטעראַרישע קאַר־יערע געווען פאַרענדיקט. קלעמענס ברענטאַנאָ אַנטלויפט אין קלויסטער פון דעלהיים און שרייבט פינף ביז זעקס יאָר די דעליריעס פון אַ מאָנאַשקע. געשלאָגן מיט אַלע קראַנקהייטן פון אונטער דער זון!

נאָוואַליס (פרידריך פאָן האַרדענבערג)

אין פאַרגלייך צו אַנדערע ראָמאַנטיקערס, וואָס נייגן צו אַ געוויסער צעשוואומענקייט, האָט נאָוואַליס קאָנטורן ווי פון שטאָל. און מען ווערט איבערראַשט פון דעם שטרענג ערנסטן אייפער, זיך צו האַלטן אָן רעאַלע זאַכן, כאָטש מען איז פּאָעט און מיסטיקער.

זיין מיסטיציזם האָט זיין יסוד ניט בלויז אין דעם טעמפּעראַמענט און אין דער איבערלעבונג, אין דער ליידנשאַפטלעכער נטיה זיך אַריינצובוי־ערן אין די אייגענע טיפענישן, זיך אַראָפּלאָזן אין די אייגענע אָפּגרונטן, נאָר אויך אין דער שוין דעמאָלט זיך אַרויסווייזנדיקער טענדענץ פון דער ראָמאַנטיק צו שאַפן מיטאָלאָגיע פאַרן געשטייגערטן געפילס־לעבן, פאַר יענער סוביעקטיוויטעט, וואָס האָט ניט מורא געהאַט צו פאַרשן און צו דערגיין דעם פאַרפלאָנטערטן מענטשלעכן אוניווערס, וואָס פאַרפלייצט אונ־דזער טאָג, פאַרווינטשט אונדזער נאַכט.

אין דער מאַטעמאַטיק אָבער זעט נאָוואַליס אַ גרונט־יסוד צו אַן אַלץ אַרומנעמענדיקער וויסנשאַפט, און אין געזעצמעסיקן אָפּלויף — אַ פאַרגלייך צו דער האַרמאָניע פונעם אוניווערס: „דאָס לעבן פון די געטער איז מאַטע־מאַטיק", „ריינע מאַטעמאַטיק איז רעליגיע". אָט איז איינער פון די פּאַראַ־דאָקסן וואָס האָבן אַריינגעבראַכט די בהלה וואָס די ראָמאַנטיקער האָבן זיך אין איר געכאָוועט.

„אַלע אונדזערע נטיות זעען אויס צו זיין ניט עפּעס אַנדערש ווי געלעבטע רעליגיע. דאָס האַרץ זעט אויס ווי עס וואָלט געווען דאָס רעלי־גיעזע אָרגאַן. אפשר איז די העכערע שאַפונג פון דעם פּראָדוקטיוון האַרצן ניט עפּעס אַנדערש ווי דער הימל. בעת דאָס האַרץ, דערווייטערט פון אַלע איינצעלנע ווירקלעכע זאַכן, פילט זיך אַליין, מאַכט זיך אַליין פאַר אַן אידעאַלן ענין, דעמאָלט אַנטשטייט די רעליגיע. אַלע איינצעלנע נטיות פאַראייניקן זיך דעמאָלט אין איינציקן דראַנג, וואָס זיין וואונדער־לעכער אָביעקט איז דאָס העכערע וועזן, די גאָטהייט, און דעריבער טאַקע איז עכטע יראת־שמים כולל אַלע עמפּפינדונגען און נטיות. אָט דער נאַטור־

גאָט שפּיזט זיך מיט אונדז, דערציט אונדז, שלאָפט מיט אונדז, לאָזט זיך פון אונדז אויפעסן, פון אונדז באַשאַפן און געבוירן ווערן; בקיצור, ער איז דער אומענדלעכער שטאָף פון גאָר אונדזער טעטיקייט, פון אַלע אונדזערע ליידן. מאַכן מיר פון דער געליבטער אַזאַ מין גאָט, איז דאָס טאַקע געלעבטע רעליגיע...״

דאָס גיט אונדז צו פאַרשטיין דעם אויסרוף: Christus und Sophie.

אָבער ווי אַזוי גייט דער וועג אָדער דער אומוועג פון דעם ווייטסטן פאַנטעאיזם צו דער קאָנווענציאָנעלער קאַטוילישער קירכע Christenheit oder Europa?

ניט אונדזער אויפגאַבע איז צו געבן אַן ענטפער אויף דעם, אָבער מיר מוזן פּרואוון אויפדעקן די געוועבן, זיי אַזוי צו באַלייכטן, אַז דער לייענער אַליין זאָל קענען זיך פונאַנדערקלייבן אין אָט דער גאַנצער תקופה פון גלאַנץ און צעפאַל.

**
*

דאָס מיטלעלטער האָט זיך געהאַט געשראָקן אַריינצודרינגען און צו דערקענען דאָס אייגענע א י ך און מער נאָך זיינע שאָטן־זייטן. דער שטן, אָדער דער דיבוק, וואָס מען האָט דורך מאַגישע מיטלען געדאַרפט אים אַרויסטרייבן פון דעם א י ך, ווייזט אַרויס אַ פּחד פאַרן אומבאַוואוסטן און פאַרן געראַנגל נאָך באַוואוסטזיין. רעמבאָ און נאָוואַליס האָבן געפּרוווט דערקענען דאָס אַנדערע איך, די טונקעלע זייט פון דעם אייגענעם איך. „קיינער קען ניט זיך אַליין, אויף ווי ווייט ער איז בלויז ער אַליין און ניט אין דער זעלביקער צייט אַן אַנדערער״, זאָגט נאָוואַליס.

„אַ ניט־סינטעטישע פּערזאָן איז אַ פּערזאָן, וואָס איז מערערע פּער־זאָנען אין דער זעלביקער צייט, אַ געניוס. יעדער פּערזאָן איז דער זאַמען פון אַן אומענדלעכן געניוס. זי קען זיין געטיילט אין מערערע פּערזאָנען, און דערביי זיין נאָר איינע״. (נאָוואַליס).

„איך בין אַן אַנדערער״, דערקלערט רעמבאָ, „ס׳איז פאַלש צו זאָגן: איך טראַכט. מ׳וואָלט דאַרפן זאָגן: ס׳טראַכט מיך״.

איז ווער טראַכט? ווער חלומט? איך? אָדער דער אַנדערער? אַ פראַגע, וואָס פירט צו אַ פלאַנטער פון אַספּעקטן, פון שפּאַלטונגען פון

דעם איך, צו זוכעניש, עס צו קאָאָרדינירן, זיך צו דערקענען אָדער זיך צו פאַרלירן. פאַר נאָוואַליסן זיינען אומרעאַלע זאַכן רעאַלער ווי די ווירק־לעכע. בכל אופן איז אים לייכטער צו באַווייזן זייער רעאַליטעט, שטרייכט ער טאַקע אונטער דאָס גאַלוואַניזירנדיקע; אַליין אש להבה, טראָגט ער אַריין דעם ברען אין דעם קרייז פון די פריינט און צינדט זיך אַליין אָן דערפון.

„וואָס איז אונדזער גייסט אויב ניט אַן אינסטרומענט פון בינדונג פון די פאַרשיידנסטע קאָנצעפּציעס?" יעדער סינטעטישער קאָנצעפּט אַנטהאַלט, לויט נאָוואַליסן, צוויי קאָנצעפּטן, וואָס איינער איז סותר דעם אַנדערן. דעריבער טאַקע קענען מיר ניט צוקומען צו אַן אַבסאָלוטער איינהייט, ווייל דאָס וואָלט געווען „אַ חלל פון אַ געדאַנק". די העכסטע מסקנה, וואָס מיר קענען יאָ צו איר דערגיין, איז אַ פאַראייניקטע דואַליטעט. וואָס מער העטאָרעגענע עלעמענטן, אַלץ ווייטער און ענערגישער וועט זיין די סוב־סטאַנץ. נאָר דעמאָלט, ווען די עקסטרעמען קאָמוניקירן איינער מיטן צווייטן, איז פאַראַן לעבן. מען דאַרף זיך תמיד געפינען אויף דעם גרענעץ פון דעם באַוואוסטן און דעם אומבאַוואוסטן. דאָס אמתע דערקענען איז דאָס דענקען און דאָס ניט־דענקען, דאָס חלומען און דאָס ניט־חלומען אין דער זעלביקער צייט: דאָס איז די סינטעטיזירטע אָפּעראַציע פון דעם געניוס. ס'וועט קומען דערצו, אַז דער מענטש וועט שלאָפן און ניט שלאָפן אין דער זעלביקער צייט. דער געניוס איז אַ פלוראַליטעט פון פאַרשיידענע יחידים, וואָס פירן אַן אינערלעכן דיאַלאָג איינער מיטן צווייטן. זיין אַ געניוס, הייסט פאַר נאָוואַליסן, זיין מיט זיך אַליין. „אָפּגעבן זיך צו אומענדלעכער סתירה, וואָס איז אי פּרוכפּעריק, אי נויטווענדיק: קלאָרקייט און טונקלקייט, אַ פאַראייניקונג פון רו און באַוועגונג, ענטוזיאַזם און שכל. אַנשטאָט דעם שלייער פון אָרדענונג זיך זען ברענען אין דעם כאָאָס!"

ווען אַרטור רעמבאָ איז געווען אַריינגעטאָן אין פּראָצעס פון ברענגען די גאולה פאַר דער וועלט, האָט ער אויך אין אַ מאָמענט פון הייסער האָפענונג אויסגערופן: „די וועלט גייט פאַראויס, פאַרוואָס־זשע זאָל זי זיך ניט אַ קער טאָן אויף צוריק?" אָבער דאָס איז שוין געווען אַן אַנדער קרעכץ.

„די וועלט ווערט טרוים, טרוים ווערט די וועלט..." האָט אָבער

נאָוואַליס באַוויזן, זאָל זיין נאָר אין דער פּאָעזיע, איבערצובריקן דעם קליינעם אוניווערס פון צייכנס און קלאַנגען, וואָס הייסט שפּראַך, און פון אויסדרוקן, פון אוניווערס, וואָס געפינט זיך אין אים און וואָס איז מחוץ פון אים? האָט ער כאָטש אויסגעמאָסטן דעם מהלך, וואָס טיילט פונאַנדער דעם איך פון דעם ניט־איך? האָט ער פאַרשדכנט דאָס ליכט מיטן שאָטן? ס׳איז אָפילו אַ ספק, צי ער האָט באַוויזן צו מאַכן פון פּאָעזיע יענע שטרענגע קונסט פון מאַטעמאַטישע געזעצן, ווי ער חלומט דאָס אין „היינריך פאָן אָפטערדינגען״. אָבער דאָס יאָ: ער איז געוועז דער אַנטפּלעקער פון דער פאַרבאָרגנקייט און איז געבליבן דער שטענדיקער אַקראָבאַט אין די תהומות פון דעם אינעווייניקסטן איך, דער דערפינדער, וואָס האָט נאָר געדאַרפט האָבן עמעצן ווער עס זאָל ווייטער פירן זיינע סכעמעס און וויזיעס, און ער האָט דעם דאָזיקן עמעצן געפונען...

געפונען האָט ער אים אין יענע מרחקים, וואָס רופן זיך אָן „געמיט״ און געפיל. געמיט איז עפּעס אַ מין צוגאָב צו דער דייטשישער נשמה, וואָס לאָזט זיך ניט איבערזעצן אין קיין אַנדערער שפּראַך (אין אידיש מיינט דאָס וואָרט געמיט גאָר עפּעס אַנדערש און איך וועל זיך דערמיט אַצינד ניט פאַרנעמען). אויף דייטש מיינט דאָס די מרה שחורה, דאָס נאָקטורנע אין דער נשמה, וואו יעדער ליכט־שטראַל איז אויסגעלאָשן; נאַכט און תאווה און קראַנקייט, מיסטיציזם און אויפלייזונג. „מיסטיציזם — זאָגט איינער פון זיינע ביאָגראַפן — וואָס איז טעאָרעטישע תאווה און תאווה וואָס איז פּראַקטישער מיסטיציזם —ביידע זיינען פאַראַן אין גלייך שטאַרקע פּראָפּאָרציעס ביי נאָוואַליסן״.

דער דמיון — שרייבט נאָוואַליס צו קאַראָלינע שלעגעל — איז על פּי רוב נוטה צו דעם, וואָס איז מער אומזיטלעך, מער אַנימאַליש. אָבער איך ווייס אויך ווי אַזוי איטלעכע פאַנטאַזיע איז ווי אַ חלום, ווי זי האָט ליב די נאַכט, די זינלאָזיקייט און די איינזאַמקייט...״

און דאָ קומען מיר צו צום געפיל, זיך אַליין פילן. די קראַנקייט פאַרשאַפט, לויט נאָוואַליסן, מער פאַרגעניגן ווי אַ געזונטער צושטאַנד, ווייל דער קראַנקער פילט שטענדיק זיין גוף. דעריבער איז טאַקע קראַנקייט דאָס איינציקע אמת׳ע לעבן און „לעבן איז אַ קראַנקייט פון גייסט״. אַזוי פילט

זיך דער וועלט־גייסט אין די לעבעדיקע אינדיווידועז און אַוודאי איז תאווה געפיל, ווייל עס איז אַן עקזאַלטירט קרענקלעך זעלבסט־געפיל, ביי וועלכן עס איז נישט קלאָר צי דאָס איז לוסט צי דאָס איז ווייטיק. און ער שרייבט ווייטער:

„אין דעם מאָמענט, ווען דער מענטש וואָלט גענומען ליב האָבן די קראַנקייט אָדער דעם ווייטיק, וואָלט די שענסטע תאווה געלעגן אין זיינע אָרעמס, די העכסטע, פּאָזיטיווע לוסט וואָלט אים געקוועלט... הויבט זיך דען נישט אומעטום אָן דאָס בעסטע מיט דער קראַנקייט? האַלבע קראַנקייט איז שלעכט. גאַנצע קראַנקייט איז לוסט און דערצו נאָך העכערע לוסט... די קריסטלעכע רעליגיע איז אייגענטלעך די רעליגיע פון דער תאווה. די זינד איז די גרעסטע הנאה פאַר דער ליבשאַפט פון גאָט; וואָס זינדיקער דער מענטש פילט זיך, אַלץ קריסטלעכער איז ער".

„אויסטערליש ביז גאָר איז דאָס, וואָס די אַסאָציאַציע צווישן תאווה, רעליגיע און גרויזאַמקייט האָט ניט שוין פון לאַנג אָן צוגעצויגן די אויפ־מערקזאַמקייט פון די מענטשן אויף דער ענגער קרובהשאַפט זייערער און אויף זייער שותפותדיקער טענדענץ".

אַן אמתער גן עדן, וואָס סיטואירט זיך אין ד ע ר וועלט. דער עראָטיזם און די בענקשאַפט נאָך דער פּופצן־יעריקער סאָפיע קוהן געפינט אַן עיר מקלט אין דער רעליגיעזער ליידנשאַפט, ממשותדיק און גשמיותדיק ביז „קריסטוס און סאָפיע". אָבער נאָך איז די נאָסטאַלגיע ניט באַפרידיקט. די נשמה, דאָס „געמיט" זוכט די בלויע בלום, וואָס ווערט געכאָוועט אין די שוואַרצע וועלדער פון דעם דייטשישן לאַנד, פאַרפאַלגט דורך נאַוואַליסן מיט קלאָרן באַוואוסטזיין און מיט אַ מ י י ן. זיין בליק איז גע־ווענדט צו דער מדינה פון „דער בלויער בלום", צו דער נאַכט. אין בין השמשות דערוועקן זיך די בלויע האָריזאָנטן און זיי דערוועקן „אַלטע מע־לאָדיעס אין זיין געמיט"...

אין אַזאַ שטימונג האָט ער מסתמא געשריבן דעם בריוו צו זיין פריינט אין וועלכן ער פאַרזיכערט אים, אַז ער העגנט זיך נישט אָן „מיט קינדלעכן זין אָן די אומפאַרענדערלעכע צייכנס פון סודותפולן אַלטן דאָקומענט" — געמיינט איז, פאַרשטייט זיך, די ביבל.

ער וויל ניט זיין געבונדן צום אות, ער וויל — זאָגט ער — איינער אַליין אויסגעפינען פאַר זיך אַ וועג צו דער אורוועלט. און אָט זעט ער טאָקע אין דער תורה פונעם קריסטנטום אַ זיבבילדלעכע פאַרצייכענונג פון אַן אַלגעמיינער וועלט־רעליגיע. „און — זאָגט ער ווייטער (ווי מיר זעען, ניט אומצופרידן מיט זיין המצאה) — אין מיין קאָנצעפּציע פון רעליגיע וועט איר מוזן אָנערקענען איינעם פון די פיינסטע עלעמענטן, דהיינו: דמיון...״

און אַצינד נאָך איין אַקראָבאַטן־שפּרונג אויפן טראַפּעץ פון די נאָק־טורנס, און מיר וועלן צוקומען צו זיין „קריסטנהייט אָדער איירָאָפּאַ״.

„גאַנץ ריכטיק, זאָגט ער, האָט דער קלוגער אויבערהאַר פון דער קירך אין זיין חכמה זיך אַנטקעגנגעשטעלט קעגן די חוצפּהדיקע אויסביל־דונגען פון די מענטשלעכע פעאיקייטן אויפן חשבון פונעם הייליקן זין, און די אומצייטיקע געפערלעכע אַנטפּלעקונגען אויפן געביט פון וויסן. אַזוי האָט ער פאַרווערט די מוטיקע דענקערס עפּענטלעך צו דערקלערן, אַז די ערד איז אַ ווייניק וויכטיקער וואַנדלשטערן, ווייל ער האָט וואויל געוואוסט, אַז טאָמער וועלן די מענטשן פאַרלירן דעם דרך־ארץ פאַר זייער ערדישן פאַטערלאַנד, וועלן זיי דעמאָלט אויך פאַרלירן די אַכטונג פאַר דער הימלישער היים זייערער און פאַרן מין מענטש. זיי וועלן שעצן דאָס באַגרענעצטע וויסן העכער ווי דעם אומענדלעכן גלויבן און וועלן זיך צוגעוואוינען צו פאַראַכטן אַלץ וואָס איז גרויס און צום באַ־וואונדערן און וועלן דאָס באַטראַכטן ווי אַ טויטן רעזולטאַט פון געזעצן״.

זעען מיר בכן נאָוואַליסן מאַכן חברותא מיט אַלע אָבסקוראַנטיסטן, קעגן די גאַלילעעס, די קעפּלערס, די דזשיאָרדאַנאָ ברונאָס אאַז״וו.

געפּיל, געמיט, דאָס זיינען די צוויי קאַלאָמוטנע טייכן אָדער אפשר גאָר איין איינציקער טייך, וואו נאָוואַליס שפּיגלט זיך נאַרציסטיש און פירט אויס זיינע אַקראָבאַטישע שפּרונגען מיט אַ נאַכטוואַנדלישער זיכערקייט. מען קען גריילעך זוכן די נאַכט, מען קען אַרויפקלעטערן ביז צום עקסטאַז פון טויט און זיך אויפכאַפּן אין דער ניכטערקייט פון אַסערסאַרשאַפט אין דער בירגערלעכער קאַריערע. עס איז תמיד פאַראַן אַ פילאָסאָפיש הינטערטירל, אויב „סתירה איז ניט נאָר ניט קיין חסרון נאָר פאַרקערט, נייטיק און

באַפרוכטנדיק". מען קען ריידן וועגן דעם אַלגעוואַלטיקן גאָט, וועלכן מיר גופא געבוירן און וועלכער געבוירט אונדז און דאָך ענדיקן אין דער קאָנוועניציאָנעלער קאַטוילישער קירך. אין דעם פּאַראַדאָקס־שיכורן געפיל וואוינט לעבן דער בענקשאַפט נאָך דעם דערלייזער די זיכערקייט, אַז מען איז אַליין משיח אָדער אַז ער, משיח, געפינט זיך שוין פון לאַנג אָן אין דער זעלביקער איינגעפונדעוועטער קאַטוילישער קירך; און דורך דעם זעלביקן פילאָסאָפישן הינטערטירל קען מען דערגיין צו זאָגן, אַז „לעבן איז אַ קראַנקייט פון גייסט" און אַז וואָס לעבעדיקער דער גייסט איז, אַלץ קראַנקער איז ער, אַלץ נענטער געפינט ער זיך צו דער נאַכט און צו דער פינצטערניש. דאָס ליכט איז אים ניט צום האַרצן, ווייל אַלע יענע וואוכערנדיקע געפילן און פסיידאָ־געפילן געראָטן בעסער אין דער נאַכט.

אָבער מיר וואָלטן קעגן נאָוואַליסן באַגאַנגען אַן עוולה, ווען מיר וואָלטן געזאָגט, אַז ער האָט גלאַט אַזוי זיך געלאָזט גיין און האָט ניט געוואוסט וואוהין ער קירעוועט זיך. אין אַט אַ דעם באַרג סתירות, ניט־אויסגעהאַלטנקייטן און אינקאָנגרוענצן, שטעקט פּאָרט אַ גאַנץ באַוואוסטע כוונה צו וועלכער ער קומט שטענדיק צוריק.

ער פּאָלעמיזירט מיט לוטערן, וואָס „האָט איינגעפירט אָן אַנדער אות און אָן אַנדערע רעליגיע, דהיינו, די הייליקע אַלגעמיין גילטיקייט פון דער ביבל, און דערמיט איז, צום באַדויערן, אַ העכסט פרעמדע ערדישע וויסנשאַפט געוואָרן אַריינגעמישט אין רעליגיעזע ענינים — די פילאָלאָגיע, וואָס איר אויסצערנדיקע השפעה איז פון דעמאָלט אָן אומעטום צו דערקענען..."

און כדי צו באַרעכטיקן מיין השערה, אַז נאָוואַליס האָט געווי געוואוסט וואָס ער וויל, ניט מאַכנדיק קיין געברויך פון זיין היתר פאַר קאָנטראַדיקציעס, וועל איך ברענגען נאָך איין ציטאַט:

„...על־פי אינסטינקט איז דער געלערנטער אַ שונא פון דער גייסטלעכקייט; דער געלערנטער און דער גייסטלעכער שטאַנד, אויב זיי גייען אויף באַזונדערע וועגן, מוזן פירן מלחמה איינער מיטן צווייטן ביז צו קעגנזייטיקער פאַרטיליקונג, ווייל זיי רייסן זיך ביידע וועגן דעם זעלביקן ענין" (ד"ה וועגן דער נשמה פונעם מענטש).

פרידריך העלדערלין

אינמיטן פון ניט געוואָלטן האַלב־טונקל און געוואָלטע נאָקטורנאָס, אינמיטן פון פאַרנעפּלטן „טשיאַראָ־סקוראָ", פון פאַראַנענער דאָפּל־דייטי־קייט און געוואָלטן אָבסקוראַנטיזם, באַלאַנגענדיק גייסטיק צום ערשטן דור ראָמאַנטיקער (מיט נעאָקלאַסישע נטיות) און צייטלעך צום צווייטן — באַווייזט זיך ווי אַ ניצוץ פון ריינער ליכטיקייט — פרידריך העלדערלין. צו יונג פאַרן ערשטן דור און צו אַנדערש פון צווייטן, גייט ער זיין וועג — כדי צו ריידן מיט זיין לשון — באַשטימט פון די פאַרצן לגמרי מן הצד. אַ ליכטיקער פאַנטעאיזם, אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו אַ גריכישער וועלט, וואָס ער האָט געחלומט, צו אַ גריכישער פילאָסאָפיע פון וועמענס תורה ער האָט געשעפּט מיט אַ נאָסטאַלגיע נאָך שיינקייט. דאָס איז דער סימן מובהק, דער שטענדיקער לייטמאָטיוו פון פר. העלדערלין. דערצויגן אין דער אוניווערסיטעט טיבינגען, אַ צענטער פון קלאַסישער טראַדיציע, אַ פאַרערער פון קלאָפּשטאָקן, האָט זיך „דער פרינץ פון די דיכטער און דענקער" צווישן זיי דאָך ניט אינגאַנצן געפילט אין דער היים. אין קאָנטאַקט מיט דער גייסטיקער עליטע בשעתו, האָט ער עקסטאַטיש געלעבט די גרויסע עפּאָכן פון דער מענטשהייט בכלל, און גלייכצייטיק די געשיכטע פון זיינע אייגענע טעג. „איך רייד מיסטעריעס, אָבער זיי זיינען", זאָגט ער אין „היפּעריאָן" אַ ראָמאַן אין בריוו, פאַרלייגט קיין גריכנ־לאַנד, אָבער דורכאויס אַקטועל: געמיינט איז דייטשלאַנד. „איך גלויב — זאָגט היפּעריאָנס פרינט אין אַ בריוו — מיר זיינען דורך אונדז אַליין, און נאָר דורך אונדזער פרייען ווילן זיינען מיר אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיטן אוניווערס..." מ׳קען זי פּשוט שמעקן, די אַטמאָספער פון יענע טעג וואו די פילאָסאָפן האָבן זיך איבערגעטראָפן אין המצאות, אין שפּעקולאַציעס כדי דערגיין צום מיסטעריום, צו רזא דרזין...

„היפּעריאָן" איז אַן „אני מאמין" וואָס נעמט אַלץ אַרום וואָס העלדערלין פילט, וואָס ער זעט, וואָס ער איז. ער איז אַ מענטש, דאָס וויל ער זיין.

זיין שפּראַך איז פּשוט, דאָס וואָרט פונעם מענטשן, מיט אורשפּרינגלעכער וואָגיקייט, מיט פולווערטיקן תוכן. ער איז דיכטער און ער איז פילאָסאָף, ער דרינגט אַריין אין די טיפענישן פון דער וועלט, ניט פון יענער. און רעדט וועגן „דער אומהיילבאַרקייט פון יאָרהונדערט" און וועגן די קאַרליקעס וואָס זיין פריינט אַלאַבאַנדאַ שפּאַנט צווישן זיי אַרום. געמיינט איז פיכטע וועמען ער רופט אָן „דער טיטאַן".

צו שילערן קוקט ער אַרויף ווי צו אַ לערער און פריינט. באַזונדערס באַפריינדט איז ער מיט דעם גלייכאַלטריקן העגעל, און ווען עס קומט דערצו שעלינג, ווערן זיי אַ טריאָ. יעדער פון זיי איז אַ זוכער און באַנייער אויף זיין אייגענעם אופן. יעדער האָט געלייגט זיין חותם אויף דער געשיכטע פון דער וועלט. און באַלד, אפשר צו באַלד דערלעבט ער דיאָ־טימאַ. „דאָס איינציקע וואָס זיין נשמה האָט געזוכט, די שלמות וואָס מיר זוכן צו דערווייטערן ביז צו די שטערן, וואָס מיר רוקן זי אַרויס ביז צום סוף פון דער צייט, זי האָב איך אַצינד געפילט. דאָס איז עס געווען, דאָס העכסטע; אין דעם דאָזיקן קרייז פון דער מענטשן־נאַטור און פון די זאַכן איז עס געווען".

„היפּעריאָן" איז באַאיינפלוסט פון „דאָן־קאַרלאָס", און פון „ווערטער". אָבער נאָך עפּעס גאַנץ אַנדערש איז „היפּעריאָן" אויסן; דאָס געשיכטע־לעבן פון דער מענטשהייט און ווי עס צעשטערט די שיינקייט. „און גייסט וואָס איז געווען נאַטור איז געוואָרן אידעאַל. קונסט און דיכטונג זיינען די שיינקייט און פון איר עמאַנירט די פילאָסאָפיע, דער פאַרשטאַנד דערקענט דאָס פאַראַנענע. די פאַרנונפט דערגרייכט ביז צו דער פאָדערונג פון אַן אייביקן פּראָגרעס, איבערביידע שטייט דאָס אידעאַל פון דער שיינקייט. זי איז דאָס העכסטע, אומבאַדינגטע, זי איז דאָס גאַנצע וואָס שטייט איבער יעדן דענקען. אין איר איז פאַראַן דאָס געטלעכע וואָס איז צוגלייך דאָס אמתדיק מענטשלעכע".

האָט העגעל באַאיינפלוסט העלדערלינען, אָדער איז עס געווען פאַר־קערט?

היפּעריאָן האָט דערווייַלע איבערגעקומען די פאַזע פון אַקציע. נאָכדעם וואָס ביידע פריינט באַשליסן אַז דער בונד פון שיינע גייסטער קען ניט לעבן

אין דער לופט, פּלאַנען זיי מיט דער הילף פון אַן אַרמיי צו באַפרייען גריכנלאַנד און צו באַשאַפן אַ טעאָקראַטיע פון שיינעם, — די אַקציע האָט זיך ניט איינגעגעבן.

„מיין ליבשאַפט איז דאָס מענטשן־געשלעכט, איך האָב ליב דעם דור פון קומענדיקע יאָרהונדערטער", שרייבט העלדערלין צו זיין ברודער. אין „היפּעריאָן" קלאָגט ער זיך: „איך בין אויפגעוואַקסן ווי אַ שאָף אין אַ פּאַסטוך". געבוירן אין דעמזעלביקן יאָר ווי העגעל (1770), מיט וועמען ער האָט זיך שפּעטער באַפריינדעט — וואַקסט ער אין אַ פּאָטער אין דער שיינער געגענט פון נירטינגען, וואָס ער האָט עלעגיש באַזונגען: די נאַכט און דאָס ליכט, די ווינטן וואָס וואָיען אין די פעלזן, די קוואַלן און די וועלדער, דעם ים וואָס נעמט אַרום זון־פאַרשיכורטע אינזלען. ליריקער פון עקסעלאַנס, מיט אַן אומגעהוירן ליבע־באַדערפעניש, קלאָגט ער זיך:

„ווען איך בין אַ קינד געווען
האָט פון מענטשלעכער רוט און געשריי
אַ גאָט פון אויבן אָפּט מיך באַהיטן;
כ'האָב געשפּילט זיך זיכער און גוט,
מיט בלומען אין וואַלד,
און די לופטלעך פון הימל
זיי האָבן געשפּילט זיך מיט מיר..."

אין טיבינגען טומלט זיך פון פילאָסאָפיע. די גריכן, פּלאַטאָ וואָס עפנט אַ וועג צו קאַנט. שילער איז פאַרטאָן מיט דיזעלביקע אינטערעסן. און ער, העלדערלין, זוכט אַ פשרה. באַאיינפלוסט פון שפּינאָזאָ'ס מאַטעמאַטישע מסקנות, באַאיינפלוסט פון פיכטע, פון אַ געשטייגערטער טעאָרעטיזירנדיקער אַטמאָספערע, שרייבט ער אַן אַ מאמר וואָס פרואווט צו איבערבריקן די גרענעצן צווישן שכל און פאַנטאַזיע־וועלט דורך עסטעטישן וועלט־באַנעם. העגעל דערגייט צום נאָענטסטן צו אַ לייזונג דורך זיין אוניווערסאַליסטיש סיסטעם, אָבער יעדער פון די פּני פון דער פעדער פּרואווט צו פאַרענטפערן דעם פּראָבלעם אויף זיין אופן און יעדער איז פון אַנדערן באַאיינפלוסט. און עס איז אין יענע וואו עס קרישטאַליזירן זיך די ריכטליניעס פון 19טן און אַפילו צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

העלדערלינ׳ס שפּראַך איז אָרעם, די סימבאָלן כמעט באַנאַל; געטער אין הימל, און מענטש אין טרוים איז הימליש. און דאָך פּאַקט ער. מיט זיין זשעסט פון פשטות, מיט זיינע אַקצענטן וואָס דריקן אויס דעם געדאַנק, לויט זיין אייגענעם געזעץ, מיט זיין כוונה אין הימנען פון דערהויבונג און די אין עלעגיעס פון טרויער, דאָס זיינען די צוויי ספערן, אין וועלכע ער אַנטפּלעקט זיך. ער מוז דענקען, פּרוּווט ער צו געפינען אַ סינטעז צווישן פאַרנונפט און פאַנטאַזיע אין אַ שטרעבזאַמער פילאָסאָפיע פון יענער תקופה וואָס דערגייט אין איר דיאַלעקטיק צו ווירטואָזיטעט, און אין דער נאַטור. די אידיליע איז געווען זיין היים, וואו ער לעבט און ליידט. און ער קלאָגט זיך אין „היפּעריאָן״: „אַזוי שכלדיק בין איך ביי אייך שוין געוואָרן, האָב זיך אויסגעלערנט, זיך גרינדלעך אָפּצושיידן פון דעם וואָס נעמט מיך אַרום, בין אַצינד פאַראייניקט אין דער שיינער וועלט, אַזוי אַרויסגעוואָרפן פון דעם גאָרטן פון דער נאַטור וואו איך בין געוואַקסן און האָב געבליט — און איך פאַרטריקן אין דער מיטאָג־זון.

אַ גאָט איז דער מענטש ווען ער חלומט, אַ בעטלער ווען ער טראַכט, און ווען די באַגייסטערונג קומט אַהין, שטייט ער ווי אַ ניט־געראָטענער זון, וואָס דער פאָטער האָט אים אַרויסגעשטויסן פון הויז און ער ציילט די אָרעמע גראָשנס וואָס דאָס מיטלייד האָט אים געגעבן צידה לדרך״.

...ווען די באַגייסטערונג קומט אַהין... דאָס איז וואָס ער איז געווען. אַ באַגייסטערטער וואָס האָט נאָר געוואָלט לעבן אין גאָרטן פון נאַטור (אין אידיליע) וואו ער איז „געוואַקסן און האָט געבליט...״

איז העלדערלין אַ ראָמאַנטיקער? ער לעבט אין וועלטן וואָס זיינען פאַרגאַנגען, צו איז עס די אַנטיקע צו איז עס מיטלאַלטער, פאַר העלדערלין איז דאָס געווען גריכנלאַנד, בכן קלאַסישער באָדן וואו ער האָט זיך געכאָוועט. — געוויס איז קלאַסיציזם ניט פרעמד, נאָר אַן עלעמענט פון דער ראָמאַנטישער באַוועגונג. דאָס דאָזיקע שטרעבן ניט פאַרויס, נאָר צוריק איז אַ ראָמאַנטישער פענאָמען — אָבער מיר באַגעגענען העלדערלין אין עליזעאישע פעלדער, פון העלענישער טראַדיציע. דאָ לעבט ער זיך אויס, פון דאַנען שעפּט ער זיין נחמה, דאָ איז דער יסוד פאַר זיך ניט לאָזן אַראָפּפירן פון וועג פון זיינע צייטגענאָסן: „די חכמים און פאַריסעיער פון אונדזער

צייט וואָס מאַכן פון דער הייליקער ביבל אַ גייסט און האַרץ־טויטנדיקע פּלוידעריי, זיי וואָלט איך ניט וועלן האָבן פאַר אַן עדות פאַר מיין אינער־לעכער לעבעדיקער אמונה״. עס איז ניט שווער צו טרעפן, אַז ער מיינט נאָוואַליסן. העלדערלין וואָס האָט געלעבט אין פּסיכאָז פון יענע טעג, אַ נאָענטער פריינט פון העגעל און שעלינג. אַ ניט אָפּגעשאַצטער תלמיד פון יענע, וואָס וואָלטן אים געדאַרפט פאַרשטיין און האָבן עס ניט באַוויזן (שילער און געטע) האָט העלדערלין אין שטענדיקן קאַמף פון זעלישע און פינאַנציעלע שוועריקייטן דאָך באַוויזן, צו דערהאַלטן זיין לייכטענדיקן גלאַנץ פון בייקייט וואָס זיין געניוס האָט אין זיינע געזאַנגען און הימנען אַרויסגעזונגען מיט אַן אומבאַפלעקטער ריינקייט.

פרויען

בדרך כלל האָבן די פרויען אין דער דייטשישער ראָמאַנטיק ניט געהאַט קיין אַמביציעס פאַר זיך גופא. זיי האָבן זיך באַגנוגנט מיט דעם, צו זיין „אַ פוס־בענקעלע ביים צדיק׳ס פיס״. און דאָך האָט די פרוי דערפילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער דייטשישער ראָמאַנטיק.

אין מאָמענט, ווען די גרויסע יערעניש איז געוואָרן קענטיק, האָט זיך אויפן האָריזאָנט פון „פעך און שוועבל״ באַוויזן די פרוי, און האָט ווי אַ פּאַסיאָנירטער שפילער זיך אַליין געוואָרפן אין קאָן, מיט איר ווירקלעכן מהות, האָט זיך באַמיט צו דערהויבן צו דער אידעאַלער פיגור, צו דער פערסאָניפיקאַציע פון דער איינקייט איבערן דואַליזם, וואָס דער יעווויילי־קער פּאָעט ביי איר זייט האָט געחלומט. זי האָט מיט אַ פרומען ציטער געלעבט דעם דואַליזם פון איך און ניט־איך, וואָס פירט נאָר אין אַ מינוט פון געטלעכן חסד, צו אַן אַבסאָלוטער איינהייט. דעם מאָמענט פון שפּאַנונג און לייזונג, פילט די פרוי פאַרויס מיט איר גרויסן כח, זיך איינצופילן און מיט איר גרויסן פאַרלאַנג נאָך אויסלייזן, געלעבט מיט אַ סאָמנאַמבולער זיכערקייט, און שטעלט אָוועק ווי אויף אַ פּיעדעסטאָל די פרוי אין דער צוקונפט. דאָס איז געווען אַ געפיל פון זיין און פון זיין פריי, פון זיך אַליין באַזיצן, הגם מען האָט אין אָנהויב אפשר נאָך ניט געוואוסט, וואָס מיט דעם פריי זיין אָצוהויבן. ניט קוקנדיק אויף די „אירונגען אוןווירונגען״ וואָס זיינען געווען באַדינגט אין די אָפּגרונטן פון פערזענלעכן מיטאָס, האָט די פרוי פון דער ראָמאַנטיק מיט אַן ערדיש־פּעמיניגער זיכערקייט געפאָלגט איר באַרופונג און האָט געלייגט דעם גרונד־שטיין צו דער עמאַנציפּאַציע פון דער פרוי, צו איר אַבסאָלוטער באַפרייאונג.

דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקער אויסוואַל פון פרויען, וואָס אַ יעדע האָט געטראָגן דעם קרייץ פון איר, אָדער אירע דיכטער.

קאַראָלינע שלעגעל, וואָס האָט זיך גייסטיק געקענט מעסטן מיט אירע מענלעכע פּאַרטנער, האָט געהאַט אַ זייער „באַוועגט״ לעבן. די טאָכטער

פון אַ פּראָפעסאָר מיכאַעליס, חתונה געהאַט מיט אַ ד״ר בעהמער, וואָס איז פרי געשטאָרבן. זי האָט דורכגעמאַכט אַ שורה פון ניט איינגעגעבענע „אַפערן״, געלעבט פאַר אַ צייט אין הויז פון געאָרג פאָרסטער, הומבאָלדטס לערער, אַ רעוואָלוציאָנערער אַקטיוויסט, וואָס האָט אַריינגעצויגן קאַראָלינען אין זיין טעטיקייט.

אירע אַמאָרעזע אַפערעס זיינען אויך ניט געגאַנגען כשורה. נאָך אַן אַנטוישונג, האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיט דעם ערשטן בעסטן, וואָס האָט זיך באַוויזן פאַרן מאָמענט, און האָט זי דאַן איבערגעלאָזט צו איר גורל. ווען מאַינץ איז צוריק איינגענומען געוואָרן פון די דייטשן, איז קאַראָלינע אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין תפיסה, אונטער זייער גרויזאַמע באַדינגונגען. דעמאָלט האָט זי זיך געווענדעט צו אויגוסט ווילהעלם שלעגעל, אַן אַמאָליקן אַדאָראַטאָר, וואָס האָט איר בשעתו אויסגעוויזן צו גרין — און וואָס האָט זיך מיט אַ ריטערלעכער אומאייגענניציקייט פאַר איר אָנגענומען און זי געראַטעוועט פון תפיסה. שפּעטער האָט ער זי איבערגעגעבן דעם שוץ פון פרידריך שלעגעל. דאָ הויבט זיך אָן די קאַריערע פון דער פּראָמינענטסטער פרוי אין דער דייטשישער ראָמאַנטיק. זי אַרבעט מיט אויגוסט שלעגעל ביי דער שעקספּיר-איבערזעצונג מיט דעם זעלבן איי־פער, מיט דערזעלבער קאָמפּעטענץ, אָבער אַנאָנים. זי שרייבט עסייען, אַרטיקלען, אַפילו אָנטקעגן שלעגלען, קריגט אָן ענטפער און ציט אַריין שעלינגן אין וויכוח.

קאַראָלינע, גייסטיק דורכאויס אַדעקוואַט, זעעליש און עמאָציאָנעל פון אַן אומגעהייערער וויטאַליטעט, ווערט באַלד דער מיטלפּונקט פונעם יינגערן דור ראָמאַנטיקער. מיט דיאַבאָלישער שאַרפקייט איז זי אין איר ליטעראַרישן אורטייל דורכאויס זיכער. געטע רעכנט זיך אויך מיט אירע מיינונגען. מיט פיכטען און אַלע אַנדערע האַלט זי אָן חברישע באַציאונגען. שילער האָט אָבער לויט איר געשמאַק צופיל פאַנטאַזיע און ער ווידער רופט זי: „מאַדאַם לוציפער״.

קאַראָלינע האָט מסתמא געדינט פאַר אַ פאָרבילד צו פרידריך שלעגעלס אומגעראַטענעם ראָמאַן „לוצינדע״, אין וועלכן ער זאָגט אויס סודות פון

זיין אייגענעם משפּחה־לעבן. זיין פרוי דאָראָטע רעאַגירט דערויף מיט:
„די יונגע לייט פלוידערן פון חדר..."

ווען דער ראָמאַנטיזם דערמאָנט זיך אָן אַן אַלט־גערמאַנישער קונסט און הויבט אָן צו זוכן די פאַרבאָרגענע אוצרות, איז עס ווידער קאַראָלינע וואָס באַטייליקט זיך אין די פאָרשונגען און עקסקורסיעס און באַלייכט קריטיש יעדן געפונענעם אָביעקט.

בשעתו איז געטע נאָך פאַרבונדן מיט דער ראָמאַנטיק און נאָכן לייענען לודוויג טיעקס „פראַנץ שטערנבאַלד" שרייבט ער צו קאַראָלינען: „מען וואָלט דאָס בוך גיכער געדאַרפט אָנרופן מוזיקאַלישע וואַנדערונגען, צוליב אַזויפיל מוזיקאַלישע געפילן און אָנרעגונגען; אַלץ איז דערינען פאַראַן, חוץ דעם מאָלער. אָבער אויב דאָס זאָל זיין אַ קינסטלער־ראָמאַן, דאַרפן נאָך גאַנץ אַנדערע זאַכן דערינען שטיין און עפּעס פעלט אים, דער אמתער עיקר און דאָס קינסטלערישע קומט אָפּט אַרויס ווי פאַלשע טענדענץ... פאַראַן זייער שיינע זונען־אויפגאַנגען, נאָר זיי קומען צו אָפּט פאָר..."

אויף דעם ענטפערט קאַראָלינע: „פון דעם ערשטן טייל בין איך נאָך אינגאַנצן ניט זיכער צי די ליבע צו דער קונסט איז נישט בכיוון אַוועקגעשטעלט אַלס אַ פאַלשע טענדענץ אין „שטערנבאַלד", און צי האָט ער נישט געדאַרפט זיך שלעכט פאַרענדיקן אַזוי ווי ביי „ווילהעלם מייסטער". אָבער דאַן וואָלט מסתמא אַריינגעקומען אַן אַנדערער חסרון — עס וואָלט אפשר געוווען צו וויניק מענטשלעכס דערינען. דער צווייטער טייל האָט מיר אַלץ ניט געגעבן קיין ליכט. עס איז דיזעלביקע אומבאַשטימטקייט, עס פעלט די אַדורכנעמענדיקע קראַפט, מען האָפט אַלץ אויף עפּעס באַשטימטן, אַז ערגעץ־וואו וועט זיך פראַנץ גאַנץ בולט באַווייזן. טוט ער דאָס? ווידער זיינען פאַראַן ליבלעכע זון־אויפגאַנגען און פרילינגען; טאָג און נאַכט בייטן זיך פלייסיק, זון, לבנה און שטערן קומען אויף, פייגעלעך זינגען; דאָס אַלץ איז זייער פיין, אָבער דאָך לײדיק און אַ קליינלעכער איבערבייט פון געפילן, און אין „שטערנבאַלד" קליינלעך אַוועקגעשטעלט. כמעט צופיל פערזאָנען, וואָס דרייען זיך לויז אַרום אַזוי ווי די צוגעטשעפּעטע געשיכטן און פאָרקומענישן, אין וועלכער עס זיינען פאַראַן צופיל שטילע שפּורן פון נאָכבילדונג".

מיט דער זעלבער זיכערקייט און דורכדרינגנדיקער אורטיילס־קראַפט, משפט זי אירע פריינט. אויסגעהאַלטן און סובטיל. וועגן פיכטען שרייבט זי (צו שעלינגן) ...„מיר איז דאָס שוין תמיד אַזוי פאָרגעקומען, אַז ביי זיין גאַנצער אומפאַרגלייכלעכער דענק־קראַפט, זיין קאָנקלוזיע, וואָס איז פעסט צוזאַמענגעשלאָסן, זיין קלאָרקייט, גענויאיקייט, זיין דירעקטע אויס־לייגונג פונעם איך, מיט דער באַגייסטערונג פון אַנטפּלעקער, איז ער דאָך באַגרענעצט. און דאָס, טראַכט איך, קומט דערפון, וואָס אים פעלט די געטלעכע אינספּיראַציע; און אויב דו האָסט דורכגעבראָכן אַ קרייז, פון וועלכן ער האָט זיך נאָך ניט געקענט אַרויסרייסן, וואָלט איך געגלויבט, אַז דו האָסט עס דערגרייכט נישט נאָר ווי פילאָסאָף — נאָר דערפאַר, ווייל דו האָסט פּאָעזיע און ער ניט. ער האָט ליכט אין זיין ליכטיקסטער ליכ־טיקייט, אָבער דו האָסט וואַרעמקייט. יענע קען נאָר באַלייכטן, די אָבער פּראָדוצירט".

**
*

דאָראָטעע שלעגעל, אַ טאָכטער פון משה מענדעלסאָן, האָט אַזוי גוט און פרום נאָכגעפאָלגט פרידריך שלעגעלס קוריאָזע אַנטוויקלונג, אַז זי האָט אפילו אָנגעשריבן אַ ראָמאַן אויף דער זעלבער קאַפּיטע ווי „לוצינדע", נאָר מיט מער טאַלאַנט. ווען פרידריך האָט אָנגעהויבן גיין זיינע אָבסקורע וועגן פון אַ נייעם היידניש־דייטשישן קאַטאָליציזם, איז זי אים געטריי נאָכ־געגאַנגען און אַריבערגעטראָטן צום קאַטאָליציזם. אַריסטאָקראַטיש־ביגאָטיש, אַזוי ווי אין פּסוק שטייט. עס זיינען נאָך געווען עטלעכע אידישע פרויען אין דער פרויען־גאַלעריע פון דער ראָמאַנטיק, די שיינע הענריעטע הערץ, די פריינדין פון שלייערמאַכער, רחל לעווין וכדומה.

געטע האָט אָפּטמאָל געוויזן, אַז ער איז נאָר אַ האַלבער גאָט: אָבער עס איז דאָך אינטערעסאַנט ווי האַלבע געטער זיינען ניט אָפּגעהיטן פון גאַנצער וואולגאַריטעט, אויב עס האַנדלט זיך וועגן יידן. „דעם 23טן סעפּ־טעמבער 1823 — דערציילט אַ דעמאָלדיקער קאַנצלער פאָן מילער — בין איך פאַר זעקס אַ זייגער אינדערפרי אַריין אין געטעס שטוב. איך האָב אים געפונען אין אַליידנשאַפטלעכן צאָרן איבער אונדזער ניי „יודען־געזעץ", וואָס דערלויבט די חתונה פון אידן און דייטשן. ער האָט אויסגערעכנט די

ערגסטע פאָלגן דערפון און האָט געזאָגט: אויב דער גענעראַל־סופּעראינטענ־דאנט האָט כאַראַקטער, וואָלט ער זיך ליבער געדאַרפט אָפּזאָגן פון זיין פּאָסטן איידער צו פירן אונטער דער חופּה אין דער קירך יידן אין נאָמען פון דער הייליקער דריי־איינוקייט. אַלע זיטלעכע געפילן אין די פאַמיליעס, וואָס נעמען זיך דורכאויס פון רעליגיע, מוזן דורך אַזאַ סקאַנדאַליעזן געזעץ אונטערגעגראָבן ווערן. חוץ דעם וואָלט ער וועלן זען ווי מען קען פאַרווערן אַז אַ יידישע פרוי זאָל אַמאָל ווערן אַבערהאָפּמייסטערין. דאָס אויסלאַנד מוז אַוודאי גלויבן אין שוחד, כדי צו באַגרייפן אַזאַ מין געזעץ. ווער ווייסט אויב דער אַלמעכטיקער ראָטשילד שטעקט ניט הינטער דעם״ *).

אַזוי ווייט געטע. וואָס מיר ציטירן נאָר אַלס קוריאָז. פאַראורטייל איז הפנים אַן אומדורכדרינגלעכע מויער פאַרן פּשוטן בשר ודם. אָבער די אָלימפּיער? די געטער? און יוסף בלאָך פרעגט מיט רעכט, ווי אַזוי האָבן זיך געפילט די אידישע דאַמען פון דער געזעלשאַפט וואָס האָבן מיט אָפענע טירן, און ניט זעלטן מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען די „קרעם״ פון אַנטיסעמעטיזם, און נאָך מער ווי האָבן זיך די דאָזיקע אַנטיסעמיטן געפילט אין יענע סאַלאָנען?

***

אין אַן עסיי וועגן בעטינאַ ברענטאַנאָ, דערמאָנט דזשאָרזשעט קאַמיל, אפשר דריי־פיר מאָל איר נאָמען. זי פירושט בעטינאַן מיט נאָוואַליסן, אַנטקעגנשטעלנדיק בעטינאַס ערד־פרישקייט אַנטקעגן נאָוואַליסעס לבנה־נאַכט־אידעאַליזם. דער סינטעז פוןביידן האָט אויסגעמאַכט דעם תוכן פון דער דייטשישער ראָמאַנטיק. און איינע פון אירע אויפגאַבן, צו וועלכע זי האָט זיך פאַרמאָסטן, איז געווען, איבערצובייטן די וועלט, ד. ה. זי אַוועק־צושטעלן אויף אַ נייעם שטייגער. האָט זיך דאָס — לויט אַ זאַץ אין שלייערמאַכערס בריוו — ניט געלאָזט מאַכן אָן דער פרוי... און נאָוואַליס זאָגט, אַז די דערגאַנצונג פונעם מאַן איז די עסענץ פון דער פרוי.

צו איז די פאַראייניקונג פון די קאַנטראַסטן דער זין פון דער איינהייט? דאָס רעאַלע און דאָס אילוזאָרישע? ווי אַזוי איז דאָס אילוזאָרישע ניט אויך

*) ציטירט לויט *Joseph Bloch*: Die Weltpolitik, III: Die Deutschen

רעאַל? גייסט און מאַטעריע? דאָס געוויינטלעכע און דאָס אויסערגעוויינט־לעכע? וואָכן און שלאָפן אין דערזעלביקער צייט? לעבן און טויט? נאַכט און טאָג? איז דאָס באמת אַ קאָרופּציע פון לעבן און האָט רעמבאָ ניט אומזיסט געחלומט אויסצומעקן די סעזאָנען, טאָג און נאַכט, גוט און בייז?

בעטינא, אפשר דער היפּוך פון קאַראָלינען, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ גייסטיגער וויריליטעט און פעמינינער צוציאונגס־קראַפט, בעטינא די יינגערע, מוזישערע, דאָס „אַנפאַן טעריבל" פון דער ראָמאַנטיק, שפּיגלט זיך אין דער נאַטור, שפּיגלט זיך אין דער נאַכט, און טונקט זיך אין איר ווי אין אַ שוימענדיקן טייך, וואָס גיסט־אויס וואַסער־טראָפּנס אויף איר יונגן גוף. זי קוקט אין ליכט און קוקט אין דער פינצטערניש און דער־ציילט וואָס זי האָט געזען, סיי איר יאַאַכים פאָן ארנים, און ביידע זיינען נתפּעל. זי האָט ניט די פעאיקייט זיך צו פאַרנעמען מיט עלעמענטאַרע שטודיעס אַפילו, אַזוי איז זי פאַרפּלייצט מיט חלום און וויזיע, סיי בייטאָג סיי ביינאַכט. אַמאָל וועט דער מענטש שלאָפן און וואָכן אין דער זעלביקער צייט, האָט נאָוואַליס געזאָגט. ביי בעטינאַן האָט דאָס צו־געטראָפן.

ווי אַן אידעלע חיה שפּילט זי מיט זיך און מיט אַנדערע, מיטן באַוואוסטן חן, וואָס גאָט האָט איר געגעבן. אַ פּולבאַזיץ פון אַ געטלעכער האַרמאָניע באַהיט זי פון דיסאָנאַנסן און פאַלשע טענער.

אפשר וועט אין פאַרבאָרגענער פונק פון דער שטראַלנדיקער פּערזענ־לעכקייט, דערציילן עפּעס וועגן וואַרעמען אויפריכטיקן מענטשן, בעטינא ברענטאַנאָ. זי באַלאַנגט צום געטע־קרייז אין פראַנקפורט, וואָס איז אַנטי־סעמיטיש. דער איינציקער אויסנעם איז בעטינאַ. זי טיילט געטען מיט וועגן עפּעס אַ קליינער הומאַניסטישער הנחה, לעכערלעך קליין אַנטקעגן דער אַנט־שיידונג פון די פראַנצויזן צו געבן אידן גלייך־באַרעכטיקונג. די דאָזיקע הנחה ווערט אויסגעקעמפט פון ישראל יעקבזאָן, אַ חשובער מיטגליד פון דער פראַנקפורטער געמיינדע. דאָס גיט דעם גרויסן געטע געלעגנהייט, יעקבזאָנען אָנצורופן „פינאַנץ געהיים־רעטלעכן יעקבזאָנישן איזראַעלזאָן", חוזק צו מאַכן פון בעטינאַס פילאָסעמיטיזם. ער אידענטיפיצירט זיך בשעתו

מיט דער גאַנצער באַנדע אַנטיסעמיטישע פּאַמפלעטן־שרייבער (עס זייַנען געווען פּראָפעסאָרן), וואָס וואָלטן אָנגעשטאַנען די געבעלס פון אונדזערע טעג.

בעטינא האָט איבערגעלאָזט די אורשפּרינגלעכסטע לעבעדיקסטע חלום־בריוו, וואָס האָבן אַזוי בולט עדות געזאָגט פאַר איר ווייטער פּערזענלעכקייט — אפשר האָט זי זיך בשעתו פאַר אַ רגע נאָר, אָפּגעשטעלט אין איר פינגער־שפּיצן־טאַנץ איבער די אוניווערסאַלע אָפּגרונטן?

מוזיק

וואוהין דאָס לשון דערגייט ניט, וואו דאָס וואָרט דערגייט צו דער סובלימיטעט פון אַ הויך, וואו די ווירקלעכקייט אַנטרינט ווי רויך, און דער רויך נעמט אָן פאָרעם, וואו דער דמיון דערגייט צו „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא״... דאָרט אַנטשטייט די מוזיק. אַן אַלטע קשיא, אָבער ניט קיין וואָכעדיקע. אַן אַלטע מער, וואָס געפינט רוים אין די ד׳ אמות פון אַ ווינקל־חדר אָדער שוועבט אין די עולמות און פאַרשמעלצט זיך מיטן געזאַנג פון כרובים פאַרן כסא הכבוד, אָדער שטורעמט מיט אָרפעאישן אימפעט, ביז צום כף הקלע. די דאָזיקע מוזיק האָבן די ראָמאַנטיקער גע־וועבט אַפילו אין שטיין (גאָטיק), על אחת כמה וכמה איז זי אַריינגעדרונגען אין יעדן אַנדערן געביט פון קונסט, דורך די באַוועגונגען, וואָס דערפילן דעם קינסטלער ווען ער רעאַגירט אויף די דערשיינונגען אין זיך, און מחוץ פון זיך. זי האָט געמוזט געפינען איר אויסדרוק ניט נאָר אין דער מוזיק גופא נאָר אין יעדן געביט פון מענטשלעכן שאַפן.

דער מוזיקער, דער מינע־זינגער, דער לץ, האָבן אין מיטל־אַלטער פאַרנומען בערך דיזעלבע שטעלונג. דער לץ איז געווען אייגנטום פון הויף, דער וואַנדערנדיקער זינגער איז געווען אַ מין בעסערער בעטלער, וואָס האָט געקראָגן שפּייז און געטראַנק פאַר גוט דערציילטע אָדער גע־זונגענע מעשיות, אַוואַנטורעס פון העלדן וכדומה. דער מוזיקער האָט קאָמפּאָנירט אויף באַשטעלונג פאַר קירכע, אָדער רעגענט, אויפגעטרעטן איז ער אין לאַקאַי־קליידונג.

ערשט אין זיבעצטן יאָרהונדערט דערשיינט דער פענאָמען פון ווירטואָז אין געזאַנג, אָדער אינסטרומענט, וואָס ס׳איז גורם צו דער געבורט פון דער אָפּערע, אויפגעפירט אין פירשטלעכע הויפן, פאַר פאַרוויילונג אָדער אין קירכן, וואו מוזיק האָט באַלאַנגט צום צערעמאָניאַל פון תפילה. אָבער אין ווענעדיג פּרוּוון די קויפהערן־פּרינצן עפענען די טויערן פון זייער אוילא פאַרן בירגערטום וואָס האָט ביז דעמאָלט נאָר געהערט מוזיק אין דער קירכע אַלס פרומע געמיינדע.

יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך, האָט אַפילו זיינע מייסטער־ווערק קאָמפּאָנירט אויף באַשטעלונג מיט באַזונדערער התמדה, כדי צו דערווייזן אַז ער איז ראוי צום טיטול הויף־קאָמפּאָזיטאָר. היידן, מאָנטעווערדי, גלוק, א. אַ. זיינען אַלע פאַרבונדן מיט הויף אָדער קירכע און קאָמפּאָנירן אויף באַשטעלונג. מאָצאַרט וואַרפט אַראָפּ די קייזערלעכע קייטן און בעטהאָוון פּראָקלאַמירט זיך עפנטלעך פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן מוזיקער. הענדל שרייבט זיינע אָדן פאַר דער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע, און קרעאירט אַ נייעם מין מוזיק־פּאָעמע, די אָראַטאָריע. דער „משיח" איז דאָס ערשטע ווערק געגעבן אויף דער בינע פאַר אַ ברייטן עולם אין גאַנץ אייראָפּע. דערמיט האָט זיך דער אַריסטאָקראַטישער קאָנצערט־זאַל, די אוילא, אַרויסגעוויזן צו קליין פאַר די מאַסן אויף דער בינע, און די מאַסן אין אודיטאָריום. דעמאָלט ווייזט זיך אַרויס די נויטיקייט פון קאָנצערט־הייזער כדי דער בירגער, דער פּשוטער בשר ודם זאָל קענען געניסן פון די פאָרשטעלונגען.

דער ראָמאַנטיזם האָט שוין לאַנג געהאַט מנצח געווען סיי פּאָעזיע סיי מאַלעריי. סוף כל סוף קומט די מוזיק.

זי איז דער צענטער, די דירעקטע מאַניפעסטאַציע פון דער אורשפּרינג־לעכער נאַטור פון דער וועלט פון ווילן, לויט שאָפּענהויער. די אינסטרו־מענטאַלע מוזיק איז דער אויסדרוק* פון מיסטישן אָדער קען אַזוי געטייטשט ווערן. פון דאַנען נעמט זיך די פאַרערונג פון די ראָמאַנטיקער צו בעטהאָוון.

זי איז רעפּרעזענטאַטיוו פאַר די שטרעבונגען פון דער ראָמאַנטיק אין יענעם סטאַדיום. די מוזיקער בכלל האָבן געטראַכט צו קאָאָפּערירן. קאַרל מאַריאַ פאָן וועבער פאַרהערלעכט (אין „פּרעציאָזאַ") די ראָמאַנטישע ציל־לאָזיקייט, וואַנדער און וואַגאַבונדן־לעבן, און צום סוף ווענדט ער זיך צום אורשפּרינגלעכן קוואַל פאַר יעדער שאַפונג — ער זוכט און געפינט זיינע סוזשעטן אין פאָלקסטימלעכן, ווי מיר הערן דאָס אין „פריישיץ". ער טוט וואָס ברענטאַנאָ האָט סוף כל סוף געטאָן, ווען ער האָט געזאַמלט און אַרויסגעגעבן „דעס קנאַבען וואונדער־האָרן".

אָבער דאָס אויסדריקן אין טענער דאָס געשריבענע וואָרט האָט זיך נאָך אַם בעסטן מאָצאַרטן איינגעגעבן. צי איז ניט אין פּראָצעס פון אויספירן די פאַראייניקונג עפּעס פאַרניכטעט געוואָרן פון דער אורשפּרינגלעכקייט,

צו איז עפּעס אָן עלעמעט ניט אויסגעלאָשן געוואָרן ביי דער באַלאַסטונג פון טאָן דורכן וואָרט, וואָס טראָגט אַליין פאַר זיך שוין אַ גאַנצן באַגאַזש פון אימפּליקאַציעס, פון ווערטן (אַפילו מוזיקאַלישע), דעריבער וועלן מיר זיך אַצינד ניט אויפהאַלטן.

צי איז בעטהאָוון געווען אַ ראָמאַנטישער מוזיקער? יעדנפאַלס איז זיין מוזיק ווייט פון צו זיין אַבסטראַקט, ד. ה. נאָר טאָן און ריטעם. ער פירט אונדז איבער זיינע אייגענע זעלישע לאַנדשאַפטן, אין וועלכע מיר הערן דעם שטורם און די תפילה. „אָ גאָט, גיב מיר דעם כוח זיך אַליין מנצח צו זיין ...“

זיינע אידייען אַז „נאָר יענע מיט הארץ, וואָס איז גרויס, זיינען העלדן“ אָדער „איך אָנערקען ניט קיין אַנדערן סימן פון סופּעריאָריטעט ווי גוטס־קייט“ — די ראָמאַנטיקער האָבן זיך איבער אַזעלכע ערדישע טריוויאַליטעטן געפילט דערהויבן. אויך איבער אַלץ וואָס איז „ליכט און ריינקייט און קלאָרקייט“. אפשר זיינען זיי בעטהאָווענס טריאומפאַל־אימפּעריאַלע מאַרשן, אַלס מוזיק פון אַקציע — מסתמא געשריבן נאָכן פאַרטרייבן פון נאַפּאָלעאָן, געווען גיכער צום האַרצן?

די וואָרט־מוזיק אָבער קומט אויס צו גשמיותדיק, צו דעפיניטיוו פאַרן נעפּל־זוכענדיקן ראָמאַנטיקער. דאָס האַלב־טונקל וואָס דערמעגלעכט וויזיע פון ניט געזעענעם, וויזיעס פון נסים, דער בין השמשות ניט פון פרימאָרגן נאָר פון דער נאַכט, אָבסקורע געשפּענסטן זיינען גיכער אין הסכם מיט ראָמאַנטישע אַספּיראַציעס, לאָזן זיך גיכער וועבן אויף אינסטרומענטאַלער מוזיק.

דערפון וואָלט געווען געדרונגען, אַז די ראָמאַנטיק, זייענדיק אַ באַ־וועגונג פון אויסדרוק פון סוביעקטיוון, פון אינדיווידועלן, פון עזאָטערישן, וואָלט געדאַרפט זיך קאָנצענטרירן אויפן אינטים־מוזיקאַלישן, אויף די פערזענלעכע לאַנדשאַפטן פון דער נשמה; שאַפן און שומאַן רעפּרעזענ־טירן אפשר יענע קוואַליטעטן, בדרך כלל אָבער, ווייזט זיך אַ נטיה פאַר דירעקטן צוגאַנג צו די מאַסן, צום פאָלק. הגם מוזיק קען אויסדריקן das Unsagbare, דאָס וואָס ס׳לאָזט זיך ניט אַרויסזאָגן, וואָס איז די איינציק ריין־ראָמאַנטישע קונסט לויט א. ט. א. האָפמאַן, האָבן די ראָמאַנטיקער

דאָך געשטרעבט דאָס דאָזיקע Unsagbare צו מאַכן פאַרשטענדלעך און פאַר אַלעמען צוגענגלעך פאַר ברייטע מאַסן. פון דאַנען קומט דאָס שטרעבן צו פאַראייניקן פּאָעזיע און מוזיק. אָבער נײַן, זיי פאַראייניקן וואָלט ניט געווען גענוג, מען דאַרף דיביידע קונסטן פאַרשמעלצן. די אידייע פון פאַראייניקן דאָס וואָרט־געדיכט, אָדער די תפילה מיט מוזיק, איז לגמרי ניט ניי. איז אָבער די אַספּיראַציע פון די ראָמאַנטיקער געגאַנגען ווייטער, אויב מען קען דאָס אָנרופן ווייטער. די מוזיק האָט געדאַרפט נעמען די איבערהאַנט. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אין דער ראָמאַנטישער אָפּערע. אַפילו וואַגנער וואָס האָט אין פּרינציפּ געהאַלטן, אַז די דראַמע דאַרף אין דער אָפּערע זיין דער מאַסקולינער פּרינציפּ, האָט דאָס נאָר געהאַלטן אין טעאָריע. אין דער פּראַקטיק פירט אין זיין מוזיק־דראַמע ניט נאָר דער זינגער, נאָר דאָס סימפאָנישע אָרקעסטער די איבערהאַנט אין דער רעפּ־רעזענטאַציע.

פילאָסאָפן

די תקופה האָט אויפגעברויזט ווי אַ פילפאַכיקער כאָר, אין וועלכן די שטימען פון פּאָעטן האָבן זיך געמישט מיט יענע פון פילאָסאָפן, אָפטמאָל בייטנדיק די ראָלן, אָפטמאָל די לאָזונגען, נאָך אָפטער די אָנשויאונגען.

און עס איז מאָדנע, וואָס גראָד געטע, דער ניט־ראָמאַנטיקער מיט זיין קאָנצעפּציע פון אַ פערזענלעכן מיטאָס, אין וועלכער דער מענטש איז באַשאַפער און באַשאַפונג אין דערזעלביקער צייט, האָט אַריינגעטראָגן דעם עיקרדיקסטן כאָאָס אין ראָמאַנטישן אוניווערס. די נטיה פון אַריינדרינגען אין די טיפענישן פון אייגענעם און פון ניט אייגענעם אוניווערס, האָט געמיינט זיך פאַנאַדערקלייבן אין פּלאָנטער, וואָס איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט ראָמאַנטישע נעפּלען און אומקלאָרקייטן.

אָבער עס וועט בלייבן אַן ערנבלאַט אין דער געשיכטע פון דער דייטשי־שער פילאָסאָפיע אַט די יראת הכבוד פאַר דער קונסט, דאָס גלויבן אין איר, דאָס גרייטע צוריקטרעטן אין אַ זייט פאַר איר גלאַנץ, און דאָס שטיין ביי איר זייט מיט חקירה און פּירוש, בכדי צו באַגרינדן איר סופּעריאָריטעט.

הגם די דייטשישע ראָמאַנטיק איז ניט, ווי דאָס פּרוּאוון אַ טייל ליטעראַר־היסטאָריקער אַוועקשטעלן, בלויז אַ היפוך צום באַגריף קלאַסיק, זי איז קודם כל דער געגנפּאָל פון דער „אויפקלערונג״; זי שטייט אין אַ שטענדיקן וויכוח מיט איר. וואָס איז אָבער די „אויפקלערונג״, וואָס איז זי אויסן?

„אויפקלערונג — זאָגט קאַנט — איז דער אַרויסגאַנג פונעם מענטשן פון זיין אומדערוואקסנקייט (Unmuendigkeit), אין וועלכער ער איז אַליין שולדיק. אומדערוואקסנקייט איז די ניט־יכולת, צו באַדינען זיך מיט זיין אייגענעם שכל, אָן דער אָנפירונג פון אַן אַנדערן״.

שמעקט דאָס אָבער צו שטאַרק מיט שכל הישר; ...„ניטאָ קיין געפילס־לעבן אין אַט דעם וועלטבילד״, טענה׳ן די ראָמאַנטיקער.

ס׳איז ניטאָ דאָ קיין פּלאַץ פאַר ראָמאַנטישער נאָסטאַלגיע, וואָס איז פאַר אַלעמען הונגעריק, אומבאַפרידיקט און באַנוגנט זיך דערווײַלע, צו

שפּילן, צו איראַניזירן. לויט דער „אומוווערטונג פון די ווערטן" איז דער שענסטער פלאַנטער פאַרן ראָמאַנטיקער בעסער פאַרן קלאָרסטן שכל. די פילאָסאָפיע איז ראוי זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַן עסטעטישער קאָנצעפּ־ציע פון דער וועלט.

דאָס אַכצנטע יאָרהונדערט איז די תקופה פון דער אויפקלערונג, די תקופה פון דער פילאָסאָפיע פון פּאָליטיק, לכל הפחות פון דער אַספּיראַציע דורכצופירן די שוין פאַראַנענע מסקנות פון דער פּאָליטישער פילאָסאָפיע. פּאָליטיש לעבן האָט די דענקערס פון אַכצנטן יאָרהונדערט מער אינטערע־סירט ווי פּאָליטישע דאָקטרין. זיי האָבן ניט געוואָלט באַווייזן די ערשטע פּרינציפּן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן פונעם מענטשן, נאָר זיי באַשטעטיקן און אָנווענדן. מעטאַפיזישע באַטראַכטונגען האָבן זיי ניט אינטערעסירט. אין זיינע „קאָנפעסיעס" דערקלערט רוסאָ, אַז ער וואָלט גערן אָפּגעגעבן זיין לעבן צו די „פּאָליטישע אינסטיטוציעס".

„איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, זאָגט ער, אַז אַלצדינג איז ראַדיקאַל פאַרבונדן מיט פּאָליטיק, און ווי מען זאָל זיך ניט נוהג זיין, וועט קיין שום פאָלק ניט זיין עפּעס אַנדערש ווי די נאַטור פון זיין רעגירונג האָט עס געפאָרעמט".

מעטאַפיזיק פון דער נאַטור, מעטאַפיזיק פון מאָראַל, אידייען זיינען פאַר די אויפקלערער ניט געווען קיין אַבסטראַקטער ענין. זיי זיינען געווען דערצו אויסגעפירט צו ווערן. עס האָט זיך ניט געהאַנדלט וועגן דעם, צי זיינען די אידייען ניי, דער עיקר איז געווען, צי זיינען זיי ריכטיק.

„...מען דאַרף ניט קיין נייע פּרינציפּן אָדער אַרגומענטן, וואָס מען האָט קיינמאָל פריער וועגן זיי ניט געטראַכט... מען דאַרף נאָר ברענגען פאַר דער מענטשהייט דעם שכל הישר פון דעם ענין, אין ווערטער אַזוי איינפאַך און שטאַרק, אַז זיי זאָלן דערגרייכן זייער צושטימונג", שרייבט דזשעפערסאָן אין אַ בריוו פון 8טן מאַי 1825. פון וואַנען עס קומען די אידייען, פון די אַמעריקאַנישע „בילס אָף ראַיטס" צי פון דער פראַנצויזישער דעקלאַראַציע וועגן Les Droits de l'homme, איז ניט אינטערעסאַנט. קאַנט, אַ באַגייסטער־טער באַוואונדערער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, באַשטעטיקט די דאָזיקע אידייען, און האַלט זיי פאַר ריכטיק. די דייטשישע ראָמאַנטיקער

אָבער מיט זייער נאַטור־פילאָסאָפיע, מיט זייער אויפפאַסונג וועגן קונסט און פּאָעזיע, מיט זייער באַנעם וועגן געשיכטע, האָבן אַן אַנדערן צוגאַנג. זייערע טעאָריעס זיינען ניט קלאָר און זיינען זיך אָפטמאָל סותר: אָבער זיי האָבן אַן אייגענע קאָנצעפּציע וועגן געשיכטע, וועגן מיטאָס. לויט זייער אויפפאַסונג איז דער באַנעם פון די אויפקלערער וועגן געשיכטע דורכאויס אומהיסטאָריש, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די אויפקלערער זיינען געווען די ערשטע, איינצופירן אַ נייעם וויסנשאַפטלעכן מעטאָד פון שטודיום פון געשיכטע. היסטאָריע אינטערפּרעטירן די ראָמאַנטיקער אויף אַן אַנדערן אופן. די פאַקטישע פעסטשטעלונג פון דעם וואָס איז, אָדער וואָס איז געווען, איז פאַר זיי ניט גענוג. פאַר זיי איז דער עבר ניט נאָר עבר, נאָר הויכער אידעאַל, און אַלץ ווערט פאַרשטענדלעך, באַרעכטיקט אויב מען קען די געשעענישן צוריקפירן צום שורש — אין היפּוך צו די אויפקלערער, וואָס האָבן זיך באַקענט מיט דער פאַרגאַנגענהייט, כדי צו בויען אַ בעסערע צוקונפט. געשיכטע האָט געדאַרפט וויזן, וואָס עס איז געווען, פון אירע מעלות, אָדער חסרונות האָבן זיי געוואָלט לערנען וויאַזוי צו בויען די צוקונפט פאַר דער מענטשהייט. די איינפאַכע פאַרהערלעכונג פון עבר, פון l'ancien regime איז פאַר די ענציקלאָפּעדיסטן געווען אַ ברכה לבטלה, אַן אַבסורד. „מיר האָבן וועגווייזער, אַ סך עלטער פאַר אַלטע מאָנומענטן — האָבן זיי געטענה'ט — וועג־ווייזער, וועלכע עקזיסטירן אומעטום, און זיינען אין באַזיץ פון אַלע מענטשן: די פאַרנונפט צו רעגירן אונדזערע געדאַנקען, די מאָראַליטעט צו פירן אונדזערע געפילן, און דאָס נאַטירלעכע רעכט".*)

די געשיכטע — ווי זיי פאַסן זי אויף — איז, לויט ערנסט קאַסירער, „דער קוואַל, דער סאַמע מקור פון רעכט. ניטאָ קיין אויטאָריטעט, העכער פון געשיכטע. געזעץ און שטאַט קענען ניט „געמאַכט" ווערן דורך מענטשן. דער מענטש איז אַזוי ווייניק מסוגל צו מאַכן געזעץ ווי שפּראַך, ווי מיטאָס, ווי רעליגיע... די מענטשלעכע קולטור איז ניט דער באַשאַף פון פרייע, באַוואוסט־מענטשלעכע אַקטיוויטעטן". זי אַנטשטייט פון אַ „העכערער נויט־

*) ציטירט ביי ערנסט קאַסירער: The Myth of the State.

װענדיקײט״. די דאָזיקע נויטװענדיקײט איז מעטאַפיזיש. זי איז דער נאָ־טירלעכער גײסט, װאָס אַרבעט און שאַפט אומבאַװוּסט״.

אַט דאָ איז געבוירן געװאָרן די פאַרװירונג אין די מוחות, אין די הערצער.

עס איז אפשר גאָר ניט אויסן װעג גערעדט, אַז דעם מענטש „מאַכט״ ניט, ניט שפּראַך, ניט מיטאָס, דאָס זײנען ענינים פון דורות לאַנגע אַנט־װיקלונגען. די געזעצן פון שטערן, פון פיזיק, זײנען אויך ניט געװאָרן דורך מענטשלעכע הענט. אָבער געזעצן פון רעכט, ניט קוקנדיק װאָס אויך זײ גײען דורך פאַרשידענע מעטאַמאָרפאָזן, זײנען זײ אויך מעטאַפיזיש אַנט־שטאַנען ?

די קולמינאַציע פון דער עסטעטישער אײנשטעלונג איז העגעל, װאָס סומירט, אמת, אויף אַן אײגענעם אופן װאָס עס האָבן געזאָגט פאָרגענגער און פילאָסאָזישע צײט־גענאָסן. אַז קונסט פאַרגײסטיקט דאָס זינלעכע, און מאַכט דאָס גײסטיקע זינלעך, דאָס האָבן די פילאָסאָפן פאַר אים באַהויפּטעט ; אָבער ער דערגײט צו דער פאָרמולירונג : דאָס זינלעכע שײנען פון דער אידײע. „שײנקײט איז דאָס סאַמע קאָנקרעט־אוניװערסאַלע. אַ קונסט־װערק איז אַ טאָטאַליטעט, אָרגאַניזירט אין יעדער אײנצלהײט, אָן אַן אויסערלעכער נויטװענדיקײט. קונסט־טעאָריע און געשיכטע גײען האַנט אין האַנט״.

העגעל קלאַסיפיצירט קונסט אַלס סימבאָליש (װאָס מײנט הײנט אַלע־גאָריש) — אַלס קלאַסיש, ראָמאַנטיש און קונסט אַן צוזאַמענהאַנג פון באַדײט און פאָרם.

סימבאָלישע קונסט געפינט ער אין אָריענט, אין אינדיע און מצרים, אין היפּוך צו דער גריכיש־קלאַסישער קונסט, װאָס פאַראײניקט אינהאַלט און פאָרעם. די סקולפּטור איז די קלאַסישע קונסט פאַר עקסעלאַנס. העגעל האַלט אגב פּאָעזיע פאַר דער העכסטער קונסט, װאָס איז בכן אַ װידער־שפּרוך צו דעם אויבן געזאָגטן ; דאָס מײנט אַן איבערגאַנג צו רעליגיע און דאַן פילאָסאָפיע.

אויף דעם אופן האָט די פאָרעם פון דער קונסט, אויפגעהערט צו זײן דאָס העכסטע באַדערפעניש פון גײסט. בכן איז פּאָעזיע די גײסטיקסטע פון די קונסטן, װײל אין איר איז ניט פאַראַן קײן זינלעכער עלעמענט. זי

באַשטייט פון צייכנס, וואָס באַקומען ערשט אַ מיין דורכן גייסט. פּאָעזיע איז די העכסטע קונסט, ווייל נאָענט צום געדאַנק. דערמיט גייט קונסט אַראָפּ פון איר סואווערענער מדרגה, פון טאָטאַליטעט.

העגעל לאָזט זיך פון זיין לאָגיק ניט אַראָפּפירן פון וועג. עס הענגט אָפּ פון דער תקופה, און פון דער געזעלשאַפט, און אַזוי לאַנג ווי די קונסט וועט שטיין אין קעגענזאַץ צו איר, צו דער געזעלשאַפט, וועט זי געפינען איר וועג און איר עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג.

פאַר די ראָמאַנטישע אַריבערטרייטן צום קאַטאָליציזם האָט ער ניט קיין גרויסע סימפּאַטיע. „דער קינסטלער נויטיקט זיך ניט אין קיין הילף, בכדי צו לעבן בשלום מיט זיין נשמה. איידער ער נעמט זיך צום פּראָדוצירן, מוז זיין גרויסע און פרייע נשמה וויסן און האָבן מיט וואָס צו גיין צום טיש. ער מוז זיין זיכער מיט איר און האָבן צוטרוי צו זיך אַליין".

העגעל זעט דעם צוריקגאַנג פון דער ראָמאַנטישער קונסט, וואָס פאַלט אַריין אין נאַטוראַליזם פון איין זייט, און אין קינסטלעכער תחית המתים פון היסטאָרישע נוסחאות פון דער אַנדערער זייט. ער באַטראַכט די קונסט אַלס דעם אויסדרוק פון פאַנטאַסטישן און גראָטעסקן און דערגייט צו: „די קונסט אָבער, ווייט דערפון — צו זיין די העכסטע פאָרעם פון גייסט, קומט ערשט צו איר תיקון, אין דער וויסנשאַפט".

אויך דאָ פילן מיר אַן אָפּשוואַכונג פון די ראָמאַנטישע פּרינציפּן, פון אירע שיינע אַנהויבן... העגעל רעאַגירט מיט מענטשלעכע, אַנשטאָט אי־בערמענטשלעכע געפילן. אין זיין קריטיק איבער „וואַלענשטיין" זאָגט ער: „לעבן קעגן לעבן, אָבער נאָר דער טויט שטייט אויף אַנטקעגן לעבן, און אומגלויבלעך; עקלהאַפט! דער טויט איז מנצח דאָס לעבן. דאָס איז ניט טראַגיש, נאָר שוידערלעך. דאָס צערייסט דאָס געמיט".

פּאָעזיע גייט איבער אין פילאָסאָפיע דורך עסכילאָס אָדער סאָפאָקלעס, און פון דעמאָלט אָן איז אַלץ ירידה. אַפילו שעקספּיר און אַנדערע מאָלן נאָר פּאָרטרעטן, אָדער רופן אַרויס געפילן פון שרעקן און חושך, וואָס איז פאַר העגעלן ניט טראַגיש, און אַפילו ניט קיין קונסט.

העגעל האָט ניט באַוויזן צו ציען אַ גאָלדענע קייט דורך דער קונסט־געשיכטע פון דער מענטשהייט, ער האָט בלויז געפּרוווט קאָאָרדינירן די

דערשיינונגען. דאָס האָט זיך אים אַפילו ניט איינגעגעבן, אָבער ער האָט באַפּרוכפּערט צו שטענדיקע נייע אָפּשאַצונגען; דאָס איז אפשר אויך די סיבה פון די אייביקע ווידערשפּרוכן, פון וועלכע עס איז שווער צו דערגיין צו אַן איינהייטלעך בילד; רעליגיע אידענטיפיצירט ער מיט קונסט, קונסט איז לכל הפחות דער אויסדרוק פון רעליגיאָזיטעט (אַן אַנדערטמאָל טיילט העגעל די צוויי סוזשעטן שאַרף פונאַנדער). מיטאָס און רעליגיע מיינען פאַר העגעלן תמיד קונסט (קריסטנטום שאַלטעט ער אויס).

ישו איז אינקאַרנאַציע פון גאָט, און דער גאָט פון די יידן איז די אמתע גרויסקייט אין סובלימיטעט און קען גאָר ניט אויסגעדריקט ווערן אין אַן אַרטיסטישן ד. ה. מענטשלעכן לשון. תהלים און אַנדערע טיילן פון תנ״ך זיינען מעטאַפערן לויט העגעלן, וואָס פייערן די גרויסקייט פון גאָט, זיי זיינען העכסטנס סימבאָלישע קונסט. העברעאיזם איז סובלים און דעריבער סימבאָליש, קריסטנטום איז ראָמאַנטיש, גריכישע רעליגיע איז קלאַסיש.

פיכטע וועלכער איז ווייט פון מוזישער עסטעטיק, פון מעטאַפיזישן נאַטוראַליזם, שטרעבט אויסצובויען אַ „וועלט־אַנשויאונג״. פליכט און ווילן, דאָס זיינען די צוויי הויפּט־זיילן פון זיין פילאָסאָפישער קאָנסטרוקציע. דאָס א י ך דאַרף אַבסאָרבירן דאָס ניט־איך, דאָס מאַכט אויס דעם מאָראַלישן ווידערשטאַנד צו די געגעבענע באַדינגונגען. געפילס־איבערלעבונג איז נאָר נוגע דעם עמפּירישן איך, וואָס צווינגט זיך אויף אויפן רבים פון איך׳ס און איז נאָר אַ מיטל פאַר אַקציע. דאָס אַבסאָלוטע איך איז בכן ניט מער עפּעס, וואָס נויטיקט זיך אין קאָנטעמפּלאַציע, אין איחוד פון איך און ניט־איך, און איז ניט מער אַן עסטעטישע אינטערפּרעטאַציע פון אוניווערס, נאָר אַ פריי האַנדלענדיקע מאָטאָרישע קראַפט. די אומענדלעכע פריהייט איז אַ פאַרבינדונג צווישן פאַרנונפט און פליכט. אין זיין „דאָקטרין פון דער וויסענשאַפט״ האָט פיכטע געפּרואווט אַריינפירן אַ ריין פילאָסאָפישע טערמינאָלאָגיע און דערמיט אַביסל מעטאָד און קלאָרקייט אין דעם ווירוואַר פון נאָסטאַלגיע, איראָניע און פאַנטאַזיע אין ראָמאַנטישן באַנעם.

ער האָט לכל הפחות געפּרואווט אויפשטעלן אַ סיסטעם, וואָס דערקלערט די קאָנסטרוקציע פון דער וועלט און האָט דעם קינסטלער דערמעגלעכט,

זיך דערינען צו געפינען. פרידריך שלעגעל האָט געקענט אַרויסזאָגן איינע פון זיינע גוזמאות: „די וועלט ווערט זיין (דעם קינסטלערס) קונסט־ווערק". אויסערהאַלב פון יעדער צייט פּראָדוצירט דער גייסט דורכן מעכאַניזם, מאַטעריע, רוים, צייט, גוף. דער גייסט דערקענט זיך נאָר אויף וויפל ער שאַפט, לויטן רעזולטאַט דערקענט ער די אָפּעראַציע. דאָס אַבסאָלוטע איך איז באַוועגט דורך אונזער ווילן, און דאָס וועלט־בילד, וואָס שטייט פאַרן באַוואוסטזיין האָט בכן זיינע שרשים אינעם אומבאַוואוסטן.

און דאָ זיינען מיר ביים קוואַל פונעם אַרטיסטישן שאַפן. די פאַר־נונפט, דער שכל איז משועבד צו אַ העכערן פּרינציפּ, דער שעפערישער פאַנטאַזיע, וואָס איבערפלייצט דאָס ווירקלעכע, און טראַנספאָרמירט עס לויט איר ווילן, אָדער שפּיל... די מאַכט פון גייסט ווערט אַן אינסטרומענט פון שאַפנדיקן, פון קינסטלער.

און שעלינג דערקלערט: „איך בין בכן איבערצייגט, אַז דער העכס־טער אַקט פון דער פאַרנונפט, וועלכע נעמט אַרום אַלע אידייען, איז אַן עסטעטישער אַקט, און אַז אמת און גוטסקייט זיינען שוועסטער נאָר אין דער שיינקייט. דער פילאָסאָף מוז פאַרמאָגן פונקט אַזויפיל עסטעטישן כוח ווי דער דיכטער. דעריבער באַקומט די פּאָעזיע אַ העכערע חשיבות, זי ווערט סוף כל סוף ווידער, וואָס זי איז געווען ביים אָנהייב, לערערין פון דער מענטשהייט; ווייל עס איז ניט פאַראַן מער קיין פילאָסאָפיע און קיין גע־שיכטע, נאָר די פּאָעזיע וועט איבערלעבן אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן און קונסטן". און דעריבער פאָדערט שעלינג „אַ נייע מיטאָלאָגיע, וואָס זאָל זיין אין דינסט פון די אידייען, אַ מיטאָלאָגיע פון פאַרנונפט". אידייען דאַרפן ווערן מיטאָלאָגיע, כדי דאָס פאָלק זאָל זיך מיט זיי באַהעפטן, כדי צו זיין עפעקטיוו אין זייער מיסיע. קונסט איז וויזיע אָדער אינטעלעקטועלע אינטו־איציע — איז אַנטפּלעקונג, פילאָסאָפיע, רעליגיע און מיטאָס. דער קינסטלער און דער פילאָסאָף דרינגען דורך דעם תמצית פון אוניווערס, פון אַבסאָלוטן. קונסט איז אַ יחוד פון נאַטור און פרייהייט, ווייל זי איז אַ פּראָדוקט פון באַוואוסטן. קונסט מאַכט ניט נאָך די נאַטור, נאָר דאַרף מיט איר קאָנ־קורירן. אַ קונסט־ווערק דריקט אויס דעם תמצית פון דער נאַטור, און דאָס

איז דער באַוויז פאַר זיין גילטיקייט. קונסט איז דער „דורך סימבאָלן ריידנ־דיקער נאַטור־גייסט״.

אין איר העכסטן אויסדרוק דאַרף די קונסט זיך דערהויבן צו אמתן חסד, צו קאָמפּלעטער האַרמאָניע פון אַלע גייסטיקע כוחות. „אַלע סתירות זיינען נאָר כלומרשטע, ליבע איז דער בונד צווישן אַלע וועזנס און ריינע גוטסקייט, דער יסוד און דער עיקר פון דער גאַנצער באַשאַפונג״.

„וואָס מיר רופן אָן נאַטור, איז אַ געדיכט, וואָס ליגט פאַרשלאָסן אין געהיימער, וואונדערבאַרער שריפט. אָבער ווען דאָס רעטעניש וואָלט זיך קענען אויפלייזן, וואָלטן מיר דערקענען דערינען די אָדיסייע פון גייסט, וועלכער זוכנדיק זיך אַליין אין אַ וואונדערלעכן טעות אַנטלויפט פון זיך אַליין״.

אידייען זיינען פאַר שעלינגן דער מאַטעריאַל פאַר פילאָסאָפיע, געטער זיינען טעמעס פאַר קונסט. דורכן דמיון דערגייט מען צו זיי. קונסט דאַרף אויסדריקן דאָס אַבסאָלוטע, און מוז דאָס טאָן דורך סימבאָלן. מיטאָלאָגיע איז אַ סיסטעם פון סימבאָלן, דעריבער איז זי קונסט. אמתע מיטאָלאָגיע איז נאָר די גריכישע; די קריסטלעכע מיטאָלאָגיע איז אָדער אַלעגאָריש אָדער היסטאָריש. קריסטוס איז אַ גאָט, דער לעצטער פון דער אַנטיקע. אָבער ער פּאַסט זיך ניט פאַר קונסט, ווייל בלויז לייד איז ניט פּאָעטיש. מלאכים זיינען אומווירקלעך, אומקערפּערלעך, בכן אויך ווערטלאָז פאַרן פּאָעט. לוציפער איז אַ קאָנקרעטע אינדיווידואַליטעט און דערנענטערט זיך צו זיין אַ מיטאָלאָגישע פיגור.

עד כאן גייט אַלץ כשורה. אָבער דער פּסיכאָז, וואָס האָט באַהערשט דאָס יונגע דייטשלאַנד — ווערט שעלינג זיין אָפּגעהיט דערפון? אָ, ניין. אין איין אָטעם מיט די אויבן דערמאָנטע אַרגומענטאַציעס, ווערט פלוצים געכשרט דער קריסטלעכער מיטאָס, די אַפּאָסטאָלן, די הייליקע און אפילו די מיטאָלאָגיע פון ריטערטום. קאַטאָליציזם ווערט פּראָקלאַמירט אַלס אַ וויכטיקער יסוד פון פּאָעזיע און מיטאָלאָגיע. דעריבער ווערט שעקספּיר געשטעלט אויף אַ טיפערער מדרגה ווי קאַלדעראָן, דאַנטע און סערוואַנ־טעס. זיי האָבן פאַרשטאַנען פון זייערע כאַראַקטערן צו מאַכן מיטאָלאָגישע

פיגורן. אַ נייע מיטאָלאָגיע איז נייטיק, כדי לויט די פּרינציפּן פון שעלינגס נאַטור־פילאָסאָפיע זאָל אַנטשטיין דאָס נייע גרויסע עפּאָס, וואָס וועט רעאַליזירן די אידענטיטעט פון פילאָסאָפיע און פּאָעזיע.

די פילאָסאָפן האָבן געדיכטעט, די דיכטער האָבן פילאָסאָפירט... דאָס מיינט נאָר, אַז ניט קוקנדיק אויף חילוקי דעות, ווידערשפּרוכן, זוכענישן און פּאַרווירונגען, איז דאָך געווען אַ פלואידום וואָס האָט באַאיינפלוסט סיי פילאָסאָפן, סיי דיכטער. דאָס האָט מען זיכער געקענט זאָגן וועגן שעלינגן, וואָס האָט אין זיין פילאָסאָפישער קאָנצעפּציע געהאַט עפּעס פון שאַפערישער אָריגינאַליטעט פון אַ דיכטער.

די דעקאַדענץ

צי האָט די ראָמאַנטיק געבוירן די דעקאַדענץ? דאָס זעט נאָר אויס אַזוי למראית עין. רוסאָ און שאַטאָבריאַן זיינען פרע־ראָמאַנטיקער און האָבן זיכער בייגעטראָגן צום אַנטשטיין פון אַ זעלישער אַטמאָספער, פייכט־טראָפּיש און אומגעזונט. די אַבסורד־קרענקלעכע לויב־געזאַנגען צו אַלץ וואָס איז מאָדנע און קראַנק, די פילאָסאָפישע טראַוועסטיעס פון יעדן מין, דער צעפּאַל פון זיטן און קאָנווענציעס, דאָס אומנאָרמאַלע און פּערווערזע, וואָס געפינט אויסדרוק אין לעבן און אין דער קונסט — אַלע דיסאָנאַנסן וואָס האָבן דערמעגלעכט מאַרקי דע סאַד און זיינע פאָר־לויפער און נאָכלויפער — פאַרדינען לכל הפחות פאַרבייגייענדיק זיך אָפּצו־שטעלן אויף זיי. אַפילו געטע לויבט די שרעקלעכע שיינקייט פון מעדוזאַ, מיט די צעפּ פון די געפלאָכטענע שלאַנגען, „וואָס דריקט אויס טויט און לעבן צווישן שמערץ און תאווה...” („איטאַליענישע רייזע”, צווייטער טייל).

מיינט דאָס אַ נייעם צוגאַנג צו שיינקייט, וואָס נעמט מער אויס, וואָס מער זי איז דעפאָרמירט דורך ענויים קשים? ווייסן מיר דאָך פון נאָוואַליסן אַז „האַלבע קראַנקהייט איז שלעכט, גאַנצע איז חסד, דערצו אַ העכערער”. ובכן, לוסט און שמערץ פאַראייניקט אין איין איינציקער איבערלעבונג. „דאָס בעסטע אינעם מענטשן ליגט אין שוידערן”. אויף דעם אופן ווערט דאָס קריטעריום פאַר שיינקייט דאָס שרעקלעכע. נאָוואַליס שטעלט זיך אָפּטמאָל אָפּ ביי דער באַהויפּטונג, אַז תאווה און רעליגיע און גרויזאַמקייט באַלאַנגען צו דעם זעלבן מקור. און אויב אַלפרעד דע מוסיי זאָגט, אַז די שענסטע געזאַנגען זיינען די פאַרצווייפלטסטע; און אויב אַנדרע זשיד מיינט, אַז די שענסטע ווערק פונעם מענטש זיינען די איינגעשפּאַרט־טרויעריקסטע — האָט דאָס ניט אינגאַנצן צו טאָן מיט דער קרענקלעכער פּערווערזיטעט, וואָס איז איינער פון די עלעמענטן פון ראָמאַנטישן וועלט־באַנעם? שוין די דייטשישע פּרע־ראָמאַנטיקער שובערט, באַללאַס, מאָריץ און אַנדערע — אַלע האָבן געפּרואווט דערגיין דעם פּסיכאָ־פיזישן פּלאָנטער ביז צו אויפ־

לייזונג, דעם אַמאַלגאַם פון דער מענטשלעכער פסיכע, איידער ער קריס־טאַליזירט זיך צו גוט און צו בייז. ענלעכע טענדענצן געפינען זיך ביי די נאַטור־פילאָסאָפן מיט שעלינגן בראַש. די פּאַסיאָן און דאָס געפיל אַנימירן, לויט דידעראָ, די קאָמפּאָזיציע פון מאָלער, פון פּאָעט און פון מוזיקער. פרעגט זיך נאָר, ביז ווי ווייט מען דערפירט דאָס געפיל, די פּאַסיאָן. דער גרויסער סינטעז, לויט פלאָבער, פון לוסט און שמערץ איז דער גן עדן פאַר די ראָמאַנטיקער, וואו זייער סענסיביליטעט טובלט זיך און טרינקט זיך ביז צום איבערדרוס. די וואַנצן פון דער אַראַבישער פּראָסטיטוטקע, מיינט פלאָבער, מאַכן זי אים נאָר אַטראַקטיוונער. „איך וויל, עס זאָל זיין ביטער־קייט אומעטום, אַן אייביקער פּאַטש אין פּנים אינמיטן פון טריאומפן, יאוש זאָל זיך מישן אפילו מיט ענטוזיאַזם...‟ אויב עס מישן זיך אין יפו דער גערוך פון ציטרוס־פלאַנצן מיט דעם גערוך פון פגרים, פילסטו נישט אַז די דאָזיקע פּאָעזיע איז קאָמפּלעט, ווייל זי מאַכט אויס דעם גרויסן סינטעז? אַלע אַפּעטיטן פון פאַנטאַזיע און פון געדאַנק זיינען דאָ באַפרידיקט מיטאַמאָל‟.

די ראָמאַנטיקער זוכן שטענדיק צו אַנטפּלעקן די דוביאָזע שיינקייט פון שרעקן און לוסט, די קאָרופּציע, וואָס גלאַנצט אַרויס פון יעדער נאָרע פון אויפליזונג. די קרעאַציעס פון ראָמאַנטישע מאָלער, די דייטשן באַלדונג גרין, ניקאָלאַס מ. דייטש צי אפילו דער פראַנצויז דעלאַקראָאַ, אַלע די אילוסטרע נעמען, וואָס מאַכן חתונה דעם טויט מיט דער שיינקייט, דעם טויט מיט דער תאווה, וואַמפּיריזם פלאַגעלאַציע — אַלץ געפינט זיך אין ראָמאַנטישן Jardin de Suplices (דער גאָרטן פון טאָרטורן).

דער ראָמאַנטיזם איז נישט געווען דער אַנטפּלעקער, ער איז געווען, וואָלט איך געזאָגט, דער געניסער פון די מאָנסטראָזיטעטן. די קריסטלעכע מאַרטירערס, ביי וועלכע פלאַגעלאַציע איז געווען אַ באַזונדערער קולט לכבוד ישו, האָבן אינספּירירט די קרענקלעכע חוקרים, צי האָבן זיי די דאָזיקע עבודה אַליין מיטגעמאַכט, צי זיי זיינען געווען פשוטע נאָכלויפער פון אַ מאָדע, געבוירן אין אַ געוויסן זעלישן קלימאַט. מאַריאָ פּראַז *) שטעלט זיך אָפּ אויף די מקורות פון פּערווערזיטעט און אילוסטרירט זיין עסיי

*) אין The Romantic Agony.

איבער טאָרקוואַטאָ טאַסאָ מיט כאַראַקטעריסטישן טעקסט. די ראָמאַנטיקער האָבן געהאַט וואו צו שעפּן...

מארלאָ, וועבסטער, סווינבאָרן שעפּן פון אַלטע קוואַלן, וואָס מיינט ניט תמיד פון ריינע. טאַסאָ׳ס געפילן צו יידן, מארלאָ׳ס „דזשו אָף מאַלטאַ" וואַרפן אַ מאָדנע זייטנליכט פון אַ טייל פּאָעטישע איבערפּלייצונגען אויף שפּעטערע דורות. באַפלעקטע שיינקייט, וואָס בושעוועט אין די מיטל־אַלטערלעכע מוחות, ווערט אַ באַליבטע טעמע פון די ראָמאַנטיקער. אויב דער קלאַסישער אופן איז אַ גענעראַליזירנדיקער און אַלע די אָפּגרונטן ווערן אַ סכעמע, צו וועלכן זיי פּאַסן צו זייער שאַפונג, ווערט דאָס ביים ראָמאַנטיקער אין זיין אינדיווידואַליסטישן פאַנאַטיזם אַ פּערזענלעכער רכוש, וועלכן ער מוז אַליין איבערלעבן, כדי אים שפּעטער צו געשטאַלטן. וויסן איז אַלץ און מיר וויסן ווי רעמבאָ אפילו, דערקענענדיק זיך אַלס פּאָעט, וויל דורכגיין כל הרע שבעולם כדי צו דערגרייכן דאָס אומבאַקאַנטע, כדי צו זיין „דער סופּרעם וויסנדיקער".

שוין אין 18טן יאָרהונדערט הויבט זיך אָן אַ מין פאַרהערלעכונג פון רוויבער־העלד, וועלכן מיר קריגן שפּעטער ביי בייראָנ׳ען אין אַ באַזונדערער סובלימאַציע. שילער׳ס העלד אין „די רוויבער" איז אַן אמתער רעבעל — מיט גוטע כוונות. „אַלץ איז גוט, אַלץ איז גאָט", וואָס שמעקט שוין מיט רוסאָ, פּראָקלאַמירט „טערעזע דער פילאָסאָף" אין איינעם פון די שמיר־ראָמאַנען פון דער צייט פון Darles de Montigny. דאָסטאָיעווסקי זאָל האָבן אַ סך געלערנט פון דעם דאָזיקן ראָמאַן. די הנאה פון פּראָפּאַגאַציע איז אַ וויכטיקער עלעמענט, אָבער דער ניכטערער דראַנג צו וויסן גיט דער גאַנצער שול צו אַ פּסעודאָ־פילאָסאָפישע נאָטע. „נאַראָנים וועלן זאָגן דאָס זיינען מאָנסטערס. זיכער לויט די זיטן, און לויט אונדזער אופן צו דענקען; אָבער לויט די גרויסע דערשיינונגען פון דער נאַטור איבער אונדז, זיינען זיי בלויז געווען אינסטרומענטן פון אירע כוונות. כדי אויסצופירן אירע געזעצן האָט די נאַטור אונדז באַשענקט מיט די דאָזיקע ווילדע בלוט־דאָרשטיקע כאַראַקטערס" (מאַרקי דע סאַד).

אויף דער פּסעודאָ־תורה פון „אַלץ איז גוט אין דער נאַטור" און פון איר דאַרפן מיר דאָס לערנען לויט זשאַן זשאַק רוסאָ, ענטפערט מאַרקי דע

סאָד — פאַרקערט: „אַלץ איז בייז און אַזוי איז דאָס געמיינט, עס זאָל זיין, לויט דעם ווילן פון שטן. דאַרף מען לויט די געזעצן פון דער נאַטור נאָר זינדיקן, די דאָזיקע נאַטור וואָס שטרעבט נאָר חרוב צו מאַכן, צו צעשטערן. דאָס בייזע איז די אַקס פון אוניווערס. גאָט איז בייז, אומגערעכט, אל נקמות. גאָט האָט באַשאַפן די וועלט צוליב בייזקייט און צוליב בייזקייט האָט זי אַ קיום. דאָס בייזע איז אַ מאָראַלישׂ וועזן, ניט באַשאַפן, אייביק און אומצעשטערבאַר. דאָס בייזע וועט עקזיסטירן נאָך די באַשעפענישן, וואָס באַפעלקערן די וועלט. עס וועט פאַרקומען אַן אייביק רעקרעאירן פון באַשעפענישן נאָך בייזער ווי די פאַר אונדז.

די נאַטור שפּאָנט מיט אַ גיכן שריט צו איר ציל און באַווייזט יעדן טאָג צו יענע וואָס שטודירן זי, אַז זי באַשאַפט נאָר כדי צו צעשטערן. ווער צווייפלט דערין אַז מאָרד איז איינער פון די טייערסטע געזעצן פון דער נאַטור? וואָס איז איר ציל, ווען זי באַשאַפט? איז עס ניט, כדי באַלד צו צעשטערן איר ווערק? אויב צעשטערונג איז איינס פון אירע געזעצן איז דער וואָס צעשטערט געהאָרכט איר".

„דאָס גרעסטע גליק פאַרן מענטשן אויף דער דאָזיקער ערד ליגט אין פאַרברעכן..." זאָגט דער נאָבעלער מאַרקי ווייטער, און ער זאָגט נאָך אַ סך מער אין זיינע אַזוי אָנגערופענע פילאָסאָפישע און קינסטלערישע איבערפלייצונגען. דאָס קראַנקע, די זינד.. דער צדיק וואָס געפינט אַ זכות אפילו פאַר אומצוכט, פאַרגעסט ניט צו אַנטפּלעקן דאָס אידעלע אין דער פראָסטיטואירטער. אָבער די פאַרפאָלגטע אומשולד האָט דאָך געליפערט מער מעגלעכקייטן פון גרויזאַמקייט און אַנטאַרטונג. די ראָמאַנטישע ליידנ־שאַפט באַרעכטיקט צו אַלץ. אַפילו שאַטאָבריאַן שרייבט אין זיין "René" „די ברוסט נאַקעט און צעריסן, די הויט נאַס פונעם שוויס פון דער נאַכט, האָב איך געגלויבט צו זען אַ פרוי וואָס האָט זיך געוואָרפן אין מיינע אָרעמס. זי האָט געזאָגט: קום לאָמיר אויסבייטן אונדזערע פייערן ביז צו פאַרלוסט פון לעבן! לאָמיר מישן תאווה מיט טויט! זאָל דער געוועלב פון הימל אונדז באַדעקן בעת ער פאַלט אויף אונדז... איך האָב דיך געהאַלטן אויף מיין ברוסט אינמיטן פון מדבר אין די ווינטן פון שטורעם ווען טראַגנדיק דיך פון דער אַנדערער זייט פון אַ שטראָם. וואַלט

איך דיך וועלן דערשטעכן, כדי צו פיקסירן דאָס גליק אין דיין ברוסט, און כדי דיך צו באַשטראָפן פאַר האָבן דיר געגעבן דאָס דאָזיקע גליק".

די אַנטי־קאַטוילישע ריכטונג האָט געזוכט און געפונען סוזשעטן צווישן מאָנאַכן און נאָנעס און אַזעלכע וואָס דאַרפן עס ווערן צווישן די דיקע ווענט פון קלויסטערן.

די איינאָפּיאַישע ליטעראַטור האָט געזוכט און געפונען די גרויזאַמסטע טעמעס, אפילו שעלי, הוגאָ, נאָדיע. פּיין, לייד האָבן סטימולירט די ליידנשאַפטן, דערלעבטע און אויסגעטראַכטע. הגם אַ סך פון זיי זיינען נאָר פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ פּסיכאָז, וואָס האָט געבושעוועט איבער דער וועלט. די פאַרפאָלגטע אומשולד, דער שטן־פאַרפירער, די פאַטאַלע פרוי זיינען די פּערסאָניפיקאַציעס פון צערייצטער קרענקלעכער זינלעכקייט, וואָס האָט זיך געכוואַליעט אין די דאָזיקע ראָמאַנטישע הערבאַריען. און אָט איז סווינבורנ'ס אַ סטיל־בלימל אַלאַ סאַד:

„נאַטור אַנטקעגן פאַרברעכן? איך זאָג דיר, אַז די נאַטור לעבט און עטעמט דערפון, הונגערט מיט אַלע פאָזן נאָך בלוטפאַרגיסן, וויטיקט אין אַלע אירע נערוון מיט דער הילף פון זינד, בענקט מיט איר גאַנצן האַרצן צו דערמוטיקן גרויזאַמקייט. נאַטור פאַרביט די אָדער יענע זאַך? חס ושלום! דער בעסטער אָדער ערגסטער צווישן אייך וועט קיינמאָל ניט דערגיין אַזוי וויט, ווי זי וואָלט דאָס וועלן איר זאָלט גיין. קיין שום פאַרברעכער וועט ניט דערגרייכן די מאָס פון אירע פאַרברעכנס, קיין שום צעשטערונג איז פאַר איר ניט גענוג צעשטערט. מיר, ווען מיר טוען דאָס בייזע, דעזאָרגאַניזירן מיר אַ קליינעם ענין, פאַרגיסן אַביסל בלוט, דערשטיקן אַביסל אָטעם ביי דער טיר פון אַ פאַרפאַלנדיקן קערפּער: דאָס קענען מיר טאָן און עס אָנרופן פאַרברעכן. אומנאַטירלעך איז עס?

...זי נעמט דעם שמערץ פון דער גאַנצער וועלט, צו שאַרפן דעם זין פון וויטאַלן פאַרגעניגן אין אירע אומבאַגרענעצטע אָדערן. זי שטעכט און פאַרסמ'ט, צעברעכט און צעפוילט און קען ניט לעבן און זינדיקן גענוג גיך, צוליב דער גרויזאַמקייט פון איר גרויסן פאַרלאַנג. זע, די תקופות פון מענטשן זיינען טויט צו אירע פיס. דאָס בלוט פון דער וועלט

קלעבט אויף אירע הענט, איר גלוסטן איז אייביק צום בייזן, כדי זי זאָל זען דעם סוף פון די זאַכן וואָס זי האָט געמאַכט..." (לויט מאַריאָ פּראַז).

אויב סווינבורן איז אַ געטרייער תלמיד פון דע סאַד איז ד'אַנונציאָ אַ תלמיד פון סווינבורן און מאַריא פּראַז באַשולדיקט אים אפילו אין פּלאַגיאַ־ריזם. געוויס קען דאָס זיין אַן ענלעכע דערשיינונג ווי באָדלער און עדגאַר פּאָ, צו וועלכן דער ערשטער האָט זיך געפילט אַזוי נאָענט, אַז ער האָט פּאָ'ס שריפטן מיט אומענדלעכער איבערגעבנקייט איבערזעצט.

באָדלער'ס פאַסצינירונג פאַר דער „פאַטאַלער פרוי", מיטן נאָמען זשאַן דיוואַל גייט האַנט אין האַנט מיט זיין זיך אידענטיפיצירן מיט עדגאַר אַלען פּאָ:

„קיין שום מענטש, איך חזר איבער, האָט נישט דערציילט מיט מער מאַגיק (כשוף) די אויסערגעוויינלעכקייטן פון מענטשלעכן לעבן און פון דער נאַטור; דאָס גליענדיקע פון דער נייגיר פון קאָנוואַלעסצענץ, דעם סוף פון סעזאָנען, באַלאַדן פון דענערווירנדיקע הערלעכקייטן, געצייטן, הייס פייכט און נעפּלדיק, וואו דער דרום־ווינט פאַרווייכט און האַלט די נערוון ווי די סטרונעס פון אַן אינסטרומענט, וואו די אויגן פילן זיך אָן מיט טרערן וואָס קומען ניט פון האַרצן. די האַלוצינאַציע, וואָס לאָזט פאַראויס פּלאַץ פאַר צווייפל, ווערט באַלד באַזיגט און דורכגעטראַכט ווי אַ בוך; דאָס אַבסורדע באַזעצט זיך אין שכל און באַהערשט אים מיט אַ מוראדיקער לאָגיק; די היסטעריע אוזורפּירט דעם אָרט פון ווילן, די סתירה באַזעצט זיך צווישן נערוון און גייסט און דער מענטש, מטושטש, דריקט אויס שמערץ מיט געלעכטער..." *)

*) פון באָדלער'ס הקדמה צו זיין פראַנצויזישער איבערזעצונג פון אַלע ווערק פון עדגאַר פּאָ.

פראַנקרייך

זשאַן זשאַק רוסאָ

יעדע תקופה האָט איר אמת, יעדע שיינקייט איר תקופה. ניט אמת און ניט שיינקייט זיינען אַבסאָלוט. ביידע זיינען אונטערגעוואָרפן וואַנדלונגען, איבערבייטן וואָס מען קען זיי ניט פאָראויסזען אין זייערע אָנהויבן. אידייען זיינען אונטערגעוואָרפן יעוויילקע קאָנסטעלאַציעס און היסטאָרישע אַנט־וויקלונגען. דער שכל, די דענק־פעאיקייט איז די איינציקע גאַראַנטיע פאַר געפינען אַ וועג, צו דערגיין צום אמת. אַזוי האָבן געטראַכט לכל הפחות די ענציקלאָפּעדיסטן. די פילאָסאָפיע דאַרף נאָר ליפערן אַ ריכטיקן מעטאָד און דעקאַרט פּרוווט דאָס צו טאָן דורך זיין Discours de la Methode. די דאָזיקע אוניווערסאַלע פעאיקייט פון שכל, צו דענקען, ווערט אַ סאָווערע־נער אינסטרומענט פאַר די פילאָסאָפן און באַאיינפלוסט די קלאַסישע ליטעראַטור ביז גאָר.

אָבער לאַנג פאַר רוסאָ, וואָס האָט גורם געווען צו אַזאַ רעוואָלוציע אין די מענטשלעכע מוחות אַפילו מחוץ פון פראַנקרייך, האָט בלייז פּאַסקאַל אין זיין אומבאַדינגטן באַדערפעניש נאָך גאָט, זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעקאַרטן מיט דעמזעלבן אינסטרומענט וואָס די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן זיך מיט אים באַדינט דהיינו: מיטן געדאַנק, מיטן עספּרי פון געאָמעטריע. די באַוואוסטע וויזיע פון „גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב״ דערלעבט פּאַסקאַל דעם 23טן נאָוועמבער 1654, „די דאָזיקע נאַכט פון פרייד און פון עקסטאַז״.

„אלהי, עד שלא נוצרתי, איני כדאי, ועכשיו שנוצרתי כאילו לא נוצרתי. עפר אני בחיי קל וחומר במיתתי״, דריקט פּאַסקאַל אויס אויף אַזאַ מין אופן: צופיל קלאַנג מאַכט אונדז טויב, צופיל ליכט בלענדט אונדז; אַ צו ווייטער מהלך אָדער אַ צו גרויסע נאָענטקייט נעמט אַוועק אונדזער זען.

„...ווען איך באַטראַכט דעם קורצן דויער פון מיין לעבן, איינגעשלונגען פון דער אייביקייט פאַר מיר און נאָך מיר, דאָס ביסל רוים, וואָס איך פיל אויס און וואָס איך קען אפילו ניט זען, דערטרונקען אין דער אומגעהייערער אומענדלעכקייט פון די רוימען, וועלכע זיינען מיר ניט באַקאַנט, בין איך

דערשראָקן און דערשטוינט, זייענדיק דאָ גיכער ווי דאָרט; ווייל עס איז ניט פאַראַן קיין סבה פאַרוואָס דאָ גיכער ווי דאָרט; פאַרוואָס אַצינד גיכער ווי דעמאָלט. ווער האָט מיך אַהער געטאָן? דורך וועמענס באַפעל און ריכטונג איז דער אָרט מיר געוואָרן צוגעטיילט?"

„...די אייביקע שטילקייט פון די אומענדלעכע רוימען דערשרעקט מיך. וויפל מלכות'ן קענען אונדז נישט?"

„...אויב דער אוניווערס וואָלט אים דערדריקן, וואָלט דער מענטש דאָך געוועזן נאָבעלער פאַר דעם אוניווערס, וואָס האָט אים געהרגט, ווייל ער ווייסט, אַז ער שטאַרבט, און ער קען די איבערמאַכט, וואָס דער אוניווערס האָט איבער אים. דער אוניווערס ווייסט גאָר ניט דערפון."

בכן באַשטייט אונדזער חשיבות אין דענקען. מוזן מיר זיך דערהויבן, ניט דורך רוים און צייט, וואָס מיר קענען אפילו ניט. לאָמיר דעריבער שטרעבן, גוט צו דענקען; דאָס איז דער פּרינציפּ פון מאָראַל.

גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב מוז אים פאַרמיטלט ווערן דורך אַ פאַרבינדונג־גליד — דורך ישו'ן, „אַלע די וואָס באַהויפּטן, אַז זיי קענען גאָט אָן אים, האָבן נאָר שוואַכע באַווייזן". די נביאים נעמט ער פאַר זיינע עדות.

זשאַן זשאַק רוסאָ באַגרינדט זיין אמונה, זיין מאָראַל, זיין פּאָליטיק מיט אַן ערך הונדערט יאָר שפּעטער דווקא אויפן אינסטינקט, דווקא באַזירט אויף עמאָציע. דאָס איז געווען דער אמת פון זיין תקופה, דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דער ראָמאַנטיק אין פראַנקרייך. ווייל אפילו אין פראַנקרייך ווערט מען מיד פון פאַרנונפט, פון שכל, פון עקספּערימענטירן, פון באַטראַכטן. מ'ווערט מיד פון פילאָסאָפיע, בפרט פון פילאָסאָפיע אין דער דיכטונג; מ'ווערט מיד פון איר געאָמעטריע. דאָס געפיל, די פּאַסיאָן הויבט אָן דערקענט צו ווערן ווי אַ וויכטיקער עלעמענט. אומרואיקע נשמות הויבן אָן זוכן ווייטערע האָריזאָנטן אין רוים, הונגעריק נאָך גרויסע גורלס. דאָס לעבן אין די סאַלאָנען איז אויך נמאס געוואָרן. ס'פילט זיך אַ נאָסטאַלגיע נאָך פשטות. מען זוכט דאָס דאָרף, די איינפאַכקייט, דעם וועג פון מענטש צו מענטש. מען בענקט נאָך דער נאַטור, מען פּרוּווט זי צו פאַרשטיין, אירע חידושים, איר השפעה אויף אונדזער דמיון; מען פּרוּווט פאַרשטיין די

באַשאַפּערין פון אונדזערע ליכטער און שאָטנס, פון אונדזער פריילעכקייט אָדער צוגעשלאָגנקייט.

זשאַן זשאַק רוסאָ, וואָס האָט משפּיע געווען אַפילו אויף קאַנטן און דערמיט אויף דער דייטשישער ראָמאַנטיק, איז געבוירן געוואָרן אין 1712 אין גענף. די מוטער שטאַרבט ביי זיין געבורט, דער פאָטער איז נישט ביכולת אויפצו־האָדעווען זיין זון.

ער ווערט אַן אויטאָדידאַקט שוין אין די פריע קינדער־יאָרן און געפינט אויס פון זיין אייגן לעבן, אַז די מענטשלעכע סידורים טויגן נישט. דער מענטש, דאָס אינדיווידואום איז אומפריי, אומעטום געפּענטעט. לאָזט ער זיך אַריין חוקר ודורש צו זיין די סיבות.

קודם כל: די נאַטור האָט געמאַכט דעם מענטשן גוט. די ציוויליזאַציע האָט אים פאַרדאָרבן. אין די וועלדער פון די סאַוואָיען האָט ער געלערנט די שיינקייט פון דער נאַטור, און זי, די נאַטור, האָט ער געהאַלטן, קען דעם מענטשן היילן, אים צוריקגעבן זיין ריינקייט, זיין גוטסקייט. בכן איז ציוויליזאַציע, וואָס מיינט אַנטוויקלונג פון וויסנשאַפט און קונסט, שלעכט פאַרן מענטשן... נאָך פאַרשידענע פּרוּוון, זיך צו האַלטן איבערן וואַסער און צו געפינען אַ וועג פאַר זיך, בלאָנדזשענדיק אין די וועלדער פון סאַוואָיע געפינט ער זיך איינמאָל פאַר פאַרשלאָסענע טויערן פון גענף. ער האַלט דאָס פאַר אַ צייכן פון השגחת הבורא, און באַשליסט צו פירן אַ וואַנדער לעבן, אומבאַשוועדט און פריי. ער איז אַלט זעכצן יאָר, ווען ער דערגרייכט ביז צו מאַדאַם דע וואַרען, וואָס איז אַ פּראָפעסיאָנעלע פּראָזע־ליטן־מאַכערין און ווערט פון איר אויפגענומען. זי שיקט אים אין אַ מאָנאַס־טיר אין טורין, וואו ער בייט זיין פּראָטעסטאַנטישע אמונה פאַר דער קאַטוי־לישער. שפּעטער פּרוּווט ער כל המינים פּראָפעסיעס אין פאַרשידענע שטעט און דערגרייכט ווידער צו מאַדאַם דע וואַרען. זי באַזעצט אים אין שאַמבערי און דאָרט פּרוּווט ער מאַכן אַ סך הכל פון זיינע איבערלעבונגען, פון זיינע מחשבות. נאָך דריי רואיקע יאָרן מיט מאַדאַם דע וואַרען באַשליסט ער צו ווערן זעלבסטשטענדיק און צו שאַפן זיך אַ פּאָזיציע, און פאָרט קיין פּאַריז מיט אַ ניי סיסטעם פון נאָטן פאַר מוזיק דורך ציפערן. דערמיט האָט ער נישט מצליח געווען. ער ווערט אַלט 29 יאָר און טרעט אַריין אין דיפּלאָ־

מאַטישן דינסט ווי אַ באַאַמטער אין דער פראַנצויזישער געזאַנדשאַפט אין ווענעדיק. אַ קורצלעביקע קאַריערע. ער צעקריגט זיך מיט זיין פאָרגעזעצטן און דאַרף אָנהייבן אויפסניי. ער קאָפּירט מוזיקאַלישע פּאַרטיטורן, כדי צו פאַרדינען אויף ברויט. דידעראָ באַשטעלט ביי אים עסייען איבער מוזיק פאַר דער ענציקלאָפּעדיע.

ער איז אַ מקורב אין די גייסטיקע קרייזן פון פּאַריז. ער האָט דערגרייכט צו די הויכע פענצטער. פאַרבינדט ער זיך אַצינד מיט טערעזע דע וואסער, אַ באַגרענעצטע אַנאַלפאַבעטישע בריה און האָט מיט איר פינף קינדער, וועלכע ער דעפּאָנירט אַלע אין אַ פינדל־הויז.

ער איז נאָך ניט דערגאַנגען צום יסוד פון זיך דערפילן, פון לעבן און אויסלעבן זיין באַשטימונג. ווייל ער איז געווען זשאַן זשאַק רוסאָ, אָט דער קלאַסישער אויטאָדידאַקט וואָס האָט אַנטפּלעקט פון זיך אויס, אַז אַלע מענטשן האָבן ניט די גלייכע באַדינגונגען אין זייער לעבן. בכן גלייכקייט פאַר אַלע. דעם שטויס דערצו האָט אים געגעבן אַ מודעה אין אַ צייטונג, אַז די אַקאַדע־מיע אין דיזשאָן שטעלט אַרויס אַ קאָמפּעטיציע איבער דער פראַגע: „צי האָט דער פּראָגרעס פון וויסנשאַפט און קונסט בייגעטראָגן צו קאָרומפּירן אָדער רייניקן די מענטשלעכע זיטן”. ער איז געוואָרן פאַרכאַפּט מיט דעם. אַ צו־שטראָם פון געדאַנקען וואָס האָבן זיך באַלד פּרעציזירט צו זיין אַ פילאָסאָפיע, האָט פאַרפלייצט זיין מוח. פון דער ספּאָנטאַנער אינספּיראַציע האָט ער טאַקע געוואונען דעם פּרייז (1749) און אין 1754 האָט זיין מאמר „איבערן מקור און די יסודות פון אומגלייכקייט צווישן די מענטשן”, געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. רוסאָ האָט ניט ווייניק גורם געווען צו אַן איבערבייט פון פּסיכישן און גייסטיקן קלימאַט פון יענער צייט.

רוסאָ איז געבוירן געוואָרן אין גענף. ער איז געווען אַ זון פון דער רעפאָרמאַציע פון וואַנען ס׳נעמט זיך זיין מאָראַלישע, פּאָליטישע און רע־ליגיעזע דאָקטרין. „גאָט איז פאַר אים ניט קיין אידייע וואָס מען צעשטערט, נאָר אַ וועזן צו וועלכן מען איז מתפלל” (לויט גוסטאַוו לאַנסאָן). אין דער פּאַריזער געזעלשאַפט פון העפלעכקייט און היפּאָקריזיע האָט ער זיך ניט גוט געפילט. ער איז געווען ניט נאָר אַ זון פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירך, נאָר אויך אַ זון פון דער נאַטור. זיין אייגענער טעמפּעראַמענט ווערט פאַר

אים דער מורה דרך, דער מקור פאַרן געזעץ פאַר דער מענטשהייט. געזעצן פאַר דער געזעלשאַפט לויטן געזעץ פון דער נאַטור. אגב איז כדאי צו דער־מאָנען, ווי וואָלטער האָט רעאַגירט, באַקומענדיק פון רוסאָ דעם מאמר „וועגן מקור פון אומגלייכהייט״: „איך האָב באַקומען, מיין האַר, ענטפערט ער, אייער ניי בוך קעגן דעם מענטשלעכן מין, מיט די אַרגומענטן קעגן דער ציוויליזאַ־ציע, ליטעראַטור און וויסנשאַפט און פאַר אומקערן זיך צו די נאַטירלעכע באַדינגונגען, ווי מיר זעען דאָס ביי ווילדע און חיות. איך דאַנק אייך דערפאַר. קיינער איז ניט געווען אַזוי וויציק ווי איר און געפּרואווט אונדז פאַרבייטן אין ברוטאַלע באַשעפענישן; לייענענדיק אייער בוך בענקט זיך צו גיין אויף אַלע פיר. אָבער אַזוי ווי עס איז בערך זעכציק יאָר זינט איך האָב דאָס פראַקטיצירט, פיל איך, עס וועט מיר זיין אוממעגלעך, דערצו זיך אומצוקערן״.

זשאַן זשאַק רוסאָ האָט פאַר אַלעמען געפּרואווט נאַכוויזן, אַז ניט נאָר דער מוח, נאָר דאָס האַרץ דענקט אויך, מער נאָך, מען מוז זיך דערמיט רעכענען. מען דאַרף האַמעווען די אַנטוויקלונג פון אינטעלעקט און טרע־נירן דאָס האַרץ. מען לעבט דורכן האַרץ.

וואָלטער איז פאַרשטייט זיך ניט אינגאַנצן געערעכט געווען, ווען ער האָט דערקלערט, אַז רוסאָ האָט בדעה צורקצופירן דעם מענטשן צום פרי־מיטיוון צושטאַנד פון חיות. מיר, קינדער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן געלערנט, אַז דער וועג פון וויסנשאַפט אַליין האָט אונדז קיין גן עדן ניט געבראַכט. דאָס אויסלעשן פון האַרצן, דאָס הומאַנע אין מענטשן, האָט אונדז דערפירט צו קרעמאַטאָריעס און הידראָגען־באָמבעס. אפשר האָט ער ניט געקענט פאָראויסזען, אַז קעמפנדיק פאַר פרייהייט פון אינדיווידואום, פאַרשפילט ער זי, אויב ער גיט אַלע רעכט דעם העכסטן פאַרשטייער פון שטאַט, וואָס דאַרף זיין באַשאַנקען „מיט געטלעכע אייגנשאַפטן״. אין „קאָנטראַ־סאָסיאַל״ ווייזט ער אָן, אַז אין אַ גוט אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט, זאָגט זיך יעדער אָפּ דורך אַ שטילן אָפּמאַך פון אַלע מינים פרייהייטן לטובת דער מדינה. די מדינה נעמט איבער דאָס רעכט צו רעאַגירן מיט שאַרפקייט אַנטקעגן אַלע די, וואָס באַדראָען זי, אפילו צו שטראָפן מיט טויט, אויב אימיצער וואָגט אַרויסצוטרעטן קעגן דער רעליגיע פון דער מדינה. ער

האָט זיך ניט געריכט אויף דער ווערטלעכער אויסטייטשונג פון די דאָזיקע טעאָריעס, ווי זי איז פּראַקטיציִרט געוואָרן בשעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווי זי ווערט ביז צום היינטיקן טאָג אָנגעווענדעט אין אַן אַנדערן ווינקל פון דער וועלט. קענטיק, אַז „קאָנטראַ־סאָסיאַל" האָט ער אויפגעשטעלט אַלס אַ טעאָריע, וואָס האָט זיך ערשט געדאַרפט אויסרייפן. ניט אַלס „שולחן ערוך" מיט פעסטגעזעצטע דינים.

עס איז בכן ניט דער מוח, די דענקפעאיקייט, וואָס דאַרף באַשטימען לויט דער אינטעליגענץ פון פאַרשטייער דעם גאַנג פון דער וועלט. „עס איז דאָס האַרץ, וואָס פאַרבינדט מאַן און ווייב, עלטערן און קינדער, דינער צו זייערע בעלי בתים, בירגער צו דער מדינה". די ריטמען פון האַרץ באַשטימען דעם כח פון דער געזעלשאַפט.

אָט איז דער ראָמאַנטישער אני מאמין וואָס ער לייגט פאָר אין זיינע כללים פאַר דערציאונג אין „עמיל". די מוטער דאַרף אַליין שטילן איר קינד. דאָס קינד דאַרף אָפּגעהיט ווערן פון שלעכטע געוואוינהייטן. „עמיל" ווערט דערצויגן, ווייט פון שטעט און אָן משרתים, ער לערנט אַלץ אַליין דורך דערפאַרונג. זיין אינטעליגענץ ווערט געפאָרעמט לויט זיינע אייגענע באַאָבאַכטונגען פון די זאַכן אַרום אים, דער גוף דאַרף שטאַרק אַנטוויקלט ווערן. שפּעטער ווערן אים ערשט צוגעפירט ביכער איבער פּראַקטישער אַסטראָנאָמיע, פיזיק און אַנדערע וויסנשאַפטן. ער דאַרף לערנען אַ מלאכה, כדי צו פאַרדינען אויף ברויט. צו זעכצן יאָר לערנט מען אים, וואָס עס הייסט מאָראַל און רעליגיע. די טעכטער דאַרפן פירן אַ גוט משפחה־לעבן, און אָנפירן מיט אַ הויז. אפילו אָט די מעסיקע טעאָריעס האָבן ניט נושא חן געווען און ער איז געוואָרן פאַרפאָלגט צוליב זיין פולשטענדיקער אומאָפּ־הענגיקייט פון טראַדיציע.

די „נייע העלאָיז" איז אַ ראָמאַנטישער ראָמאַן, וואו די מאָראַל איז גובר די ליידנשאַפט; הגם דאָס געפיל וואוכערט אומגעהאַמעוועט, וואַרפט עס זיך פרום אונטער די באַשטימונגען פון פליכט. ווי גרויס אָדער קליין עס זאָל ניט זיין דער קינסטלערישער ווערט פון דעם ראָמאַן, האָט ער דאָך זוכה געווען משפיע צו זיין אויפן דעמאָלטיקן דור.

אָבער ניט נאָר רוסאָ איבט אויס אַ געוואַלטיקע השפעה איבער דער

ראָמאַנטיק אין פראַנקרייך. פון דער אַנדערער זייט פון קאַנאַל ווערט אַרויס־געריסן אַ ברענענדיקער אינטערעס פאַר שעקספּירן; די ווערק פון מערערע פּרע־ראָמאַנטיקער ווערן איבערגעזעצט, בפרט „מעדיטאַציעס" פון הערווי, „די נעכט" פון יונג, מאַקפערסאָנס „אָסיאַן", אַלץ ראָמאַנטישע טעמעס מיט אַ מוסר־השכל. פון דייטשלאַנד קומט געטעס „די ליידען דעס יונגען ווערטער".

פונקט אַזוי ווייניק ווי רוסאָ האָט זיך געקענט ריכטן, אַז זיין „קאָנטראַ־סאָסיאַל" וועט ווערן דער שולחן ערוך פאַר דער רעוואָלוציע, אַזוי ווייניק האָט ער געקענט דערוואַרטן, אַז ער וועט אַריינפירן אַ נייעם לעבנס־אופן, אין וועלכן עס וועט זיך אויסדריקן אַ מין פּיטאָרעסקע פּשטות אין אַ נאָס־טאַלגיע צום דאָרף און אין שטילן די קינדער אין דער אָפּערע, אַ פּלעגן פון מענטשלעכע באַציאונגען, וואָס איז גורם צו אַ אויסגעשפּרייטן אויסבייט פון בריות, וועלכע זיינען ניט איינמאָל דער אויטענטישסטער דאָקומענט פון דער צייט. די נייע אידייען זיינען גורם צו דעם דאָזיקן אויסבייט פון מחשבות. די רעבעליע אַנטקעגן טראַדיציע, דאָס אינדיווידועלע, די פאַנ־טאַזיע ווערט אַ סואווערענער פאַקטאָר אין יענער תקופה פון אַלגעמיינעם פּסיכישן און גייסטיקן יערן. דאָס וואָרט איז זוכה צו דער באַרעכטיקטער חשיבות וואָס פירט צו יענער עלעגאַנץ פון שפּראַך פון וועלכער די הייניקע יורשים מאַכן אַזאַ שיינעם געברויך. אויף אַזוי ווייט ווערט פראַנצויזיש די אוניווערסאַלע שפּראַך, אַז אין בערלין ווערט אויפגעשטעלט אַ קאָמפּעטיציע „וואָס איז די סיבה צוליב וועלכער פראַנצויזיש איז געוואָרן די אוניווערסאַלע שפּראַך". זי ווערט די אוניווערסאַלע שפּראַך ניט בלויז פון דער דיפּלאָמאַטיע.

אַ סך פרעמדע קינסטלער מאַכן פראַנצויזיש פאַר דער שפּראַך אין וועלכער זיי שאַפן. אפשר ווערט דאָס דעמאָלט געבוירן דער אייראָפּייאישער קאָסמאָפּאָליטיזם. דעמאָלט ווערט געבוירן אונטער דער פעדער פון דידעראָ די קונסט־קריטיק. זיין פריינד גרים, אַ דייטש, וואָס לעבט אין פּאַריז, איז איינער פון די מיטאַרבעטער פון די „ליטעראַרישע קאָרעספּאָנדענצן", וואָס ווערט אין איבעריקן אייראָפּע מיט גרויסן אינטערעס געלייענט.

עס איז אַ צייט פון זוכן. מען זוכט „די אומשולד פון די ערשטע טעג פון דער וועלט", ווייל מען גלויבט, אַדאַנק רוסאָ, נאָך אין דער אומשולד און אין דער גוטסקייט פון די מענטשן.

עס קומען פּאַר מאָדנע שנויים. די ברילאַנטענע קאָנווערסאַציע פאַרבייט זיך אין אַ סענטימענטאַלער. מען שעמט זיך ניט מער מודה צו זיין, אַז די טרוקענע גייסטיקייט איז געוואָרן ליידיק, לאַנגווייליק. אַזוי איבערלעבט די תקופה זיך אַליין. מען זוכט עפּעס, וואָס האָט נאָך ניט קיין נאָמען, וואָס שאַפט נייע פּסיכישע צושטאַנדן, מעלאַנכאָליע, חלום. ניט נאָר אין דייטשלאַנד מעג נאָוואַליס ממש דערקלערן אַז „דאָס האַרץ איז כמעט אַ רעליגיעז אָרגאַן". די כוואַליע האָט דערגרייכט דעם אַנדערן ברעג. מיר געפינען זיך אין פראַנקרייך.

***

דאָס וואָרט ראָמאַנטיזם איז ניט געבוירן געוואָרן אין פראַנקרייך. לכל הפּחות ניט אין דער אָנגענומענער באַדייטונג.

אין זיין געשיכטע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור פון 1789 ביז צו אונדזערע טעג, דעפינירט דער שווייצער ליטעראַטור־היסטאָריקער אַלבערט טהיבאָדע *) די ראָמאַנטיק בזה הלשון: „דאָס ראָמאַנטישע, אַן אומקלאָרער עפּיטעט, וואָס איז געשוואומען זינט רוסאָ צווישן דער ליטעראַטור און דער נאַטור, האָט זיך דעמאָלט פּרעציזירט צו אַ ליטעראַרישן סיסטעם... די דייטשישע ראָמאַנטיק, דעפינירט לויט שלעגעל, קען אָנגענומען ווערן פאַר אַ מין ליטעראַרישן ראַסיזם. לויט דער ראָמאַנטיק הויבט זיך אָן די מאָדערנע וועלט פון דער גערמאַנישער דעראָבערונג און פון קריסטנטום. אין זייער אייגן לאַנד אין דייטשלאַנד און מער נאָך אין די ראָמאַנישע לענדער, וואו איר גייסט באַפרוכפּערט און פאַרשטאַרקט די פאַרוויכטע באַפעלקערונגען מיט אירע דייטשישע מעלות, ליבע פון פרייהייט און גערעכטיקייט, דרך ארץ פאַר דער פרוי, וואָס דערפירן צו דער אינסטיטוציע פון ריטערטום. דאָס ריטערטום פּראָדוצירט אַ פּאָעזיע, פאַר גאָט, פאַר „טוגנט", פאַר פרויען, מיט אַ דעקאָר פון אויטאָכטאָנע פּאַלאַצן, וועלדער, כשוף־מאַכער און צויבערער. פּאָעזיע, לאַנג און אָן פאָרעם, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט צו אַ גרויסער ראָמאַנטישער ליטעראַטור".

---

*) *Albert Thibaudet*: Histoire de la Littérature Française de 1789 a nos jour.

און וואן טיעגהעם **) זאָגט: „דאָס איז ניט מער ווי טראַנספּאָזיציע אויף פראַנצויזיש פונעם דייטשישן וואָרט „די ראָמאַנטיק" וואָס האָט אין דייטש־לאַנד צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט באַשאַפן אַ נייע טענדענץ קעגן קלאַ־סיציזם און וואָס ווערט דער נאָמען פון אַן אמתער ליטעראַרישער באַוועגונג. די דאָזיקע נייע טענדענץ האָט אין דערזעלביקער תקופה זיך אויך דורכגעזעצט אין ענגלאַנד מיט ניט ווייניקער קראַפט".

מיטן פראַנצויזישן ראָמאַנטיזם, וואָס קומט ערשט שפּעטער, ווערט דאָס אַן אוניווערסאַלע ליטעראַרישע באַוועגונג. ס'איז די סענסיביליטעט, די אומרו פון האַרצן, צו וועלכן מען הערט זיך צו מיט אַ פאַרכאַפּנדיקער אויפמערקזאַמקייט און מען רעגיסטרירט געטריי יעדן קאַפּריז.

די פּאָעטישע אמונה איז געווען אינגאַנצן אונטערגעוואָרפן די ריטמען פון האַרצן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז יעדעס פאָלק האָט זיין ראָמאַנטיק, וואָס דריקט זיך אויס אין עפּעס, וואָס איז ספּעציפיש פאַר דעם פאָלק. דער פראַנצויזישער ראָמאַנטיזם למשל איז אימפּרעגנירט פון ראַציאָנאַליזם, וואָס דערפירט צו קלאָרע דעפיניציעס און היט אָפּ פאַר צעשוואומענקייט, פאַרמלאָזקייט וכדומה.

**) *Paul van Tieghem*: Le Romantisme dans la Littérature Européenne.

אַננע לואיזע זשערמען, מאַדאַם דע סטאַעל

אין דער דאָזיקער אוניווערסאַלער באַוועגטקייט און אינערלעכער פּער־מענטאַציע טאָרן מיר ניט פאַרגעסן איין גרויסן היסטאָרישן פאַקטאָר, וואָס האָט גורם געווען סיי אין פראַנקרייך, סיי אין איבעריקן איראָפּע צו אַ ניי וועלטבילד, צו אַ נייעם אופן, צו זען די וועלט און זי צו לעבן. דאָס איז געווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. קיין איינער פון די ראָמאַנטיקער אין דער גאָרער וועלט האָט זיך ניט געקענט דערלויבן צו שטיין מן הצד. צי איז זייער שטעלונג געווען פּאָזיטיוו, צי האָט זי זיך ביי אייניקע אונטערן דרוק פון די געשעענישן געביטן אויף נעגאַטיוו — אַ שטעלונג האָבן זיי גענומען. אין דייטשלאַנד פון געטע ביז ברענטאַנאָ, ביז היינע, אין ענגלאַנד פון וואָרדסוואָרטה, וואָס האָט אין די עלטערע יאָרן געביטן זיין שטעלונג — ביז שעלי וואָס איז געווען אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון דער רעוואָלוציע ביז צום סוף, מיטן אויסנאַם פון קיטסן אפשר, וואָס איז געווען דעזאינטע־רעסירט, דינענדיק איין געטין: דער שיינקייט. ניט דאָ איז דאָס אָרט צו באַווייזן די ווייטע השפּעה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איבער גאַנץ איראָפּע. אין פראַנקרייך איז דאָס געווען קאָנקרעט, אין פראַנקרייך איז דאָס געווען לופט און ברויט פון אַלע טאָג, און האָט זיך אויסגעדריקט אין אַלץ וואָס האָט געמיינט לעבן, סיי גייסטיק סיי פיזיש.

פאַר דער ליטעראַטור אָבער האָט די רעוואָלוציע קודם כל פאַרמאַכט די ליטעראַרישע סאַלאָנען, וואָס זיינען געווען די הערבאַריען פון קלאַסיציזם. דער שרייבער, וואָס איז צום גרויסן טייל אַרויסגעקומען פון די דאָזיקע סאַלאָנען, האָט זיך פלוצים געזען פריי פון אַ געוויסן עלעגאַנטישן קאָנטראָל און געשמאַק, האָט אָנגעהויבן זוכן די טעמעס אין לעבן פון אַלע טאָג, זייענדיק אַליין דער מאָסשטאַב פון דעם, וואָס איז כדאי און וואָס ניט. עס קומט אַריין אַ נייע מאַכט. די מאַכט פון דער פּרעסע, וואָס פאַרמערט געוואַלטיק דעם קרייז פון די לייענער און פאַרעמט דעם געשמאַק פון עולם. אויף דער גאַס באַווייזט זיך אַ נייע דערשיינונג: דער פּאָליטישער אָראַטאָר. ניט זעלטן

דער טוער פון דער רעוואָלוציע, וואָס פּרואווט אַריינציען די קונסט אין איר קרייז. אָבער דער דאָזיקער „פּאָזיטיוויזם" האָט זיך ניט איינגעגעבן.

צום צווייטן מאָל אין דער געשיכטע פון פראַנצויזישן ראָמאַנטיזם האָט אַ מענטש פון דרויסן, און נאָכאַמאָל אַ געבפער, געדאַרפט שפּילן אַ פּירנדיקע ראָל. דאָס איז געווען מאַדאַם דע סטאעל. זי איז ניט נאָר געווען אַ טאָכטער פון דער גענפער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע פון דייטשישער אָפּשטאַמונג, נאָר אויך, אויב מען קען אַזוי זאָגן, אַ טאָכטער פון אַ פּאַריזער ליטעראַרישן סאַלאָן, וואָס איר פאָטער זשאַק נעקער האָט געגרינדעט (ער איז אונטער לואי דעם 16טן געווען פּרעמיער־מיניסטער). דער סאַלאָן פון די נעקערס איז געווען איינער פון די ברילאַנטעסטע, ניט נאָר אַ צענטער פאַר די ענציקלאָפּעדיסטן נאָר אויך פאַר די פּאָליטיקער פון יעדער שאַטירונג. זשערמען איז פון די ייִנגסטע יאָרן געזעסן ביי די פיס פון וואָלטער, און אַנדערע פילאָסאָפן, אַ מין אַספּאַזיאַ ביי די פיס פון „פּעריקלעס". זי איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די פּראָבלעמען און בעת פון אַספּאַזיאַן גייט די מער אַז זי האָט באַשאַפן די אידייען פון די פילאָסאָפן מיט איר אופן פון צוהערן זיך, האָט זשערמען זיך אָפטמאָל באַטייליקט אין דער דיסקוסיע און האָט מיט פּעמיניגער אינטעליגענץ מסביר געווען און פאָרמולירט די אידייען פון די פילאָסאָפן מיט אַ סובטעלקייט וואָס האָט זיי איבערראַשט. ניט נאָר האָט זי מיטגענומען אַ שטיק גייסטיקע ירושה פון אַ גענפער פּאַטריציער־פאַמיליע, זי איז אַליין געווען געבענטשט מיט אַ שטאַרקן מח, וואָס די אומשטענדן אין וועלכע זי האָט געלעבט זיינען געווען ווי געשאַפן דערצו: צו דערציען, צו שלייפן, צו אַנטוויקלען.

זי האָט די דאָזיקע אַטמאָספער ליב געהאַט ביז גאָר, אויף אַזוי וויט, אַז עס ווערט דערציילט, אַז געפינענדיק זיך ביים גאָלף פון נעאַפּל זאָל זי האָבן אויסגערופן: „איך גיב אייך דאָס אַלץ פאַר איין אינטערעסאַנטער קאָנווערסאַציע".

זי איז מיט איר גאַנצן האַרץ געווען אַ טאָכטער פון 18טן יאָרהונדערט, מאָנדען, מיט אַ פאַרשטענדלעכער בענקשאַפט נאָך ליבע און „אַ פּאַאיע" ד. ה. אַ סביבה, אַ סאַלאָן פאַר דיכטער און דענקער. דריימאָל האָט זי געפּרואווט דאָס אין פּאַריז דורכצופירן, אָבער נאַפּאָלעאָן האָט דאָס ניט

דערלאָזט, דעריבער האָט זי זיך צוריקגעצויגן קיין קאָפּעט, אַרום לאַק לעמאַן אין דער שווייץ, דעם דעמאָלטיקן וואוין־אָרט פון אירע עלטערן, וואו די אילוס־טרע פון אייראָפּע האָבן זיך געגעבן ראַנדעוואו. איינער פון זיי, מיט וועלכן זי איז געווען ענג ליאירט איז געווען בענדזשאַמין קאָנסטאַן, איינער פון די פיינסטע גייסטער פון יענער צייט. ווען די בינדונג האָט זיך ניט איינגעגעבן האָט זי זיך געלאָזן אין ווייט אַריין אויף נסיעות.

מיטן קאָפּ האָט מאַדאַם דע סטאַעל זיך מתיחד געווען מיט זשאַן זשאַק רוסאָ — און ווידער איז עס די ווייבלעכע אינטואיציע, וואָס פירט זי אויפן רעכטן וועג, וואָס האָט איר געוויזן, אַז דאָס איז אין דעם מאָמענט דאָס נייע, בכן דער אמת פון דער צייט. זי איז געוואָרן איר טעאָרעטיקער.

די נסיעה קיין איטאַליע ברענגט איר ראָמאַן „קאָרין" וועלכן זי שרייבט אין קאָפּעט — פעמיניסטיש, דורכגעזאַפּט מיט די אידייען וועגן פרייער ליבע און משמעות אויטאָביאָגראַפיש. ער ווערט אַ גרויסער ליטעראַרישער דער־פאָלג. זי רייזט איבער דייטשלאַנד און אַנטפּלעקט „דאָס אָרעמע, נאָבעלע דייטשלאַנד", וואָס איז גורם צו איר בוך De l'Allemagne. ווילהעלם שלעגעל, מיט וועלכן זי איז בשעתו ליאירט, איז קענטיק איר מורה דרך. דאָס איז געשריבן אין נאַפּאָלעאָנישע צייטן און האָט געדאַרפט באַווייזן די פראַנצויזן די נאָבלקייט און דעם „אידעאַליזם" פון זייערע שכנים, אין יענער צייט ווען זי פערזענלעך האָט ביי נאַפּאָלעאָנען ניט נושא חן געווען און האָט געמוזט לעבן מחוץ פון פראַנקרייך.

אין איר בוך „ליטעראַטור, באַטראַכט אין צוזאַמענהאַנג מיט סאָציאַלע אינסטיטוציעס" *), אַ טיטל וואָס איז מחייב, האַלט זי די הבטחה. זי באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז ליטעראַטור איז אַ פונקציע פון דער געזעלשאַפט; צוליב דעם קלימאַט אונטערשיידט זי אַ ליטעראַטור פון דרום און איינע פון צפון. די דרומדיקע איז פאַר איר די אַנטיקע, הגם זי פאַרזעט ניט די פאַרשידנ־קייטן צווישן דער ליטעראַטור פונעם דעמאָקראַטישן גריכנלאַנד און דער ליטעראַטור, וואָס דאָס טיראַנישע רוים, הגם אויך אנטיק, האָט געשאַפן. און להיפך די נאָרדישע אינוואַזיע און אַ נאָרדיש קריסטנטום, וואָס שטויסט

*) *Madame de Stael*: De la Littérature considérée dans ses reports avec les Institutions Sociales.

זיך צוזאַמען מיטן הומאַניזם אָדער נעאָ־פּלאַטאָניזם, זיינען גורם צו דער קריסטלעכער אָדער ראָמאַנטישער רענעסאַנס.

זי האָט נאָך דערלעבט „די רעסטאַווראַציע" און האָט צום סוף פון איר לעבן (געשטאָרבן אין 1817) געשריבן אַ ווערק מיטן נאָמען „באַטראַכטונגען איבער דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן נאָך איר טויט דורך אירע קינדער.

זי האָט געגלויבט אין פּראָגרעס, אין דער אידעאַליזירנדיקער ווירקונג פון פּראָגרעס, דאָס האָט ווידער געוויזן ווי שטאַרק זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַכצעטן יאָרהונדערט. דער פּראָגרעס, האָט זי געגלויבט, קען דערפירן צו מענטשלעכער פּערפעקציע. איינער פון די אמת׳ן, וואָס ליגט כחרס הנשבר צו אונדזערע פיס. שיינקייט, האָט זי מיט רעכט געטראַכט, איז אונטערגע־וואָרפן פאַרשידענע אַספּעקטן און עסטעטישע געזעצן, וואָס זיינען אויך אונטערגעוואָרפן פאַרשידענע עטישע און פּאָליטישע אמת׳ן.

פון דער צווייטער זייט איז געקומען איינער וואָס איז געווען פראַנקרייך גופא, פראַנסואַ רענע שאַטאָבריאַן, אויטאָכטאָן אַריסטאָקראַט, מיטן ראָ־מאַנטישן הינטערגרונד פון שלעסער און חורבות.

פראַנסאָא רענע שאַטאָבריאַן

„די דאָזיקע הקדמה וועט שטיין ביים אָנהויב פון מיינע „מעמואַרן פון נאָכן קבר" (Memoirs d'Outre Tombe), וואָס וועלן אַרומנעמען דעם גאַנצן לויף פון מיין לעבן. אָנגעהויבן אין יאָר 1811 וועלן זיי זיך ציען ביז צום היינטיקן טאָג. איך וועל דערציילן פון דעם, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן, און וועגן דעם, וואָס איז נאָר אַן אָנדייטונג פון מיין קינדהייט, מיין דערציאונג, מיין פאָרשטעלונג פאַר לואי דעם 16טן, די ערשטע סצענעס פון דער רעוואָלוציע, מיינע נסיעות קיין אַמעריקע, מיין צוריקקומען קיין איירָאָפּע, מיין עמיגראַציע קיין דייטש־לאַנד און קיין ענגלאַנד, מיין אַהיימקומען קיין פראַנקרייך אונטערן קאָנסולאַט, מיינע באַשעפטיגונגען און אַרבעטן אונטערן אימפּעריום, מיין גורל אין ירושלים, מיינע ענינים בשעת דער רעסטאַווראַציע. סוף כל סוף די פולע געשיכטע פון דער רעסטאַווראַציע און פון איר פאַל.

„איך האָב באַגעגנט כמעט אַלע מענטשן פון מיין צייט, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָלע, גרויס אָדער קליין, אין מיין פאָטערלאַנד אָדער אין דער פרעמד. פון וואַשינגטאָן ביז נאַפּאָלעאָן, פון לואי דעם 18טן ביז אַלעקסאַנדער, פון פּיוס דעם 7טן ביז גרעגאָר דעם 16טן; פון פאָקס בורקע, פּיטס, שערידאַן, לאָנדאָנדערי; קאַפּאָד'איסטריא ביז צו מאַל־הערב, מיראַבאָ; פון נעלזאָן, באָליוואר, מחמד, דעם עגיפּטישן פּאַשאַ, ביז סיפרען, בוגענוויל, לעפּייראָז, מאָראָ אאַז"וו. איך בין געווען אַ טייל פון אַ טריאומוויראַט, וואָס האָט ניט געהאַט זיין גלייכן: דריי פּאָעטן אין צד שכנגד אַ דאַנק אינטערעסן און נאַציע, האָבן זיך געפונען כמעט מיטאַמאָל אַלס אויסן־מיניסטאָרן, איך אין פראַנקרייך, מר. קאַנינג אין ענגלאַנד, און מ. מאַרטינעז דע לאַ ראָזאַ אין שפּאַניע. איך בין דורכגעגאַנגען נאָכאַנאַנד די ליידיקע יאָרן פון מיין יוגנט, די יאָרן אַזוי אָנגעפּילט פון דער רעפּובליקאַנישער תקופה, פון דער גלאָריע פון באָנאַפּאַרטע, און פון דער רעגירונג פון דער לעגיטימיטעט.

„איך האָב אויסגעפּאַרשט די ימים פון דער אַלטער און דער נייער וועלט און געטרעטן דעם שטויב פון פיר טיילן פון דער ערד, נאָך דעם ווי איך האָב געלאַגערט אונטער דעם שטיבל פון איראָקער, אונטערן געצעלט פון אַראַבער, אין וויגוואמס פון די הוראָנען און־טער די חורבות פון אַטען, פון ירושלים, פון מעמפיס, פון קאַרטאַגאַ, פון גראַנדאַ, ביים גריך, ביים טערק און דעם מויער, צווישן וועלדער און חורבות. נאָכדעם ווי כ׳האָב איבערגעביטן דעם קאַסאַק פון בערן־פעל פון די ווילדע פאַרן זיידענעם קאַפטאַן פון מאַמעליוק, נאָכדעם ווי כ׳האָב געליטן דחקות, הונגער, דורשט און עקזיל, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אַלס מיניסטער און אַמבאַסאַדאָר, געשטיקט מיט גאָלד, באַמאָלן מיט אויסצייכנונגען, מיט בענדער, סעודות פון די פּרינצן און פּרינצעסנס, כדי צוריקצופאַלן אין אָרעמקייט און פאַרזוכן די תפיסה...״

דער דאָזיקער ברוכטייל פון אַ הקדמה פון מחבר פון די „מעמוארן נאָכן קבר״, וואָס איז נאָר אַ רמז פון דער הקדמה אַליין, וואָלט געמוזט אינספּירירן סיי נאָוועליסטן, סיי היסטאָריקער, צו שילדערן די דאָזיקע פאַרבנרייכע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געווירקט במשך פון דריי תקופות, נעמענדיק אַ דירעקטן אָנטייל אין דער געשטאַלטונג פון די ענינים פון זיין לאַנד און דערמיט פון אייראָפּע. דער אינספּירירטסטער עדות פון גורלפולע איבער־בייטן אין פראַנקרייך איז דער מחבר אַליין. ער איז דער פאַרבנרייכסטער, קינסטלערישסטער שילדערער. אין הפּוך צו מאַדאַם די סטאַעל, וואָס האָט באַלד און באַוואוסט זיך אידענטיפיצירט מיט רוסאָ און דערמיט מיט דער ראָמאַנטיק, שטייט שאַטאָבריאַן באַוואוסט פאַראַנקערט אין קלאַסיציזם.

ער דינט ווי אַ דיפּלאָמאַט אונטער לואי דעם 16טן, אונטער נאַפּאָלעאָן און לואי דעם 18טן, איז אַ שאַרפער קעגנער פון דער רעוואָלוציע, פּאָליטי־שער עמיגראַנט און אַוואַנטוריסט, זוכט פאַרלוירענע אינזלען אין צפון־מערב פונעם פּאַציפיק און אַנטפּלעקט פאַר זיך און פאַר דער וועלט דעם „נאָבעלן רויטן אינדיאַנער״ אין זיין „אַטאַלאַ״, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1801. אין יאָר 1802 פּובליקירט ער „דאָס זשעני פון קריסטנטום״ (Le Genie de Christianisme) וואו ער זוכט צו באַווייזן, אַז די קריסט־

לעכע אמונה איז בעסער פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער נשמה ווי דאָס היידנטום.

„דאָס זשעני פון קריסטנטום״, וואָס איז אַרויס פריער איידער נאָוואַ־ליסעס „קריסטנטום אָדער איראָפּע״, ווייזט די גלייכע ראָמאַנטישע לאַנד־שאַפט, די אַפיניטעטן און אָפּקלאַנגען פון אַ באַוועגונג, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער לופט און אין ליכט, אפילו אין די ראָמאַנטישע פינצטער־קייטן.

שאַטאָבריאַן איז דער קלאַסישער רעפּרעזענטאַנט פון אַ נייער געזעל־שאַפט, וואָס איז ניט אַנטיק, ד. ה. ניט גריכיש און ניט רוימיש — ווייל אפילו דער נעאָ־קלאַסיציזם פון 17טן יאָרהונדערט, פּונקט ווי די רענע־סאַנס האָבן זיך איבערגעלעבט און מיר שטייען, ווי עס ווייזט אויס, אָדער ווי עס האָט לכל הפּחות אויסגעוויזן דעמאָלט, פאַר אַ נייער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט און אין דער געשיכטע פון דער קונסט. מיר געפינען זיך ביים אָנהייב פון דער ראָמאַנטיק וואָס וועט פּרואוון רעווידירן אַלע אמת׳ן כדי צו דערגיין צו איר אייגענעם, מיר געפינען זיך ביים איבער־גאַנג פונעם 18טן צום 19טן יאָרהונדערט, ווען אין דייטשלאַנד האָבן זיך געטעט און שילער אַנטשידן פאַרן קלאַסיציזם, אָבער די שלעגעלס, טיעק און נאָוואַליס רעפּרעזענטירן דעם דייטשישן ראָמאַנטיזם. דעמאָלס רעדט דאָס נאָוואַליס „פון ספּעציעלן זין פאַר פּאָעזיע, פון יענעם ספּעציעלן צוש־טאַנד וואָס איז אין אונדז, פון דעם פּאָעטישן זין וואָס האָט שותּפותדיקע באַרירונגס־פּונקטן מיטן זין פון מיסטיציזם. דער באַזונדערער זין פון אייגענעם, דער אייגנאַרטיקער פון פּערזענלעכן, פון אומבאַקאַנטן, פון מיסטעריעזן און פון אָפּענבאַרונג. דער פּאָעטישער זין וואָס האָט אַן ענגע קרובהשאַפט מיטן פּראָפעטישן זין, מיטן רעליגיעזן זין, מיט דעלירים בכלל״.

עס קלינגט אפשר ווי אַ פּאַראַדאָקס, אַז די זיילן פון פּרע־ראָמאַנטיזם אין פראַנקרייך, מאַדאַם דע סטאַעל און שאַטאָבריאַן האָבן ביידע באַלאַנגט צו דער קלאַסישער טראַדיציע. שאַטאָבריאַן באַוואוסט און איבערצייגט, מאַדאַם דע סטאַעל אומבאַוואוסט, ווייל מיטן מח גראַוויטירט זי צו דעם וואָס זי האַלט פאַר פּראָגרעס, פילנדיק זיך אומבאַקוועם אונטערן אימפּעריום. אפילו נאַפּאָלעאָן אליין האָט דאָך מיט זיינע אַרמייען געבראַכט די רעוואָלוציע

קיין איראָפּע — געוואָלט אָדער נישט. אין פראַנקרייך איז זיין טענדענץ, נאָך דער פאַראויסגעגאַנגענער איבערקערעניש, אַריינצופירן סדר און — אויטאָריטעט. די אימפּעריאַלע מאַכט קוקט אַביסל קרום אויפן אַלטוואַרג פון דער עמאַנציפּאַציע. נאַפּאָלעאָן מיט פּראָקלאַמאַציעס צו זיינע אַרמייען, מיטן טאָן פון זיינע אינסטרוקציעס באַשאַפט אַ סטיל וואָס איז לאַפּידאַר פּרעציז — קלאַסיש. און דאָך איז נאַפּאָלעאָן פונקט ווי זיין צייט־חבר שאַטאָבריאַן אַ פאָרלויפער פון דער ראָמאַנטיק.

מען לעבט גיך אין פראַנקרייך אין יענע טעג. און ניט אַזוי גיך לאָזט זיך דער הומאַניזם איבערלעבן. די פאָרלויפער ברענגען די ראָמאַנטיק ווילענדיק און ניט ווילנדיק, אָבער זיי מוזן שטאַרק לויפן. די ראַציאָנאַליס־טישע טראַדיציע היט אָפּ פאַר גוזמות פאַר אומקלאָרקייט און איז משפּיע צו קלאָרע פאָרמולירונגען פון דעם וואָס מען איז אויסן. פאַר אַלעמען היט זי אָפּ פאַר אַראָפּלאָזן זיך אין די מעטאַפיזישע אָפּגרונטן פון די דייטשישע שכנים, ביז מאַדאַם דע סטאַעל דערציילט אין De l'Allemagne די סודות פונעם „אידעאַליסטישן דייטשלאַנד" און שאַטאָבריאַן פּראָקלאַמירט אַז „דער געשמאַק איז די פאַרנונפט פונעם זשעני" — אַ בפירושע אָפּווייכונג פון די געאָמעט־רישע געזעצן פון קלאַסיציזם. ניט די רעגל, נאָר דער געשמאַק איז די העכסטע אויטאָריטעט, פאַרשטייט זיך דער געשמאַק פונעם געניוס. ניט נאָר די דעפיניציע איז אַ נייע.

זיין ראָמאַן „רענע" איז אַ מין מישונג פון געטע'ס „ווערטער" און פון די שטעלן פון „טשיילד האראלד" מיט בייראָנס אַלוזיעס פון זיינע פּרעטענ־דירטע אָדערווירקלעכע באַציאונגען צו זיין האַלב שוועסטער אויגוסטאַ. פונקט אַזוי שילדערט „רענע" (אַ. שאַטאָבריאַן) זיין ליבלינגס־שוועסטער לוסיל, וועלכע קען, אָבער מוז ניט זיין באַזירט אויף ווירקלעכע אויטאָ־ביאָגראַפישע איבערלעבונגען. פאַר אונדז איז דאָס נאָר אינטערעסאַנט אויף אַזוי ווייט ווי זיי רעפּרעזענטירן אַ געוויסע קלישע פון קראַנקהאַפטיקייט אין דער איראָפּיאישער ליטעראַטור, וואָס חזרט זיך איבער ביי מערערע פון אירע פּראָמינענטסטע רעפּרעזענטאַנטן. אין די „זכרונות פון נאָכן קבר" וועט שאַטאָבריאַן אַליין חרטה האָבן אויף „רענע", אָבער עס איז אינטערעסאַנט אַלס „אַ צייכן פון דער צייט".

ליטעראַטור איז ניט נאָר דער אויסדרוק פון אַ תקופה. פאַראַן אַ וועקסל־ווירקונג צווישן וואָרט און געשעען. מיר, וואָס האָבן דערלעבט די קאָרופּציע פון וואָרט און דערמיט אויך פון די ווערטן, זיינען די באַטראָ־פענע עדות דערפון. נאָוואַליסעס תורה אַז אונדזער גייסט איז אַן אינסטרו־מענט פון בינדונג פון די פאַרשידנסטע קאָנצעפּציעס: „יעדער סינטעטי־שער קאָנצעפּט האָט אין זיך צוויי קאָנצעפּציעס, וואָס איינע איז זיך שטאַרק סותר מיט דער אַנדערער" און אַז „זיך אָפּגעבן צו דער אומענדלעכער סתירה איז פּרוכפּערדיק און אַפילו נויטיק" איז אפשר אינטערעסאַנט, זיכער קראַנקהאַפט, אָבער איז דאָס ניט אויך איינער פון די בלענדיקע פּאַראַדאָקסן, אויף וועלכע די פילאָסאָפישע לומדים פון זיין צייט האָבן זיך געוואָרפן, זיי צו אַנאַליזירן, אויסצובויען? זיי האָבן ניט באַשאַפן — ווי עס הייסט — די מעלאַנכאָליע. מעלאַנכאָליע איז לויט דער אויפפאַסונג פון אַ פּשוטן מענטשן אַ פּסיכישער צושטאַנד, וואָס קען אַרויסגערופן ווערן דורך די פאַרשידנסטע פאַקטאָרן, דהיינו איבערלעבונגען פּריוואַטע אָדער אַלגעמיינע, נאַטור־דערשיינונגען — אַ וואָלקן אויפן הימל, אַ שטיין אויפן וועג, אַ טאָג אין פאַרגיין רופן אַרויס ביים סענסיטיוון מענטשן אַ צושטאַנד, וואָס איז נאָענט צו מעלאַנכאָליע, צו עצבות. דאָס איז אַ צושטאַנד וואָס קען דערקענט אָבער נישט דערפונען ווערן. אפילו די בענקשאַפט, די נאָסטאַלגיע נאָך ווייטקייט און אין־סוף איז נישט קיין „ראָמאַנטישע דערפינדונג" און עס איז אמת, אַז אויך די ראָמאַנטיקער האָבן געפּרואווט די דאָזיקע צושטאַנדן צו דערקענען.

אין היפוך צום קעגנפאַל אין דער פראַנצויזישער פּרע־ראָמאַנטיק (מאַדאַם דע סטאעל), ווען־מענס הויפּט־מעלה עס איז געווען די פעאיקייט און רוטין פון דענקען, איז שאַטאָבריאַן געווען פאַר אַלעמען קינסטלער, דערמיט שוין רעבעל אויף זיין אופן. באַזעסן פון זיך, פון זיין גרויסקייט צו וועלכער ער איז געווען צום טייל באַרעכטיקט, פּאַסיאָנירטער היסטאָריקער, קינסטלער פון אַ הויכער מדרגה, עטעמט אַלץ, וואָס ער באַריכטעט, אַ הויך פון פּערזענלעכער רעאַקציע צו די געשעענישן, אויסגעדריקט מיט אַ אַרטיסטישער ראַפינירט־קייט און קינסטלערישער פּרעגנאַנץ.

ער איז געווען אַריסטאָקראַט פון געבורט און פון איבערצייגונג. אַלס

עמיגראַנט שרייבט ער אַן עסיי איבערן געניוס פון רעוואָלוציעס, וואָס איז געזען פון אַ פילאָסאָף פון 18טן יאָרהונדערט.

דער פאַרלוסט פון זיין מוטער און שוועסטער אין די תפיסות פון דער רעוואָלוציע, ברענגט אים צום קאַטאָליציזם וועלכן ער באַגרינדט נאַאיוו און שיין: „איך האָב געוויינט, און איך האָב געגלויבט, אָן טעאָריעס, אָן טעאָלאָגיע". ער האָט איבערגענומען, און אויך איבערגעגעבן געטריי וואָס ער האָט איבערגענומען לפי טראַדיציע. אַ פּאַסיאָנירטער עדות פון דריי תקופות, וועלכע ער האָט צום טייל אויך געהאָלפן געשטאַלטן, האָט ער לכל הפּחות זיך באַמיט זיי צו שילדערן. צו די פאַרבן וואָס ער האָט געירשנט אין די פּיטאָרעסקע שלעסער וואו ער איז געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן, זיינען צוגעקומען די מעגלעכקייטן פון דירעקטן אָנטיילנעמען אַלס מיניסטער און דיפּלאָמאַט אין און מחוץ פון זיין לאַנד, די מעגלעכקייטן צו זען און צו באַריכטן. געגנוג נאָענט צו די הומאַניסטן, צו די פאָרשער, וואָס האָבן געלערנט און געוואוסט, האָט ער אין משך פון אַ לאַנג און באַוועגט לעבן, זיך באַמיט גובר צו זיין די חסרונות פון זיין ניט גענוג סיסטעמאַטישער דער־ציאונג און צו דערגאַנצן זיין וויסן. אין זיין „רייזע פון פּאַריז קיין ירושלים", וואו ער איז שוין אַ קאַטאָליק, באַמיט ער זיך איבערצוגעבן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, כמעט אין טרוקענער זאַכלעכקייט, די ערטער און די הייליקע פּונקטן פון קריסטנטום. ער ציטירט אַ סך פון די קריסטלעכע פאָרשער, אָבער אויך יוסיפוס פלאַוויוס, בנימין פון טודעלא און אַנדערע. אָט איז אַ קליינע שטעלע, וואָס דערציילט אויף דעמזעלביקן זאַכלעכן אופן און אגב אורחא וועגן עמק יהושפט: „דאָס איז אַ טאָל, וואו דער מלך פון סדום האָט געזוכט אברהמ'ן כדי אים צו בענטשן פאַר דעם נצחון, וואָס ער האָט געוואונען איבער די פינף מלכים. צו מולך און בעל־פּעור האָט מען נאָך געדינט אין דעם דאָזיקן טאָל. שפּעטער האָט מען עס אָנגערופן דער טאָל פון יהושפט, ווייל דער מלך פון דעם טאָל האָט זיך דאָ אויפגעשטעלט זיין קבר. דער טאָל פון יהושפט האָט ווייזט אויס געדינט אין ירושלים פאַר אַ בית עולם. מען טרעפט דאָ יאָרהונדערטער אַלטע מאָנומענטן און אַזעלכע פון גאַנץ מאָדערנער צייט; די יידן קומען אַהער שטאַרבן פון פיר חלקים פון דער וועלט; אַ פרעמדער פאַרקויפט זיי פאַרן געוויכט פון גאָלד אַביסל ערד,

בכדי צו באַדעקן זייער גוף אינעם פעלד פון זייערע אבות. די צעדערן וואָס שלמה האָט אין דעם טאָל געפלאַנצט, דער שאָטן פון בית המקדש, מיט וועלכן עס איז געווען באַדעקט, דער שטורעם וואָס האָט דאָ געהוליעט, דער תהלים פון טרויער, וואָס דוד האָט דאָ קאָמפּאָנירט, דאָס קלאָגן וואָס ירמיהו האָט דאָ געלאָזט פאַרנעמען, האָט עס געמאַכט פּאַסיק פאַר דער טרויער און שטילקייט פון קברים״.

אַלפּאָנז דע לאַמאַרטין

אַלפּאָנז לאַמאַרטין איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1790. זיין דערציאונג איז געווען אַ גרינטלעכע, ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט פאַר נסיעות, די ערשטע איז געווען קיין איטאַליע, אין 1811—1812. בעת דער רעסטאַור־ראַציע דינט ער אַלס אָפיציר פון דער גאַרדע. שפּעטער לעבט ער אין עקס־לע־בען, באַגעגנט איינע פון זיינע ליבעס־אַפּערעס, און דער טויט פון דער געליבטער פרוי פאַרטיפט זיין וועזן; ער שרייבט מערערע ווערק: „שאול", „מעדעאַ", „קלאָוויס". ער וואַרט אויף אַ דיפּלאָמאַטישער פּאָזיציע און שרייבט דערווייל זיינע „מעדיטאַציעס". זיי ווערן אַ ברילאַנטענער דערפאָלג. ער ווערט אַטאַשע פון דער לעגאַציע אין נעאַפּל און האָט חתונה אין יוני 1820 מיט אַן ענגלענדערין, וואָס איז אים זייער איבערגעגעבן. אין יאָר 1821 איז ער ווידער אין פּאַריז און גיט אַרויס אין 1823 וויטערדיקע „מעדיטאַציעס". אין 1825 ווערט ער סעקרעטאַר פון דער אַמבאַסאַדע אין פלאָרענץ ביז 1828. אין 1830 פּובליקירט ער זיינע „האַרמאָניעס". די יולי געשעענישן ברענגען אים צו דער פּאָליטיק. ער ליידט אַ מפּלה און לאָזט זיך אין וועג אַריין, קיין מזרח; פאַרלירט אַ טאָכטער און קומט פאַרניכטעט אַהיים אין 1833. אונטערוועגנס ווערט ער געוואויר וועגן זיין וואַל צום פּאַרלאַמענט, וואו ער בלייבט ביז 1843. ער פאַרעפנטלעכט דערווייל פּאָעטישע זאַמלונגען: „זשאָסעלין", „דער געפאַלענער מלאך" (1839). אין דער פּאָליטיק איז ער ליבעראַל, הומאַניסט, פּאַציפיסט און נעמט שטאַרק אויס בעת דער גאַנצער צייט, וואָס ער ווירקט אַלס פּאָליטיקער. ער גייט אַריבער אין 1843 צו דער אָפּאָזיציע, שרייבט זיין „געשיכטע פון די זשיראָנ־דיסטן". ער איז אַקטיוו אין פּאָליטישן לעבן, דערגרייכט זיינע גרויסע דער־פאָלגן און מיסערפאָלגן, ליטעראַריש שטענדיק אַקטיוו, שטאַרבט ער אין יאָר 1869 נאָך אַ רייך, פּאָזיטיוו, גראַנדיעז לעבן, אויף יעדן געביט.

מען לעבט גיך אין יענע טעג אין פּאַריז. עס נעמט אַן ערך פופצן יאָר (1815—1830) ביז עס קאָנסטיטואירט זיך די ראָמאַנטישע דאָקטרין ענד־

גילטיק. אין קאָפּעט געפינען זיך מאַדאַם דע סטאַעל, ווילהעלם שלעגעל, סיסמאָנדי און בענדזשאַמין קאָנסטאַן — בכן, חוץ מאַדאַם דע סטאַעל נאָך צווי שווייצער און אַ דייטש. פון קאָפּעט גייט ארויס דער קריגס־רוף. ווילהעלם שלעגעל פאַרעפנטלעכט זיינע „פאָרלעזונגען איבער דראַמאַטישער קונסט און ליטעראַטור" מיט זיינע באַקאַנטע אָנגריפן אויף ראַסין און קלאַ־סישער קונסט בכלל.

סיסמאָנדי פּובליקירט „די ליטעראַטורן פון דרום־אייראָפּע" און מאַדאַם דע סטאַעל איר בוך וועגן דייטשלאַנד. סיסמאָנדי געפינט זיינע ראָמאַנטישע עלעמענטן אין מיטלאַלטער, אין קריסטנטום, אין דער איטאַליענישער רענע־סאַנס און אין דער פּאָעזיע פון די טרובאַדורן אין דער פּראָוואַנס.

„די קלאַסישע פּאָעזיע — זאָגט מאַדאַם דע סטאַעל אין דעם דערמאָנטן בוך — איז די פּאָעזיע פון די אַלטע, די ראָמאַנטישע פּאָעזיע איז יענע וואָס האַלט זיך אויף אַ געוויסן אופן אָן ריטערלעכע טראַדיציעס"... אין קאָפּעט איז מען זיך שוין גאַנץ קלאָר וואוהין מ'גייט, אין פּאַריז פאָרשט מען נאָך דעם באַדן. אויף די שפּאַלטן פון די צייטשריפטן פירן זיך ויכוחים, כדי קודם כל זיך אַליין קלאָר צו ווערן. מען שטעלט זיך קודם כל די פראַגע: צי דאַרף פראַנקרייך זוכן אין דער פרעמד אַ פּרינציפּ פון פאַראייניקונג? סטענדהאַל וואָס באַלאַנגט צו דער שיטה פון די ליבעראַלע ראָמאַנטיקער איז זיך נאָך אַמייסטן באַוואוסט וואָס ער וויל.

די ליטעראַרישע רעוואָלוציע האָט באַשיינפּערלעך גאָרנישט צו טאָן מיט דער פּאָליטישער. די איבערבייטן גייען זייער גיך. איין יאָר, צווי יאָר זיינען כמעט אָן עפּאָכע. פאַראַן אַ קלאַסישער אַנטי־ליבעראַלער לאַגער מיט פאָנטאַן, שאַטאָבריאַן, הוגאָ, לאַמאַרטין, נאָדיע. פאַראַן אַ קעגן־לאַגער ד. ה. דער ליבעראַלער ראָמאַנטיזם, אין וועלכן אַ טייל פון די דערמאָנטע נעמען גייען שפּעטער אַריבער. צייטשריפטן ווערן באַגרינדעט, פּלאַטפאָרמעס פּובליקירט. דער „גלאָבוס" באַטייליקט זיך שטאַרק אין די וכוחים, ביז הוגאָ, לאַמאַרטין, וויני שטעלן פאָר דעם צד פון די ראַיאַליסטישע ראָ־מאַנטיקער, סטענדהאַל, מערימיי א. א. קאָנסטיטואירן דעם ליבעראַלן לאַגער.

עס וועט בלייבן איינער פון די קוריאָזן פון דער פראַנצויזישער

ראָמאַנטיק, וואָס די ראָמאַנטיקער אין דער אידייע — די באַוואוסטע איניצ־יאַטאָרן פון דער ראָמאַנטיק וועלן שרייבן אין קלאַסישן סטיל: שאַטאָבריאַן, מאַדאַם דע סטאַעל, לאַמאַרטין. מען האַלט אָבער אין אַראָפּרייסן פּאַסאַדן, מען רופט אָן דאָס קינד ביים ריכטיקן נאָמען, מען וועט זאָגן אַ בלומענטאָפּ אָנשטאָט וואַזע (ד. ה. דאָס ריכטיקע וואָרט אָנשטאָט דעם נאָבעלן). אָבער אין קאַמף וועגן מעדיום, אין וועלכן אַ דראַמע דאַרף געשריבן ווערן זיגט הוגאָ, וואָס איז פאַר דער פּערז־דראַמע אָנשטאָט דער פּראָזע. די סיבה איז דער ליריזם פון דער ראָמאַנטיק, וואָס ווירקט אין דעם פּרט פּאָזיטיוו, ווייל ער היט פאַר פאַרלירן זיך אָן קאָנטראָל — עס העלפט צו אַ געוויסער צוריקגעהאַלטנקייט ד. ה. צו אַ מאָסשטאַב אין דער ראָמאַנטישער פאָרם־לאָזיקייט.

„מען דאַרף זיין קלאַסיש אין אויסדרוק — און ראָמאַנטיש אין דער מחשבה" זאָגט לאַמאַרטין, איינער פון די איידלסטע, נאָבלסטע רעפּרעזענ־טאַנטן פון דער ראָמאַנטיק. אויך לאַמאַרטין האָט געירשנט די וויכטיקסטע עלעמענטן פון פראַנצויזישן קלאַסיציזם, דהיינו: קלאָרקייט, איינהייטלעכ־קייט, סדר און קאָמפּאָזיציע. דער ראָמאַנטישער עלעמענט איז זיין התלהבות, זיין ליריזם.

לאַמאַרטינ׳ס אָפּשטאַמונג איז אַריסטאָקראַטיש, פּאַטריאַרכאַליש, טראַ־דיציאָנעל אַנטי־רעוואָלוציאָנער, פאַרבונדן — לויט גוסטאַוו לאַנסאָן — מיט יחוס סיי צו דעם טראָן און סיי צום מזבח. זיין דערציאונג איז בכן געווען קאָנווענציאָנעל־קאָנסערוואַטיוו. אָבער די אַטמאָספער פון דער תקופה איז דורכגעדרונגען אומעטום, אפילו ביז אין די עקסקלוסיווסטע דערציאונגס־אַנשטאַלטן. דער גייסט פון „געניוס פון קריסטנטום" איז שוין דערגאַנ־גען ביז אַהער. אויב אפילו שאַטאָבריאַן האָט געמיינט, ווידער איינצופירן דעם קאַטאָליציזם אין קריסטנטום; עפּעס נייעס איז דאָך געווען דערינען, עפּעס, וואָס שאַטאָבריאַן איז אפשר גאָר ניט אויסן געווען, אָבער ער האָט ניט געקענט פאַרמיידן עס זאָל אַריינדרינגען אין זיין תורה. דער ראָמאַנטיזם האָט זיך דאָך דורכגעזעצט אָן ווילן, אָן ווילן פון די מחברים. לאַמאַרטינ׳ס דערציאונג סיי פון הויז סיי פון זיך אַליין, איז געווען אַ גרינטלעכע, פון אַ וויטן היקף. ער האָט שטודירט די אַלטע, די ענציקלאָפּעדיסטן, די

מאָדערנע זיינען געקומען פון זיך. דאָס זיינען געווען די נייקייטן אין דער ליטעראַטור, וועלכער יעדער יונגער מענטש וואָס איז אינטערעסירט קען ניט פאַרבייגיין, אפילו זיך אויסהיטן דערפאַר. „איך געפין זיך אין דער ריינסטער התבודדות, איך מוז זיין פאַר זיך אַליין געגוג. דאָס גיט זיך מיר ניט איין. איך טראַכט עטלעכע בייזע פערזן, וועלכע איך נעם אויף שפּאַצירנדיק דורך לאַנגע טעג אין די ווילדסטע און פּיטאָרעסקעסטע וועלדער פון דער וועלט. און ווען דער מענטש וואָלט בכח געווען איבערצוגעבן נאָר אַ שאָטן פון דעם, וואָס ער פילט אין דער אפילו ניט אַנימירטער נאַטור, וואָלט דאָס אויך געווען גענוג שיין; אָבער איך גלויב, אַז די שיינע אימאַזשן, וואָס מיר באַקומען דורך אונדזערע אויגן, ענדערן זיך און אַנטפּאַרבן זיך, ביז זיי דערגייען צו ווערן פאַרשטאַנען און מיר מאַכן נאָר שוואַכע בלאַסע קאָפּיעס פון געטלעכן אָריגינאַל. די מענטשן זיינען גרויסע בעלי־גאווה, אויב זיי ריידן פון אידעאַל, די נאַטור אַליין איז דער העכסטער אידעאַל.

...פאַראַן מער פּאָעזיע אין קלענסטן ווינקל פון די דאָזיקע בילדער ווי אין אַלע אונדזערע מענטשלעכע פּאָעזיעס. דאָס טרייסט מיך און מאַכט מיך טרויעריק אין דערזעלביקער צייט".

ער שרייבט דאָס אין יאָר 1819. דאָ אַנטפּלעקט זיך דער פּאָעט און דער ראָמאַנטיקער אין דערזעלביקער צייט. דער ראָמאַנטיקער, וואָס רעדט וועגן „אידעאַל" וואָס די נאַטור שטעלט פאַר, און מיידט אויס צו זען דאָס פאַטאַלע וואָס זי קען אַנטהאַלטן. און דאָס געפיל און דאָס מענטשלעכע האַרץ וואָס גליט דורך זיינע מעדיטאַציעס! „די סטרונעס פון דער לירע פון פּאָעט זיינען די סטרונעס פון מענטשלעכן האַרצן. דער איינציקער כח וואָס פאַרפירט ניט, איז דאָס מענטשלעכע האַרץ". דאָס אַלץ ווערט אָנגעפירט קעגן „קאַלטן" שכל. „אַלץ מחוץ ליבע, ריין און אַבסאָלוט, — ציילט ניט, פאַראַן נאָר דער אין־סוף, וואָס פילט אויס די נשמה פון יעדן מין. אַלץ וואָס ענדיקט זיך, איז קורץ און ניט פולקום".

ער האָט געטרונקען דעם ראָמאַנטישן ווייַן פון יעדן כוס, ווי דאָס איז אַנדערש ניט מעגלעך ביי איינעם וועמענס בילדונג עס איז איינגעפּונדעוועט אין די נעכטנס, אַנטיקע, הומאַניזם און וואָס לעבט אַ פול באַוואוסט

און סענסיטיוו לעבן פון היינט. אָבער די קאַטוילישע פרומקייט האָט ער עפּעס ניט געשלונגען אַזוי גלאַטיק.

„...איך וואָלט געגעבן מיינע איבעריקע טעג פאַר אַ קערנדל גלויבן, ניט כדי צו הויבן בערג, נאָר כדי אָראָפּנעמען די געוויכטן פון אייז, וואָס פרעסן אויף דער נשמה. איך פאָדער דאָס אין ביכער, איך זוך ביי מיין שכל, איך פאָדער מן השמים, איך וויל עס פאַרלאַנגען פון ווערק אויך; אפשר וועל איך דערגרייכן. די אמונה וועט זיין אַזוי צוגעטראָפן פאַר אונדז אומגליקלעכע, וואָס מיר זיינען לגמרי ניט, ניין! לגמרי ניט פון דער וועלט, וואָס מיר לעבן ניט איר לעבן וואָס מיר זיינען ניט גליקלעך מיט איר גליק, וואָס מיר עסן ניט פון איר ברויט! וואו וועלן מיר זיך אָנשפּאַרן אויב דער דאָזיקער מיסטעריעזער אָנשפּאַר פעלט אונדז תמיד?

...מיר געפינען זיך אין אַ שלעכטער צייט...

...פאַראַן אין דער געזעלשאַפט אַן אַטמאָספער, וואָס מען קען זיך ניט אויסהיטן אין איר צו עטעמען. מיר עטעמען גאַנץ אַנדערע זאַכן, ווי אין די פריערדיקע יאָרהונדערטער און מיר גייען אַריבער אָן אַ פּאַרמיטלער פון אַן אַנטיקער דערציאונג אין דער וועלט אַריין, וואָס איר זעט. דער שפּרונג איז צו שטאַרק. מען פאַרלירט דעם קאָפּ און מען ווערט וואָס איר זעט נאָך אויך מסתמא...”

אַזוי זיך ווערנדיק שרייבט ער זיין „מעדיטאַציע” צו בייראָן וואָס ברענגט מיטן גאַנצן יראת הכבוד, וואָס לאַמאַרטין האָט פאַר בייראָנען, עפּעס פון לאַנגן מוסר, וואָס מאַכט אונדז זיך פילן אומבאַקוועם. „דער דענקנדיקער אַטאָם” איז לכתחילה בעל כרחו געגאַנגען מיטן שטראָם, און מוסרט דעם דעמאָנישן רעבעל, צו מאַכן שלום מיט „דער אימענסיטעט”.

„דער אינזעקט איז ווערט אַ וועלט; ער האָט געקאָסט אַ וועלט!”

„די מעדיטאַציעס” האָבן געבראַכט אַ נייעם טאָן אין דער פראַנצויזישער פּאָעזיע און דאָס איז פון הוגאָ און אַלע אַנדערע תיכף דערקענט געוואָרן. סעינט־בעוו האָט מיט פופציק יאָר שפּעטער אין רעמיניסצענצן פון יענע טעג דערציילט אין זיינע „שמועסן אין מאָנטאָג” (Causeries de Lundi):

„מען איז פּלוצים אַריבערגעגאַנגען פון אַ טרוקענער, מאָגערער און אָרעמער

פּאָעזיע, וואָס האָט פון צייט צו צייט קוים אַ זשיפּע געטאָן צו גרויסער פּאָעזיע, אינערלעך פול דערהויבן און לגמרי געטלעך".

איך ווייס ניט, אויף ווי ווייט לאַמאַרטינ׳ס אייגענע באַהויפּטונג איז ריכטיק, אָבער ער זאָגט: „די פּאָעזיע איז ניט געווען מיין באַרוף, זי איז געווען אַ צופאַל, אַ גליקלעכע אַוואַנטורע, אַ מזלדיקער שטריך אין מיין לעבן". עס מעג אפשר זיין אמת, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין פעאיקייט צו זעלבס־קריטיק און צו אויסאַרבעטונג. „די מעדיטאַציעס" זיינען אויסערגעוויינלעך מוזיקאַליש, פול מיט אַ מעלאָדישן ציטער, פאַרחלומט, מעלאַנכאָליש. פּאָעזיע, זאָגט ער אין אַ בריוו, דאַרף זיין „ריין ווי די קונסט, טרויעריק ווי דער טויט און ווייך ווי סאַמעט..." ער האָט זי אָפטמאָל דערפירט צו אָט דער שלמות.

דער ראָמאַנטיזם וואָס איז אַ סומע „פון טענדענצן" (וו. ל. פּאַלניע) האָט זיך געצויגן פון 1830—1930.

לאַמאַרטין איז זיין שיינע אָווערטיור.

שאַרלס נאָדיע

די רעוואָלוציע האָט פאַרמאַכט די סאַלאָנען. דריי מאָל האָט מאַדאַם דע סטאעל געפּרואווט אין פּאַריז עפענען אַ סאַלאָן פאַר דער פראַנצויזישער גייסטיקער עליטע, יעדעסמאָל האָט נאַפּאָלעאָן דאָס ניט דערלאָזט. צום סוף האָט ער זי פאַרטריבן. די סאַלאָנען זיינען צוריק געעפנט געוואָרן. איינעם פון זיי האָט געהאַלטן שאַרלס נאָדיע אין אַזוי אָנגערופענעם „אַרסענאַל", וואו ער איז געווען ביבליאָטעקאַר.

„דאָס ראָמאַנטישע קרעמל (La Boutique Romantique) רופט אָן מוסיי דעם דאָזיקן סאַלאָן. דאָ פאַרזאַמלט זיך די יונגע ראָמאַנטיק ווי, וויקטאָר הוגאָ, ער איז דעמאָלט 25 יאָר אַלט, לאַמאַרטין איז עטוואָס עלטער, אַלפרעד דע וויני — עלאַסטיש, מיט אײדעלע קאָנטורן, מיט אַ שטאַרקן באַוואוסטזיין פון כח און יחוס עצמו און יוגנט, פאַרגינט זיך אויסצורופן: „מיינע עלטערן שטאַמען פון מיר, אויב איך שרייב זייער געשיכטע". אַלפרעד דע מוסיי פאַרשווענדט מיט יוגנטלעכער זאָרגלאָזיקייט טאַלאַנט און טרערן, אין פּאַס־יאָנען פון די „נעכט", וואָס קומען שפּעטער. דאָ לעבט ער „די קראַנקהייט פון יאָרהונדערט" (דאָס וואָרט שטאַמט פון אים). אפילו סט. בעוו איז דעמאָלט נאָך יונג און מער באַשיידן ווי שפּעטער, ווען ער האָט געהאַלטן זיין פעדער געציקט ווי אַ חלף איבער די יונגע קעפּ.

ניט אַזוי באַוועגט ווי ניט איינגעאָרדנט איז געווען די יוגנט פון שאַרלס נאָדיע, כמעט אַ צייט־חבר פון מאַדאַם דע סטאעל. זיין ערשטער מקום מנוחה איז די ביבליאָטעק פון „אַרסענאַל" וואו ער איז צוגעגלעך צו די נייע שטרעמונגען און איז — עלטער אין יאָרן, און אין דערפאַרונג, און פאַר אַלעמען אין ערודיציע, אַ מין מורה דרך פאַר די יונגע... גיכער זיי פאָלגנדיק ווי פירנדיק. ער דערמאָנט איבערקנס אין זיינע מאַקאַברע דערציילונ־גען אין ע. ט. א. האָפמאַן. דער לעצטער אפשר מוזיקאַלישער, אָבער גע־שפּענסטלעכער ווי דער עלטערער נאָדיע, דער אײדעלער, דער קענער, דער דערקענער.

אין זיין געדיכט „דער משוגענער פון פּיריי״ איז ער אויסן צו באַווייזן, אַז משוגעת איז אָן שום ספק דער גליקלעכערער מצב פאַרן מענטשן, ווי שכל, וואו דער משוגענער ווערט געהיילט פון אַ לא יוצלח אַ תלמיד חכם „מיט דער עפּעמערער רפואה, וואָס מען רופט שכל און וואָס קען אפשר אויך נאָר זיין אַן אַנדערער מין פון חלום״ דאָס איז חכמה וואָס דער דענקער דער רייפער נאָדיע באַגעגנט זיך מיט איר, אפילו אין דעם „פּרענעטישן פלי פון רעיונות״.

עס קען זיין, אַז שאַרלס נאָדיע איז אַ פאַרלויפער פון סור־רעאַליזם פון אונדזערע טעג.

מיט דער צייט פאַרבלאַסט דער שטערן איבערן „אַרסענאַל״, און שיינט אויף איבער דער רעזידענץ פון וויקטאָר הוגאָ אויף „פּאַלאַס ראָאיאַל״, וואוהין עס שטראָמט די יונגע ראָמאַנטיק, און וואו עס געפינט זיך אַצינד דאָס „מוזעאום וויקטאָר הוגאָ״.

אַלפרעד דע מוסיי

וואָס מער איך לייען מוסיי, אַלץ מער פאַרשטיי איך, פאַרוואָס אַרטור רעמבאָ האָט אים ניט געקענט פאַרטראָגן. פאַר אונדז שטייט דער פויערן־יונג מיט אויגן ווי הימל, מיט רויטע הענט, מיט ערודיציע און אַן אינטע־לעקט, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען די מעגלעכקייט, וואָס דאָס פּראָווינ־ציעלע שאַרלעוויל האָט אים געקענט אָנביטן. אַ מח שטאַרק, און געשליפן, איבערלעבנס־גרויס, מיט אַ פאַנטאַזיע, וואָס איז אַדורכגעפלויגן אַלע זיבעציק הימלען, און אויסגעמאָסטן שבעה מדורי גיהנם פון דער ערד און מיט דער גאַנצער עלאַסטיציטעט פון גוף און פון גייסט, נאָר אומגעלומפּערט, אָן מאַנירן, אָן דעם Savoir vivre וואָס מוסיי האָט באַזעסן אין אַ פולער מאָס.

שטאַמענדיק פון אַן אינטעלעקטועל בורזשואַזער פאַמיליע, טאַלענטירט, מיט גוטע מאַנירן, עלעגאַנטן סטיל, אַדעקוואַטער דערציאונג, איז ער געווען דער היפוך פון רעמבאָ, וואָס האָט, דערשיטערט פון באַוואוסטזיין פון שאַפע־רישע פעאיקייטן, געפילט די אחריות און דעם עול, וואָס איז מחייב. דאָס איז עס, וואָס האָט אים, רעמבאָ׳ן, געטריבן זיך צו קאָנצענטרירן אויפן תמצית, אויפן עיקרדיקן, און וואָס יעדע לייכטקייט, גלאַטיקייט, געזאַנגלעכ־קייט האָט אים אָנגעפילט מיט חשד און שפּעטער מיט ביטול. אָט דער דראַנג, וואָס האָט געשטרעבט צו אַ טאָטאַליטעט, אַרומצונעמען ביידע וועלטן, צו דערגיין פון סוף צו אין־סוף, אויסצופאָרשן דאָס איך, ביז צום פאַרלוסט דערפון, ביים דערטראַנקען ווערן אין ניט־איך; מיט זיין שטרעבן צו דערגיין צום אומבאַקאַנטן — אַלפרעד דע מוסיי איז געווען אומבאַשווערט פון אַזעלכע סכנות פון דער ראָמאַנטיק, און האָט זיך מיט פיזישער גראַציע באַוועגט אויף דער אויבערפלאַך אין די קאָמעדיעס, פאַרן טעאַטער, וואָס שפּילט זיך אָפּ צווישן גראַפן און מאַרקיזעס, אויפן בולוואַר סט. זשערמען, און די טואילעריען אאַז״וו.

די ראָמאַנטישע פּאַסיאָנען פון האַרצן דערציילט ער דירעקט אָן שום צוריקהאַלטונג, אָן רמזים, מיט אַ ווירטואָזיטעט פון שפּראַך מיטן פלי פון

פאַנטאַזיע און מיט אַלירן פון דער „גאָלדענער יוגנט״, קולטיווירט, געפּלעגט און צוגעצויגן צו פּרויען מיט אַ שטאַרקער אַטראַקציע פאַר זיי. דער פרילינג פון אַ יונגער פּאָעזיע פאַלט צונויף מיט דער יוגנט פון זיינע יאָרן.

אַזוי פאַרעפנטלעכט דער דאָזיקער „פּרינץ סאַן זשען״, קודם כל אַ זאַמלונג פון דערציילונגען פון שפּאַניע און איטאַליע, פול מיט פאַרב און עראָטישן פיבער, וואו ס׳שווימלט פון שוואַרצע אויגן און מאַנטילן, טאַנץ און וויין, אַריסטאָקראַטן, ליבע און פאַרפירונג. דאָס אַלץ דערציילט, נאָך דעטאַשירט, מיט אַ שפּריץ איראָניע, דער ליבלינג פון געטער און פון ראָ־מאַנטיקער.

ער זוכט נאָך, פאַרזוכט און פלאַטערט אין פאַזשן־קאָסטיום פון סאַלאָן צו סאַלאָן, ער איז טאַלענטירט און אפילו אין זיין ערשטן פּעריאָד זיינען פאַראַן אויסטערלישע שטעלן.

אַלפרעד דע מוסיי האָט צוויי פּעריאָדן, איינער פאַר דער באַגעגעניש מיט דער עלטערער זשאָרזש זאַנד — און איינער שפּעטער.

ראָמאַנטיקער איז ער אָן כונה און אגב אורחא מאַכט ער חוזק סיי פון קלאַסיקער סיי פון ראָמאַנטיקער. פּונקט ווי אין אַ פלוצימדיקן קאַפּריז, מאַכט ער גאָר טיפע רעווערענץ צו מייסטער מאָליער, אין אַ זייער שיינער פּאָעמע.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די זאַנפטע מוזע מיט וועלכער מוסיי האָלט אַזאַ גרינגלעכן ויכוח אין זיין „נאַכט אין אויגוסט״ קען זיין זייער איינגעשפּאַרט און מאָנט עקשנותדיק און רוט ניט, ביז מען האָט זיך איר ניט אונטערגעגעבן. און אונטערגעגעבן האָט זיך מוסיי. טאַקע אין צווייטן טייל פון זיין דראַמע נאָכן איבערברוך מיט זשאָרזש זאַנד, וואו ער דערפילט דאָס, וואָס האָט לויט זיינע אייגענע ווערטער געפעלט: „איך פיל — זאָגט ער צו זיין ברודער פּאָל דע מוסיי, עס פעלט מיר נאָך, איך ווייס ניט וואָס. אפשר אַ גרויסע ליבע? אפשר אַן אומגליק? אפשר ביידע?״ אַלץ האָט זיך דערפולט אין דער באַגעגעניש מיט זשאָרזש זאַנד. לייד און ליידנשאַפט האָבן געמאַכט אַ פּערפעקטן דאַנדי און אַ פּערפעקטן דיכטער.

אַלפרעד דע וויני

עס קען געמאָלט זיין, אַז מען קען די דאַטע פון פראַנצויזישן ראָמאַנ־טיזם צוריקברענגען צו די טעג: ווען פּאַסקאַל פּאָלעמיזירט מיט דעקאַרטן ווען ער זוכט צו באַווייזן, אַז „דאָס האַרץ האָט טעמים פון וועלכע דער שכל ווייסט גאָרנישט". אפשר זיינען אין יענע טעג שוין פאַרזייעט געוואָרן די זאָמען וואָס האָבן מיט אַן ערך הונדערט יאָר שפּעטער געבוירן די זאַפטיקע פרוכט וואָס מיר קענען אונטערן נאָמען „פראַנצויזישע רעוואָלוציע".

אין דער ליטעראַטור איז מען געוואוינט צו באַטראַכטן די געבורט פון ראָמאַנטיזם אין פראַנקרייך מיטן זיג פון הוגאָ׳ס „הערנאַני" אין דער „קאָמעדי פראַנסעז" דעם פראַנצויזישן מלוכה־טעאַטער. דאָס איז געווען אין פעברואַר 1830. שוין אין יאָר 1829 שטעלט אַלפרעד דע וויני זיין „אָטעלאָ" אין דעמ־זעלביקן טעאַטער.

מיט דע וויני איז מען פשוט אין פאַרלעגנהייט ווי אַזוי אים צו קלאַ־סיפיצירן. ווייל ער קען פונקט אַזוי באַלאַנגען צו אונדזערע טעג דהיינו צו מאַלאַרמיי און וואַלערי ווי צום הומאַניזם פון 17טן יאַרהונדערט. דאָס איז ניט קיין סתירה. אין זיינע „באַטראַכטונגען איבערן אמת אין דער קונסט" זאָגט דע וויני: „דאָס שטודיום פונעם אַלגעמיינעם גורל פון דער געזעלשאַפט איז אין די היינטיקע טעג ניט ווייניקער נויטיק אין די שריפטן ווי אין דעם אַנאַליז פון מענטשלעכן האַרצן. (ער זאָגט דאָס אין אָנהויב פון ניינ־צענטן יאָרהונדערט). מיר געפינען זיך אין אַ צייט וואו מען וויל דער־קענען וואו מען זוכט דעם קוואַל פון אַלע שטראָמען. בפרט אין פראַנקרייך האָט מען ליב די געשיכטע און די דראַמע, אין דערזעלביקער צייט. ווייל די ערשטע גייט צוריק צו די ווייטע גורלס פון דער מענטשהייט, די צווייטע צום באַזונדערן גורל פונעם מענטשן... און אפשר איז עס ביי רעליגיע צי פילאָסאָפיע, ביי ריינער פּאָעזיע, וואו מען דאַרף אָנפרעגן וועגן דעם, וואָס עס גייט אַריבער דעם סוף כל אדם, מחוץ פון צייט, עד לנצח. אין די דאָזיקע לעצטע יאָרן (אפשר איז דאָס נאָר אַ פועל יוצא פון אונדזערע פּאָליטישע

באַוועגונגען) האָט די קונסט זיך אויסגעליען ביי דער געשיכטע מער ווי תמיד. מיר האַלטן אונדזערע אויגן פיקסירט אויף די קראַניקן, גלייך ווי מיר וואָלטן דערגאַנגען צו דער ווירקליכקייט פון גרויסע זאַכן; שטעלן מיר זיך אָפּ פאַר אַ מאָמענט כדי זיך אָפּצוגעבן אַ דין וחשבון איבער אונדזער יוגנט, און אונדזערע טעותים. בכדי צו פאַרגרעסערן דעם אינטערעס האָט מען געמוזט צוגעבן פון זכרון, אויב איך האָב געגלויבט צו דאַרפן אימיטירן דאָס פרעמדע...״

דאָס לעצטע איז אַן אילוזיע צו דעם ויכוח, וואָס איז אָנגעגאַנגען, צי דאַרף פראַנקרייך זיך אויסלייען פרעמדע עלעמענטן צו איר פאַראייניקונג. און צווישן אַנדערע קאָנסערוואַטיווע האָט אויך לאַקרעטעל אויסגערופן: פראַנקרייך איז מקריב דער ראָמאַנטישער משוגעת דעם פראַנצויזישן גייסט!...

***

אַלפרעד דע וויני איז אַן איינזאַמער. ער האַלט די מענטשן פאַר גלייכגילטיק אָדער פיינטלעך, די נאַטור פאַר קאַלט און פרעמד און גאָט — ווייט, הויך איבער זיבן הימלען.

. „אויב גאָט עקסיסטירט, שטום און בלינד און טויב פאַרן געשריי פון דער קרעאַטור...״

ער קלאָגט אַן דעם רבונו של עולם ווייל אַלץ וואָס איז פאַראַן ליידט און אַלץ וואָס געפינט זיך אויף אַ העכערער מדרגה ליידט אויף אַ העכערן אופן. כרחם אב על בנים איז ניטאָ. פאַראַן ביטול און יאוש, אַ רואיקע פאַרצווייפלונג, אַן קאָנוואולסיעס פון כעס, אַן פאָרוואורף, דאָס איז די חכמה אַליין.

אָט איז אַן אויטאָביאָגראַפיע. קאַלט צוריקגעהאַלטן, און סטאָאיש־שטאָלץ, פון אַ האַרץ ווי שטאָל. זיכער ניט קיין ראָמאַנטישער צוגאַנג.

ער קלויבט פאַר זיך אויס די מיליטערישע קאַריערע, די קאַריערע פון געהאָרכן אפילו אויב מען פאַרשטייט ניט. „אַזאַ גזרה הענגט איבער אונדז״. און דער כבוד הייסט שווייגן און ליידן.

„איך האָב מיך געזוכט אונטערצוגעבן מיט אַ מאָנסטרעזער רעזיגנאַציע צו אַ „פאַסיווער געהאָרכזאַמקייט״ טראַכטנדיק צו וועלכע געטלעכע הויכן

ער שטייגט אַרויף, און אַזוי ווי סאָציאַלע אָרדנונג איז באַזירט אויף געהאָרכ־זאַם...״

ער איז זיך מודה אַז ער האָט געדאַרפט זיך באַנוצן מיט כל המיני טענות און פּאַראַדאָקסן כּדי צו דערגרייכן אַז זיין נשמה זאָל דערמיט שלום מאַכן. „איך בין געווען אַ לוי פון פופצן יאָר״ *), שרייבט ער פּאַטאַליסטיש, כמעט גריכיש. אָבער ניט ראָמאַנטיש.

מיד ווערנדיק פון מיליטער, באַשליסט ער זיך ווידמען דער ליטעראַטור. ער ווערט אַריינגעצויגן אין ראָמאַנטישן ויכוח, רעדט וועגן דער ראָלע פון פּאַריאַס, וואָס די דיכטער שפּילן אין דער געזעלשאַפט. און נאָך אַ לאַנגער קייט פון אַנטוישונגען און קריזיסן פּראָקלאַמירט ער זיין גלויבן אין פּראָ־גרעס און אין דער פרייהייט פון מענטשלעכן געוויסן.

זיינע טעמעס זיינען צום טייל ביבליש־אַנטיקע. משה, שמשון, יפתח׳ס טאָכטער, דער מבול. דער אוניווערסאַלער באַגריף פון איבערלעבנסגרויס רעדט פאַר אַלע איינזאַם־שטאָלצע, מעכטיקע אין זייער איינזאַמקייט און זיך בעטנדיק ביי גאָט:

„באַשאַפער, לאָז פאַרגיין מיך אין שלאָף, דעם שלאָף פון דער ערד,
איך לאָז רעגענען פייער איבער קעפּ פון די מלכים,
קניענדיק וועט דער עתיד דערפילן די געזעצן, אַנטיקע פון ימי קדם,
עפן איך די קברים, טויט דערהערט מיין קול, דאָס קול פון נבואה,
איך בין גאָט און האַר, איך שפּאַן איבער פעלקער,
דורות גאַנצע, שאַפט מיין האַנט, און פאַרטיליקט גאַנץ אַליין זיי,
איך בין גרויס, גרויס בין איך, לאָז מיר פאַרגיין מיטן שלאָף פון
דער ערד, גאָט און האַר!״

די פּאָעמע „יפתח׳ס טאָכטער״ האָט עפּעס פון גריכישן פאַטאַליזם, ביז ער דערגרייט צו „העלענאַ״, „די דרואַד״, „דער שניי און דאָס האָרן״. לעגענדן, זעלטזאַמע געשיכטן. „עלאָא״, דער מלאך וואָס ווערט געבוירן פון ישו׳ס אַ טרער, דער מלאך, וואָס איז זיך מקריב צום שטן, כדי אים צו ראַטעווען, איז פאַר מיר אַביסל אַ פאַרסירט קריסטלעכע טעמע.

*) די לוויים האָבן באַדינט די כּהנים אין בית־המקדש.

אַלפרעד דע ווינ׳י איז פאַר אַלעמען אַ דענקער פון לעבן, נאָבל, צוריק־געצויגן, צוליב אַנטוישונגען, וואָס ער דריקט אויס אין זיין פאָעמע „דער טויט פון וואָלף״.

„אויב דו קענסט דערגיין, אַז דיין נשמה, זאָל זיין פעאיק צו רעיונות און מחשבות,

ביז צו דער מדרגה פון סטאָאישן שטאָלץ,
איז זיפצן, בעטן ניט כדאי;
דערפיל מיט כח דיין לאַנגע, שווערע באַשטימונג,
אין וועג וואוהין דער גורל האָט דיך געשטעלט,
דערנאָך לייד אַזוי ווי איך לייד, שטאַרב אָן תרעומות״.

וואָס עס וואַרפט זיך אין די אויגן, איז די איינהייטלעכקייט און די איינגעהאַלטנקייט פון דער פיגור.

ער איז אַ דיכטער, ער איז אַ דיכטער־פילאָסאָף, און דערביי אַ ראָמאַנטישער, און אויב מען וויל — די ראָמאַנטיק האָט זיך נאָך ניט אויפגעהערט — אַ סימבאָליסט.

אין זיינע „באַטראַכטונגען איבערן אמת אין דער קונסט״ זאָגט דע ווינ׳י עטלעכע אמתן, וועלכע מיר וואָלטן ניט געוועז דערשטוינט צו לייענען היינט אין וועלכער ניט איז פראַנצויזישער צייטשריפט פון אונדזערע טעג.

אָט למשל ווען ער מיינט, אַז די רעאַליטעט פון פאַקטן דאַרף אָפּט צוריקטרעטן פאַר דער רעאַליטעט פון דער א י ד י י ע. איין פאַרלאַנג איז די ליבשאַפט צו אמת, דער צווייטער די ליבשאַפט צו לעגענדע. אין דעם טאָג וואו דער מענטש האָט דערציילט זיין לעבן דעם מענטשן, איז געבוירן געוואָרן די ג ע ש י כ ט ע.

...„די געשיכטע איז אַ ראָמאַן פון וועלכן דאָס פאָלק איז דער מחבר״.

סטענדהאַל

‫"Arrigo Beyle Milanese" שטעלט זיך סטענדהאַל אויס זיין מצבה, בכדי זיך צו באַשטעטיקן, אַז ער האָט אויסגעקליבן פאַר זיין פאָטערלאַנד איטאַליע און ניט פראַנקרייך, וואו ער איז פאַקטיש געבוירן געוואָרן.

ער באַלאַנגט צום ליבעראַלן פליגל פון דער פראַנצויזישער ראָמאַנטיק. ער פרואווט אַנאַליזירן די געזעלשאַפט, פרואווט דערגיין צו יעדן פון די סטענדהאלס, וואָס ער האָט געלעבט, וועלכע ער איז געווען. זיין שאַרפע אומבאַדינגטע לאָגיק היט אים ניט אָפּ פאַר כימערע, אילוזיע, פאַר חלום, ליידנשאַפטלעך און איביק פאַרליבט, טומלט ער זיך צווישן די צוויי פאָלן פון וועלן זיין טרוקן, ניכטער און דערגיין צו דערקענען, און פון זיין פאַרליבט, אַוועקגעגעבן צו דער גאַנצער סקאַלע פון לייד און ליידנשאַפט, פונעם אומענדלעכן פלאָנטער, פון אַ אינדיווידועל־קאָמפּליצירטן אינסטרומענט.

זיין העלד אין ראָמאַן איז געבוירן נאַקעט, אָן אַ פאָרעם, אָן אַ פּנים, און דערגייט פּאַמעלעך צו קאָנטורן, צו אַ פּרצוף אויף דער לייטער פון זיינע איבערלעבונגען. אַ וועג פון מדרגות, וואָס סטענדהאַל האָט געקענט און אויף וועלכן ער האָט אָנגעצייכנט, ווי ווייט און ווי הויך ער איז דערגאַנגען. וואָס העכער ער שטייגט, נעמט ער מיט דעם סך הכל פון איבערגעלעבטן, וואָס איז געווען כדאי, אָדער כאָטש נאָר דעם פּאַרפיום דערפון. דאָס איז אויך אַלץ וואָס מ׳פאַרמאָגט. די פולקייט פון דער גרויסער איבערלעבונג קען מען לויט סטענדהאלן ניט משיג זיין, אַזוי ווי מ׳קען ניט קוקן אין דער זון. די גאַנצע נשמה קען אויסגיין אין עקסטאַז, אָבער ניט אין זאַטקייט. אָבער סטענדהאַל וויל אַנאַליזירן דעם דאָזיקן עקסטאַז.

ער געפינט זיך שטענדיק באַרג־אַרויף. ער וויל דערלאַנגען צו דער פולער פּערצעפּציע, וואָס הייסט גליק. אָבער אפילו „דאָס לעבן פון גייסט באַשטייט פון פּרימאָרגנס״ און ער חלומט אויף די מדרגות פון זיינע באַ־גריפן דערפון, אַז אין צען יאָר אַרום — דאָס איז געווען דעם 24טן יאַנואַר,

1806 — וועט ער באַהערשן אויף אַזוי ווייט דעם סטיל, אַז ער וועט באַקומען די פעאיקייט צו זען די פולע קוואַלן פון אמת. דאָס איז דער מיטל זיך ניט צו לאָזן אַוועקפירן דורכן דמיון, און צו פאַרבינדן אַ קאָנסטאַנטן און אַנטשיידענעם זין צו יעדן פון די ווערטער, וואָס דריקן אויס ניואַנסן אין כאַראַקטער... (טאָג־בוך 2, 323.) און ער זאָגט: „אין מיין נשמה איז אַ פייער, זי ליידט אויב עס ברענט ניט". אָבער אַנאַליז זוכט סדר, זוכט צו דערקענען, און דאָס וואָרט איז דער היטער פון פייער און איז גובר די אומפאָרעם, דעם כאַאָס פון פייער. מ׳דאַרף נאָר דערגיין צום זין פון וואָרט.

אַ געפיל פאַר יעדן וואָרט אָבער אויך איין איינציק וואָרט פאַר יעדן סענטימענט, דאָס דאַרף זיין דער גרויסער פרינציפּ, וואָס נעמט איין דעם אויבנאָן ביי דער שאַפונג פון אַ וואָקאַבולאַר. ער איז מבטל די פאַלשע רייכקייט פון סינאָנימען. גאָרנישט איז אַזוי צווידער ביים לערנען פון אַ שפּראַך ווי די זינדיקע פילפאַכקייט פון סינאָנימען. „די זינדיקע פילפאַכקייט פון סינאָנימען רוף איך אָן סינאָנימען, וואָס האָבן פונקט דיזעלביקע באַדייטונג. די פעדאַנטן רופן דאָס אָן רייכקייט פון שפּראַך. אַ וואָקאַבולאַר ריכטיק געמאַכט וואָלט אונדז באַפרייט פון דער דאָזיקער רייכקייט".

„...און אויב מען באַטראַכט אַזוי ווי ווערטער־סינאָמען קאָרעספּאָנדענטן פון פאַרשידענע דיאַלעקטן אָדער פאַרשידענע פרעמדע שפּראַכן, קען מען זיך פאָרשטעלן אַ טאָטאַליטאַרע סימפּליפיקאַציע, וועלכע עלימינירנדיק אַלע עקוויוואַלענטע אויסדרוקן חוץ איינעם, וואָלט זי געשאַפן אַן אוניווערסאַלע שפּראַך... אַזוי וואָלטן מיר געוועזן אָפּגעהיט פאַר פאַרווירונגען, קיין שום עלעמענט וואָלט זיך ניט קענען אַריינכאַפּן צווישן געפיל און דעם אויסדרוק דערפון. דאָס רעאַלע וואָרט וואָלט אויסגעפילט די ליידיקע ליניעס פון פאַפיר און דאָס צו דערקענען וואָלט נאָר געווען אַן איבונג פון סטיל. די אידעאָלאָגיע פון דער וועלט וועלט דערגרייכט דורך גראַמאַטיק".

אַרטור רעמבאָ האָט אויך געחלומט פון אַ וועלט־נשמה, וואָס וועט געפינען איר תיקון אין אַ וועלט־שפּראַך.

סטענדהאַל׳ס ליבע צו מאַטעמאַטיק נעמט זיך פון דער זעלביקער ליבע צו עקזאַקטקייט און — כדי זיך דאָך צו באַנוצן מיט אַ סינאָנים — צו

פּרעציזקייט. מאַטעמאַטיק איז דער „קעניגלעכער וועג פון גייסט״. און נאָוואַליס זאָגט: „מאַטעמאַטיק איז די שפּייז פון די געטער״.

שפּעטער ווערט יוריספּרודענץ סטענדהאַל׳ס הויפּט־אינטערעס, ווייל זי רעגולירט די מענטשלעכע ענינים. און אפשר זיינען עס ווידער די פּרעציזע פאָרמולירונגען, וואָס זיינען נושא חן אין זיינע אויגן? דער Code Civil איז עפּעס אויך ניט קיין הערמעטישער ענין, אויב דער פּירוש איז דעם רב׳ס אָדער דעם ריכטערס. ווערט סטענדהאַל׳ס ליבעראַליזם אָנגערירט און ער פרעגט זיך צי איז ניט געווען מער יושר אין יענע שיינע תקופות ווען דער מענטש האָט גענומען דאָס רעכט אין זיינע אייגענע הענט? „אויב מ׳דערקענט דעם מעכאַניזם פון די גרויסע פּאַסיאָנען, וואָס איז גורם דערצו, אַז די מענטשן זאָלן האַנדלען, קען דער לערנענדיקער אידעאָלאָג מנצח זיין אין יעדער סיטואַציע. ער פאַרענטפערט די רעטעניש פון התנהגות, דרינגט אַריין אין סוד פון האַרצן: באַנקיר, ליבהאָבער, פּרעמיער מיניסטער — ער פאַרמאָגט אַ העל־זעעוודיקייט, וואָס ברענגט אים אַלע נצחונות״.

רעמבאָ האָט געוואָלט דערגיין צום אומבאַקאַנטן, סטענדהאַל האָט גע־וואָלט דערקענען. טעאָרעטיש דערקענען איז אומקלאָר, טאָ ווי קען מען זיין זיכער מיט דער עקזאַקטקייט פון אינטענסיטעט? דעריבער קענען מיר ניט דערקענען דעם פּועל יוצא: די התנהגות פונעם מענטשן, פאַרוואָס איז דער מענטש זיך נוהג אַזוי און ניט אַנדערש...

אַנרי בעילע (דאָס איז געווען סטענדהאַל׳ס ציווילער נאָמען) האָט מיטגעמאַכט די פעלדצוגן און געזען דעם צוזאַמענברוך פון „לאַ גראַנד אַרמיי״. גאַלאַנט און אָן מיטלען, באַגעגענען מיר אים ווידער אין איטאַליע וואו ער פּרוּווט שרייבן וועגן איטאַליענישער מאַלעריי, איבער מאָצאַרט, אָבער ערשט די אַרבעט וועגן „ראַסין און שעקספּיר״ ציט צו אַביסל אויפֿ־מערקזאַמקייט. אין יאָר 1830 קומט אַרויס זיין מייסטערווערק “Le Rouge et le Noir”. ער טרעט אַריין אין דיפּלאָמאַטישן דינסט און אין 1840 קומט אַרויס זיין ראָמאַן “La Chartreuse de Parmé”, וואָס ווערט פון באַלזאַקן געלויבט אין הימל אַריין. ער איז סוף כל סוף עטאַבלירט, און שליסט אַ אָפּמאַך מיט דער “Revue des deux Mondes”.

דעם 22טן מערץ, 1842, פֿאַלט ער מיט אַ האַרץ־אַטאַק אינמיטן גאַס פֿון פּאַריז.

„שטאַרבן אינמיטן גאַס איז גאַרנישט קאָמיש, אויב מען טוט דאָס ניט בכיוון...״ באַמערקט ער טרוקן אין אַ קאָנווערסאַציע.

„...איך ווייס גאַרנישט וועגן זיך אַליין, און ווען איך טראַכט דערפֿון אינמיטן נאַכט, וואַרפֿט עס מיך אַריין אין מרה שחורה. בין איך גוט, שלעכט, אינטעליגענט צי נאַריש?״ פֿרעגט זיך סטענדהאַל אין אָנהייב פֿון „דאָס לעבן פֿון הענרי ברילאַר״. און ער הויבט זיך אָן צו זוכן: „וואָס פֿאַר אַ מענטש בין איך? האָב איך שכל? האָב איך שכל מיט טיפֿקייט? איז מיין גייסט אויסערגעוויינטלעך? באמת איך ווייס גאַרנישט וועגן דעם. נאָך מער, וואָס מער עס קומט פֿאַר אין מיר בייטאָג, אַלץ ווייניקער טראַכט איך וועגן די דאָזיקע פֿונדאַמענטאַלע פֿראַגן בייגאַכט...״(Souvenir d'Egotisme)

זיינע „זכרונות פֿון עגאָטיזם״, זיינע בריוו, זיינע ווערק גיבן דערויף אַן אויספֿירלעכע און אַדעקוואַטע תשובה. אַלץ וואָס ער שרייבט, טוט ער „געצוואונגען אַזוי ווי פּיטיאַ״. ער האָט באַזעסן אַ ווילן זיך אַליין צו דער־קענען, און — אויב דאָס וואָרט מיינט נאָך עפּעס אין אונדזערע טעג — דערמיט צו דערקענען די נשמה פֿונעם מענטשן.

דער קוואַל פֿון דערקענען איז דער קוואַל פֿון זיין ליבע, ליבע צו זיין שוועסטער פּאָלינע, וועלכע ער הערט ניט אויף מדריך צו זיין סיי בנוגע בילדונג, סיי בנוגע זיטן, זיטלעכקייט, און סוף כל סוף זיכערקייט, וואָס ער זעט נאָר אין דעם גוט אויסגעטראַכטענעם וועג פֿון אַ גוטן שידוך פֿאַר איר. ליבע צו אַ גאַלעריע פֿון פֿרויען, וואָס ער באַגעגנט אויף זיין וועג: מעלאַניע גילבער, אַנדזשעלאַ פּיטראַגרוא, וויקטאָרינאַ, אאַז״וו. ער איז סענטימענטאַל, פּאַסיאָנירט, מיט אַן אייביקער מורא זיך ניט צו פֿאַרראַטן. ער לעבט, אָבסערווירט, שאַפֿט צווישן די שורות. נאָך דער רעוואָלוציע, נאָך נאַפּאָלעאָן וועמעס פֿעלדצוגן ער מאַכט מיט, שאַפֿט ער אין אַן אַטמאָספֿער פֿון נאָכווייען, נאָכקלאַנגען אין דער געזעלשאַפֿט.

זשיליען סאָרעל, דער העלד אין „רויט און שוואַרץ״, איז אַ זון פֿון פּויערים, אַן עילוי אין לאַטיין, וואָס טראַכט וועגן אַן עקלעזיאַסטישער קאַ־ריערע מיט פֿאַרבאַהאַלטענער התלהבות פֿאַר נאַפּאָלעאָן. ער אונטערנעמט אַן

אמתן פעלדצוג צו געווינען די ליבע פון דער אַריסטאָקראַטישער מאַדאַם דע רענאַל, אויסגעטראַכט דורכן מח, לויט דעמאָלטיקער מאָדע פונעם אַזוי אָנגערופענעם „שוואַרצן ראָמאַן”, בכדי צו דערלאַנגען צום ציל.

אין זיינע יונגע יאָרן שטודירט ער מאַטעמאַטיק, ווייל עס איז ניט פאַראַן קיין מעגלעכקייט פאַר היפּאָקריזיע אין מאַטעמאַטיק. אַלץ וואָס איז אומקלאָר, מיסטיש, איבערטרייבונג, האָט ער פיינט בתכלית השנאה. אַזוי שרייבט ער צו זיין שוועסטער וועגן דעם בוך „השפעה פון ליידנשאַפט אויפן גליק” פון מאַדאַם דע סטאַעל:

„דאָס ווערק האָט צוויי אָדער דריי הויפּטפעלער. אַלע קענען צוגעשריבן ווערן צו איין מקור, איבערטרייבונג. מאַדאַם דע סטאַעל איז ניט קיין סענסי־טיווער מענטש, און זי האָט זיך געהאַלטן פאַר זייער סענסיטיוו. זי האָט געזוכט צו זיין זייער סענסיטיוו אין די געהיימע ערטער פון איר האַרץ, זי האָט דאָס געמאַכט פאַר איר שטאָלץ, פאַר אַן ערנזאַך, פאַר אַן אַנטשולדיקונג, צו זיין זייער סענסיטיוו, דעריבער האָט זי געמוזט איבערטרייבן.

...וואָלט מאַדאַם דע סטאַעל ניט געזוכט צו זיין מער ליידנשאַפטלעך ווי נאַטור און פרייע דערציאונג האָבן פון איר געמאַכט, וואָלט זי אפשר געשאַפן מייסטער־ווערק”.

ווי צוטרעפנדיק די דאָזיקע אָפּשאַצונג — אָן פּרעטענסיעס, ווי ריכטיק זי איז, קענען נאָר שפּעטערדיקע דורות באַאורטיילן. מאַדאַם דע סטאַעל מיטן גאַנצן פילאָסאָפישן באַגאַזש פון אַכצנטן יאָרהונדערט האָט נאָר בעל־כרחה איבערגענומען די שלעגעלישע מיסטיפיקאַציעס און מיסטיציזמען, וואָס זיינען געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיטן ערגאָטיש־אינדיווידועלן, געטריבן ביז צום אַבסורד. איר אויסרוף ביי אַ שיינעם זון־אונטערגאַנג אין גאָלף פון נעאַפּאָל: „איך שענק אייך דאָס אַלץ פאַר איין גוטער קאָנווערסאַציע...” ווייזט בולט, אַז זי האָט באַלאַנגט צו וואָלטערן; אָבער געשוואוירן האָט זי אויף רוסאָ.

נאָר סטענדהאַל אַליין, וואוהין באַלאַנגט ער? שאַטאָבריאַן, זיין „זשעני פון קריסטנטום”, איז אים אַזוי ווייניק צום האַרצן, ווי עס זיינען די שלעגעלס מיט זייער פוסטער גאווה און זייער אָבסקוראַנטיזם. ער איז פון אַן אַנדערן קאַליבער. די באַרעדעוודיקייט פון די ראָמאַנטיקער האָט ער ניט געקענט

פּאַרטראַגן. ער איז געווען אַ באַטראַכטער און אַ דורכטראַכטער. דעריבער איז ער געווען אַן אַנאַליטיקער פון דער געזעלשאַפט, און אַן אַנאַליטיקער פון זיין אינערן איך; פון אַ געזעלשאַפט נאָך גאָר ניט געפאָרעמט, גאָרניט סטאַביל, גאָרניט סטאַטיש.

נאָך דער רעוואָלוציע, נאָך נאַפּאָלעאָנען, איז די געזעלשאַפט דערווייל אַן ירושה. סטענדהאל איז יונג מיט איר, וואָס פּרואווט זיך פאָרמען און עס געלינגט איר אַזוי שלעכט. און אַט די נאָך ניט געוואָרענע פּאַטענצן פּרואווט סטענדהאל זען און זיי פעסטהאַלטן. און ער ווערט דער אויסדרוק פון זיין צייט. זיין צייט, זיין געזעלשאַפט באַשטייט פון פראַגמענטן, באַוועגט ער זיך צווישן די פראַגמענטן און אַנאַליזירט זיי. זיין גייסט איז טרוקן און באַוועגלעך, קנאַפּ און פּרעציז; זיין סטיל איז נאַפּאָלעאָנס.

ער איז פאַרליבט אין איטאַליע און שטעלט זיך אויס אַ מצבה: .Arrigo Beyle Milanese

מילאַנאָ און אָפּערע. דאָרט זעט ער זיך מיט בייראָנען וועמענס עקס־פּרעסריווער פּנים בשעת אַ פאָרשטעלונג מאַכט אויף אים אַן איינדרוק, אַז ער וואַגט ניט זיך מיט אים צו באַקענען (זייער באַגעגעניש קומט פאָר שפּעטער).

נאָך מילאַנאָ קומט ווידער פּאַריז .

כמעט יעדער פון זיינע ראָמאַנען זיינען אויטאָביאָגראַפיע. די צענטראַלע פיגור איז ער אַליין, בפרט אין „אַנרי ברילייאר", וואָס איז כמעט אַ בוך פון זכרונות. זשיליען סאָרעל אין „רויט און שוואַרץ" איז אַוועקגעשטעלט צווישן די צוויי הויפּט־פאַקטאָרן אין דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט — רויט מיינט מיליטער און שוואַרץ די קירכע. — אויף דעם שוואַרץ און רויט קאָלירטן הינטערגרונט איז דער ראָמאַן אויפגעבויט. דער גאַנצער שפּיל פון געשיכטע, פון אינטריגעס, פון האַזאַרד, פון געלעגנהייטן און פאַרפעלטע געלעגנהייטן, אַלץ געזען, געלעבט פון זיין העלד, פון זשוליען סאָרעל: „דיין וועג וועט זיין שווער", זאָגט אבבע פּיראר צו זשוליען. „פאַראַן עפּעס אין דיר, וואָס איריטירט דעם וואולגאַרן מענטשן". דאָס איז נאָר אַ קליינער „אַפּערסי", אַן איינבליק אין געוועב פון מענטשלעכע אַוועק־

סיעס, וואָס ווערן אַריבערגעטראָגן, ניט געזען, הגם אומעטום פֿאַראַן אויפֿן שאַך־ברעט פֿון „רויט און שוואַרץ".

ער איז געווען אַ גרויסער רייזנדער, אַ גרויסער עפּיקורעיער, וואָס האָט זיך שטענדיק געפֿונען אויפֿן גייעג נאָך פֿאַרגעניגנס, אַלע פֿאַרגעניגנס:

1. די פֿאַרגעניגנס פֿון איטאַליע, וואָס מיינט אָטעמען ריינע און ווייכע לופֿט; 2. זען די הערלעכע פּייזאַזשען; 3. האָבן a bit of love; 4. זען שיינע בילדער; 5. הערן שיינע מוזיק; 6. זען שיינע קירכן; 7. זען שיינע סטאַטועןֹ. נחת פֿאַר די אויגן און תּמיד: ליבע.

און דאַן וויל ער געווינען דאָס גרויסע געווינס, דהיינו: געלייענט צו ווערן אין יאָר 1935.

סט. בעוו רופֿט אים אָן „דער הוזאַר פֿון ראָמאַנטיזם". ער איז אַ שפּעטערער פֿאָרלויפֿער פֿון ראָמאַנטיזם. דורך זיין סענסיביליטעט, אינדיווידואַליזם, זיין נאָסטאַלגיע נאָך דער פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט אַן אַנדערע נאָטע, ווייל עס איז די נאָסטאַלגיע נאָך דער רענעסאַנס, מיט איר נעאָ־פּלאַטאָניזם. עס איז אויך זיין ליטעראַרישער קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס איז, אַך, אַזוי ווייט פֿון טעווטאָנישער וואָטאַן־זוכעריי אויף אַ קריסטלעכן אופֿן. סטענדהאַל׳ס אינדיווידואַליזם דריקט זיך אויס אין זיין אוראייגנטלעכן אופֿן צו זען, צו איבערלעבן, צו דערגיין, און זיין ראָמאַנטיזם פֿאַרבינדט ליטעראַרישן ליבעראַליזם מיט פּאָליטיק. זיין בוך „וועגן ליבע" האָט נאָר געהאַט במשך פֿון צען יאָר זיבצן קויפֿער, און איינער פֿון זיי איז געווען היינריך היינע, און דער צווייטער גוסטאַוו פֿלאָבער.

וויקטאָר הוגאָ

וויקטאָר הוגאָ איז געבוירן געוואָרן אין בעזאַנסאָן אין יאָר 1802. אין זיין פריער יוגנט פאָלגט ער נאָך זיינע עלטערן קיין שפּאַניע, וואָס גיט זיינע שפּעטערע שאַפונגען אַן אייגנאַרטיקן קאָלאָריט. זיין דראַמע „הערנאַני״, וואָס האָט אין פראַנקרייך אַנטשידן דעם זיג פון די ראָמאַנטיקער קעגן קלאַסיציזם, איז געבויט אויף אַ שפּאַנישן הינטערגרונט. פאָלגנדיק זיין פאָטער אין פאַר־שידענע גאַרניזאָנען (קאָרסיקאַ, עלבע, נעאַפּעל) איז זיין יוגנט געווען כמעט נאָמאַדיש. פונדעסטוועגן איז די דערציאונג זיינע און פון זיינע צוויי ברידער געווען אַ גוט פונדירטע.

שוין אַלס שול־ייִנגל האָבן זיך באַוויזן ביי אים ליטעראַרישע אַמביציעס. צו פופצן יאָר האָט ער שוין געהאַט אָנגעשריבן אַ שורה פון פּאָעמעס, אָדן, סאַטירעס, אַ טראַגעדיע Istamene און אַנדערע. פאַר איין פּאָעמע האָט ער געקראָגן אַן אויסצייכענונג פון דער פּאַריזער Academie Francaise. אין 1819, זיבעצן יאָר אַלט, קריגט ער אַ פּרעמיע פון דער Academie Jeux Flauraux אין טולוז. אין דעמזעלבן יאָר גרינדעט ער מיט זיינע צוויי ברידער דעם זשורנאַל Consérvateur Littéraire און הויבט אָן שרייבן זיין ערשטן ראָמאַן Bug-Jargal אויף דער טעמע פון אַ רעוואָלט פון די נעגערס אין סאַן דאָמינגאָ. אין 1822 פּובליקירט ער אַ זאַמלונג פון אָדן און קריגט דערפאַר אַ יערלעכע פּענסיע פון לודוויג דעם 18טן. אין דעמזעלבן יאָר האָט ער חתונה מיט א יוגנט־ליבע אַדעל פושיי.

וויקטאָר הוגאָ פאַרמאָגט צוויי אייגנשאַפטן וואָס גייען ניט תמיד צו־זאַמען. מעטאָדיק און פאַנטאַזיע. דערצו קומט אָן עקזאַקט אויער פאַר ריטעם, וואָס באַשטימט אים צו שרייבן זיינע דראַמעס אין פערזן. דאָס ווערט דער ראָמאַנטישער נוסח, וואו ער איז ווידער אויף מנצח קעגן די קלאַסיקער. ער פאַרמעסט זיך, און מיט קאָמפּעטענץ אויף יעדן צווייג פון ליטעראַטור. שרייבט באַלאַדן, דראַמעס, ראָמאַנען, קריטיק. ווייזט זיך אומעטום אַרויס באַהאַוונט און גילטיק.

דער עלטערער, אפשר דיפערענצירטערער שאַרלס נאָדיע מוז פּלאַץ מאַכן דעם נײַין און צוואַנציק־יעריקן וויקטאָר הוגאָ, צו ווערן דער שעף פֿון דער יונגער ראָמאַנטיק. צו די אויבנדערמאָנטע אייגנשאַפֿטן, דהיינו מעטאַדיק און פֿאַנטאַזיע קומען נאָך צו די פֿעאיקייט צו דענקען, אפשר נאָך געירשנט פֿון קלאַסיציזם, די פֿעאיקייט אויפֿצושטעלן פּראָבלעמען פֿון סאָציאַלן לעבן, און בהסכם מיט זײַן נײַער אמונה (דער ראָמאַנטישער) צו ווען דערגיין צו די רעטענישן פֿון אוניווערס.

וויקטאָר הוגאָ איז געווען אַ מײַסטער אין יעדן זין פֿון וואָרט. ווען ער שרײַבט אַרײַן אין זײַן נאָטיץ־ביכל „איך וויל זײַן שאַטאָבריאַן אָדער קיינער ניִשט", זעצט ער זיך באַלד אַוועק, עס צו ווערן. ווי אַ מײַסטער פֿילט ער פּראָזע און פֿערז, ניט פֿאַרלאָזנדיק זיך אויף זײַן נאַטירלעכן טאַלענט. ער וויל זײַן שריפֿטשטעלער. קיין איין זאַך ניט מער — אָבער מײַסטער־שריפֿטשטעלער. דעם סוד, אַז יעדע שאַפֿונג מוז האָבן אַ רעם און דער שאַפֿנדיקער מוז האָבן גרייטע אויערן מקבל צו זײַן די בשורות, מיט וועלכע ער האָט זיך אַזוי גערן געטיילט, האָט ער באַלד דערפֿילט. פֿון דאַנען נעמט זיך די אײַנגעשפּאַרטע קאָנצענטראַציע מיטן חומר, וואָס איז פֿאַר אַלעמען דאָס וואָרט. פֿון דאַנען אויך די נטיה צו גרינדן חברות, „סענאַקלען", כדי זיך צו טיילן מיט די אויפֿטוען, כדי זיך צו הערן ווען ער לייענט, ווען אַנדערע לייענען אָדער דעבאַטירן איבער די נײַע וועגן, איבער אַלטע און נײַע אמתן, איבער דאָקטרין, איבער אַלעמען.

זײַנע אָדן עטעמען נאָך שטאַרק מיט דעם 18טן יאָרהונדערט. אַ הויך פֿון שאַטאָבריאַן, אַ ניצוץ פֿון לאַמאַרטין. אַלץ איז נאָך גוט און פֿרום, קאַטויליש, לעגיטימיסטיש, אינטימע משפּחה־סוזשעטן.

די באַלאַדן זײַנען שוין מער ראָמאַנטישער נוסח (1826) און ווײַזן שוין אַרויס די פֿאַסצינירונג פֿון פּיטאָרעסקן מיטלאַלטער, בעת אין די „אָריענטאַלן" אַנפּלעקט ער דאָס פּיטאָרעסק־עקזאָטישע. יש אומרים, אַז סײַ די טענצערינס, באַיאַדערן, גירטלען און בורשטינען זײַנען ניט אינגאַנצן עכט, אָבער ווען עס קומט צום נאָרדישן מיטאָס ווערט ער גילטיקער, אמתדיקער.

דער אמתער דרך הישר הוגאָ'ס הויבט זיך אָן מיט זײַן דראַמע אָדער בעסער געזאָגט מיט דער הקדמה צו דער דראַמע „קראָמוועל" (1827).

די דאָזיקע הקדמה גילט אַלס מאַניפעסט פאַר דער יונגער פראַצויזישער ראָמאַנטיק. דער קלאַסישער רעגולאַריטעט שטעלט הוגאָ אַנטקעגן דעם ראָ־מאַנטישן סדר. ער ווערט אַצינד דער אמתער שעף פון דער שול, די יונגע חסידים פון „אַרסענאַל", וואו שאַרלס נאָדיע האָט דאָמינירט מיט ערודיציע און פיינגעפיל, וואַנדערן אַריבער אין רי נאָטר דאַם דע שאַמפּ, אין קאַרטיע לאַטען, וואו עס רעזידירט וויקטאָר הוגאָ.

אין דער הקדמה צו „קראָמוועל" איז וויקטאָר הוגאָ נאָר אַ באַשיידענער באַנייער. אָבער די פאָרמולירונגען זיינען עקזאַקט און קלינגען. בעצם זיינען עס טעאָריעס, איבערגענומען פון ווילהעלם שלעגעלס טעאַטער־קריטיק, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַן אַנטשיידענער קעגנערשאַפט צום פראַנצוי־זישן קלאַסישן טעאַטער. לודוויק טיעק האָט מיט אומגעשליפענער אַראָגאַנץ אין זיין ראָמאַן „וויליאַם לאָוועל" ניט ווייניק חוזק געמאַכט פון קלאַסישן טעאַטער אין פראַנקרייך. מיט גאָר ווייניק יאָרן צוריק איז אויף די שפּאַלטן פון „גלאָבוס" און אַנדערע צייט־שריפטן אַנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע, צי דאַרף פראַנקרייך פאַריוגנט ווערן דורך אויפנעמען פרעמדע עלעמענטן. דאָס האָט אפשר גורם געווען צו היינעס וואָרענען די פראַצויזן קעגן צופיל התפעלות פאַר די דייטשן.

הוגאָ׳ס אַנטוויקלונג מאַכט דורך זיין ערשטן מעטאַמאָרפאָז. פון ראָ־מאַנטישן ראָיאַליסט איז געוואָרן אַ ליבעראַל, וואָס דערנענטערט אים צו סטענדהאלן, וועלכער אַרגומענטירט אויך, אַז שעקספּירישע פאָרמולעס פאַרשטייט היינט דער עולם גיכער ווי ראַסינישע; מאָליער איז אַלטמאָדיש, זאָגט ער, און זיינע פּיעסן זיינען געשריבן פאַר אַ געזעלשאַפט וואָס איז פאַרשוואונדן.

שוין אין יאָר 1825 האָט סטענדהאל אין דריי קאַפּיטלען: ראַסין און שעקספּיר און אין אַ ריי פון בריוו אַדרעסירט „פון אַ ראָמאַנטיקער צו אַ קלאַסיקער" קלאָר געמאַכט זיין שטעלונג קעגן דעם קלאַסיציזם, וואָס האָט זיך לויט זיין מיינונג איבערגעלעבט. הוגאָ קלאַסיפיצירט די עפּאָכן אויף אַזאַ אופן:

„פאַראַן דריי תקופות וואָס יעדע קאָרעספּאָנדירט מיט איר אייגענעם ליטעראַרישן אויסדרוק:

„די פרימיטיווע, וואָס איז נאָך נאָענט צו אָריגינעלער אומשולד און מסוגל צו פירן אַ פּאַסטאָראַל לעבן. זיי זיינען נאַאיוו און פרום. זיי קרעאירן פּאָעטישע פאָרמען ספּאָנטאַן. דאָס איז אַ צייט פון ליריזם.

„די אַנטיקע קאָנסטיטואירט זיך אין מלוכות און די דאָזיקע קאָנסטיטוציע איז גורם צו מלחמות. די פּאָעזיע ווערט די זינגערין פון קריג און העלדנטום, אַנטוויקלט אַ ספּאָנטאַנעם ליריזם וואָס ווערט די העראָאישע פּאָעמע, די זינגערן פון קריג און טראַגעדיע. דאָס איז די צייט פון דער עפּאָפּייע.

„די מאָדערנע תקופה: די קריסטלעכע גייסטיקייט שטעלט דעם גוף אַנטקעגן דער נשמה, די ערד אַנטקעגן הימל. דער מענטש פילט דעם קאַמף, וואָס גייט אָן צווישן אים און די טענדענצן, וואָס זיינען דער סך הכל פון די דאָזיקע צוויי נאַטורן. די דאָזיקע אָפּאָזיציע ווערט דעפינירט אין דער דראַמאַטישער פאָרעם וואו אַלץ וועט זיך אויסדריקן אין דער מאָדערנער פּאָעזיע".

אויף דעם אופן דערקלערט הוגאָ די תקופה פון דער דראַמע.

די טעאָריע פון דער דראַמע. די דראַמע דאַרף אילוסטרירן די קריסטלעכע אידייע פונעם מענטשן וואָס באַשטייט פון צוויי וועזנס: איינס וואָס קומט אום, דאָס אַנדערע איז אומשטערבלעך. דאָס ערשטע איז קערפּערלעך, דאָס אַנדערע עטעריש.

די פאַרמישונג פון די געשלעכטער. פונאַנדערטיילן די געשלעכטער, בכוון, זיי איזאָלירן אונטער דעם, אָדער אַן אַנדערן אַספּעקט פונעם מענטשן, זיי פּאַראַייניקן; דאָס מיינט אויסדריקן די שלמות פון מענטש. די דראַמע מוז אויסדריקן דאָס גראָטעסקע מיטן סובלימען.

דאָס אָפּשאַפן פון די אייגהייטן. די איינהייטן פון צייט און אָרט שטייען אין קעגנזאַץ צו וואַרשיינלעכקייט. אָבער די אייניקייט פון אַקציע, פון „אַנסאַמבל", די איינציקע אמתע, איז באַגרינדעט, און דאַרף דערהאַלטן ווערן.

לאָקאַלפאַרב; דער דעקאָר דאַרף געבן דעם איינדרוק פון לעבן. די היסטאָרישע און געאָגראַפישע פאַרב דאַרף אימפּרעגנירן דעם באַזיס פון דער דראַמע און ניט זיין קינסטלעך אַרויפגעקלעפּט;

די פרייהייט פון דער קונסט; מען מוז פאַרביטן אימיטאַציע, וואָס פאַרשקלאַפט דעם זשעני, באַפרייען דעם סטיל, אויסמיידן טיראַדן. דאָס באַנוצן זיך מיטן פערז איז פונדעסטוועגן אינקאָמפּאַטיבל מיט נאַטירלעכקייט און דער גראַם דאַרף זיין קולטיווירט ווי דער „סופּרעמער חסד" פון אונדזער פּאָעזיע.

עס איז באַוואוסט, אַז וויקטאָר הוגאָ איז געווען אַ צייכנער פון גרויס טאַלענט. זיין זין פאַרן בילדלעכן, פאַר געשטאַלטונג איז געגעבן דערצו, צו פאַראייניקן ביידע קונסטן, מאָלעריי און פּאָעזיע, און די דאַזיקע מעלות באַווייזן זיך אומעטום. אַ באַזונדערע פעאיקייט אויפצוכאַפּן עיקרדיקע ליניעס פון אַ פּייזאַזש, דער טאַלענט פון קאָמפּאָזיציע און פון אַנימירן דאָס געצייכנטע מיט לעבן איז אומגעוויינטלעך. און די אָדן און באַלאַדן (1822) ווייזן אַרויס די שטאַרקע נטיה צום פּיטאָרעסקן, נאָך פאַרשטאַרקט מיט אַ ביסל שווידער. אַז אַ גייסט שלעפּט אַ טויטע מיידל צום טאַנץ אין אַ לבנה־נאַכט — קען קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן... הוגאָ'ס פאַרבן זיינען גרוי און זיל־בער פאַטענצירט דורך לבנה־נאַכט.

אַ נאָוועמבער־בין־השמשות אין אַ רויטן זונפאַרגאַנג וואָס קען צומאָל שפּילן אפילו אין מערב־אייראָפּע אינספּירירט וויקטאָר הוגאָ צו Les Orientales

„אין עפּעס אַ מאָרישער שטאָט אומדערהערט פונאַנדערגעבליט,
און אַ פּאַלמען־ראַקעט צערייסט דעם נעפּל מיט אַ פּייל פון גאָלד".

וואָס מען זאָגט, אַז עס איז שפּאַניע וואָס סוגערירט אים דעם אָריענט, איז ניט דוקא קיין חסרון. עס איז אפשר נאָר שפּאַניע אין דער אידייע, ווייל ער האָט בכלל געשילדערט שטעט, וואָס זיינען געווען אויסגעבורטן פון זיין דמיון און רעמיניסצענצן פון זיין אַמאָליקן לעבן אין שפּאַניע.

באַאיינפלוסט פון וואַלטער סקאָט, פילט הוגאָ אַז ער דאַרף ליפערן זיין היסטאָרישן ראָמאַן. מיט זיין געוויינטלעכער מעטאָדיק נעמט ער זיך גרייטן צו "Notre Dame de Paris".

דער ערשטער וויקאַר, דער אבבע אזשיע איז זיין פריינט און פירט אים איבער דער קאַטעדראַלע און איז אים מסביר די שיינקייטן און די סימבאָליק. ער פאַרשווינדט אויך צומאָל אַליין אין בין השמשות אין אירע טויערן און איז זיך מתבודד אין אירע באַהעלטענישן. פאַר דער תקופה קלויבט ער אויס

די צייט פון לואי דעם 11טן, טיפער מיטלאַלטער מיט אַלע מעגלעכקייטן. אָבער ער איז נאָך אַלץ פאַרטאָן מיט זיינע דראַמעס, איינע פון זיי "Marion Delorme" ווערט אויך גראָד געשפּילט. צום גרויסן פאַרדרוס פון פאַרלעגער קען ער ניט איינהאַלטן דעם טערמין פאַרן ראָמאַן. ער שאַפט אָבער אַ מוסטער־ראָמאַן, אַ מאַלעריי אין פּראָזע, וואָס שטייט ניט צוריק פאַר אַ מאַלעריי פון דעלאַקראָאַ.

Notre Dame de Paris איז געשריבן פון הוגאָ דעם וויזיאָנער, ביי וועמען דיווירקלעכקייט ווערט וויזיע. דער נייער, דער ראָמאַנטישער מיסטיציזם וואָס מאַכט הוגאָ'ן אַריינדרינגען אין די סודות פון דער נאַטור, כדי צו פילן די מיסטעריע, די וויזיע וואָס דערגייט צו אַ מין דעפאָרמאַציע פון געזעענעם, ווען „אין הויף פון די ניסים" אין „נאָטר דאַם" „דערזעט גרינגאָאַר, אַז פאַסאַדן פון אַלטע הייזער ווייזן אים אויס אין שאָטן ווי ענאָרמע קעפּ פון אַלטע ווייבער, געאָרדנט אין אַ קרייז. משונה און בייזוויליק באַטראַכטן זיי דעם טאַנץ פון מכשפים און פינטלען מיט די אויגן..."

אין דעם דאָזיקן הויף האָט מען אויך געקענט זען אַ הונט פאַרבייגיין, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַ מענטשן און אַ מענטשן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ הונט...

עס איז ניט שווער נאָכצווייזן, וואו רעמבאָ האָט זיך אויסגעליען פון הוגאָ'ס אימאַזשן, באַוואוסט אָדער אומבאַוואוסט.

די וויזיע פון גיהנום מיט גלאָקן, טויזנטער ליכטער, איבערשטראָמענדיק פון שרעקלעכן טורעם, וואָס האָבן אויסגעוויזן ווי באַלוסטראַדן פון אַן אימענזן אינעווייניקסטן איוון.

אַן אַקוראַטערע וויזיע פון אַ גיהנום וואָס האָט זיך געדאַרפט אָפּשפּילן פאַר אונדזערע אויגן מיט קנאַפּע הונדערט יאָר שפּעטער האָט מען ניט געקענט געבן....

אָבער עפּעס גייט דאָס לעבן פאָרט ניט כשורה. אַדעלע פושיי איז ניט איבעריק פאַראינטערעסירט אין פּאָעזיע און פּאָעטיק און פילט זיך שטאַר־קער צוגעצויגן צום סאַרדאָנישן סט. בעוו. הוגאָ ווערט אַן מיטאַמאָל צווישן וועלטן, דעם פריינט און די פרוי און זיין זעלבסט־זיכערקייט

קריגט אַ געוואַלטיקן קלאַפּ. דעריבער זיינען „די בלעטער פון האַרבסט" (Feuilles d'Automne) פון אַן אנדערן קאַליבער, רואיק קאָנטעמפּלאַטיוו, אינטים־פּערזענלעך; ער איז נאָך ניט „דער געדאַנק פון פראַנקרייך" (La pensée de France). און אויך ניט „פראַנקרייכ'ס שעקספּיר" (צו ביידע מדרגות האָט ער אַספּירירט). ער צוימט זיך אַביסל, דער גרונט אויף וועלכן די לידער זיינען געשאַפן, איז אַביסל טריב, די אַטמאָספער אומזיכער „אַזוי אַז עס קען זיך אַלץ אויסלעשן אָדער אַלץ אָנצינדן" אַ מצב, וואָס איז ניט רו און ניט באַוועגונג. אומרו, ניט אַקטיוו וואַרטנדיק, רויבנדיק דעם אָטעם.

אין אייראָפּע בכלל ווי עס דערציילט אונדז דער מחבר אין דער תקדמה, גייען אַן אויסטערלישע געשעענישן. פעלקער ווערן פאַרניכטעט, פון אירלאַנד ווערט אַ בית עולם, איטאַליע ווערט צעשטיקלט, סיביר באַפעלקערן די פּאָליאַקן. אַ נייע אמונה, די ראָמאַנטיק ווייסט ניט קיין גרענעצן. רוים, די שטאָט פון אמונה, דאַרף אפשר פאַרבייטן פּאַריז די שטאָט פון שכל. דאָס איז די לייוונט, אויף וועלכער עס צעשיטן זיך הוגאָ'ס „בלעטער פון האַרבסט", געשריבן אין נאָוועמבער 1831. די בלעטער זיינען טאָג־בוך־רעמיניסצענצן ווען „דאָס יאָרהונדערט איז אַלט געווען צוויי יאָר" ביז צו דער אויבן דערמאָנטער דאַטע, ד. ה. ביז צום טאָג פון דערשיינען פון בוך.

די פּאָעמעס ווערן ביי אים אַזוי כלאחר יד. צווישן דראַמע און דראַמע. אַזוי שרייבט ער, צווישן אַנדערע, די דראַמעס Marion Delorme און Hernani אין 1829, Marie Tudor אין 1833, און Ruy Blas אין 1838. און דערווייל פּובליקירט ער די זאַמלונג Chants du Crepuscule פון (געזאַנגען פון בין־השמשות) אין 1835 און Voix Interieures (אינערלעכע קולות) אין 1837.

הוגאָ, וואָס איז געווען קודם כל אַ ליריקער, האָט געחלומט צו ווערן דער פראַנצויזישער שעקספּיר, גלייך ווי ס'וואָלט ניט געווען גענוג צו זיין אַ פראַנצויזישער הוגאָ. אין דער פּיעסע Marion Delorme האָט זשוליעט דרועו די פירנדיקע ראָל. זי באַקענט זיך מיטן מחבר וועמענס געטרייער מלאך זי בלייבט פאַר אַן ערך פופציק יאָר. זי איז די אינספּיראַטאָרין פון אַ טייל פון זיינע פיינסטע שאַפונגען, פאָלגט אים נאָך אין גלות אַריין און טיילט מיט אים פרייד און לייד ביז צום סוף פון איר לעבן. מאַדאַם הוגאָ עקזיסטירט דערנעבן.

עס איז אינטערעסאַנט אין דעם צוזאַמענהאַנג צו דערמאָנען, אַז אַ אידישער פּרינץ אַלעקסאַנדער ווייל, וואָס האָט הוגאָ׳ן געדינט ווי אַ מין לעבעדיקער לעקסיקאָן פאַר דער דייטשישער ליטעראַטור, האָט מיט אים דיסקוטירט פילאָסאָפיש־מיסטישע פראַגן און האָט אים משמעות אַריינגע־פירט אין די סודות פון קבלה — אַלעקסאַנדער ווייל זיינען הוגאָ׳ס ליבע־אַפּערעס ניט געווען צום האַרצן. ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אומבכבודיק פאַר אַ פּאָעט און אַ פראַנצויזישן פּעיר און האָט זיך וועגן דעם זייער מצער געווען.

**
*

צו ווערן אַ גרויסער דראַמאַטורג האָט הוגאָ׳ן זיך בכן ניט איינגעגעבן. אפילו, ווען ער איז שוין געווען אַ פּעיר ד. ה. אַ מיטגליד פונעם סענאַט אין פראַנקרייך און האָט זיך פאַרמאָסטן צו געבן דראַמאַטישן אויסדרוק פון זיינע איבערצייגונגען. אויף דער טריבונע האָט ער אַזוי שטאַרק איבערגע־נומען די מאָס, אַז ער איז אין סענאַט ניט ערנסט גענומען געוואָרן. אין יאָר 1851 רעדט ער פון אַ לאַסטוואָגן צו די זעלנער, באַנעמט זיך זייער מוטיק און ווירדיק, אָבער זשיליעט דרוע פילט, אַז עס איז צייט עפּעס צו טאָן; זי טוט אים איבער פאַר אַן אַרבעטער און שיקט אים איבער דער גרענעץ. אין בריסל קען ער אויך ניט בלייבן און קומט אָן אין אויגוסט 1852 קיין דזשערזי און רופט דאָס אָן „פאַרפלאַנצן זיין פליגל אויף פעלזן״. דאָ שרייבט ער זיין סאַטירע Les Chatiments (די שטראָפן).

עס איז כמעט אוממעגלעך נאָכצופאָלגן אַ ליניע. דאָס האָט אים די נאָכוועלט ניט פאַרגעסן. אויך ניט דעם יצר הרע פון דער אומגעהייערער פּראָדוקטיוויטעט, פון זינגען און זאָגן איבער אַלץ און אַלעמען. די ראָמאַנ־טישע באַריידעוודיקייט, וואָס כאַפּט שטענדיק איבער די מאָס, האָט אונטער אַ באַרג פון דורכשניט פאַרבאַהאַלטן אַ קוואַל פון פּערל. וויקטאָר הוגאָ ווערט לעגיטימיסט אונטער דער רעסטאַוראַציע, אין יאָר 1848 דעמאָקראַט און דערוויילטער דעפּוטירטער צו דער קאָנסטיטואַנטע. ער קעמפט אַצינד קעגן פּרינץ און נאָכן Coup d'Etat ווערט ער אַ פאַרטריבענער קיין: בריסל, דזשערזי און דאַן קיין גערנזי.

דאָ מאָביליזירט ער זיין אמתן כח און דערגרייכט אמתע מדרגות. דער פאַטאַלער גורל פון אַנטלויפן ווערט פאַר הוגאָ אַ ברכה. דאָס וואָס ער האָט אויפגעטאָן ביז 1850, מאַכט אים שוין צום מייסטער. אָבער זיין אמתע מייסטערשאַפט ווייזט זיך ערשט אין דער תקופה פון זיין צווייטער מאַטוריטעט, זיין איינגעשפּאַרטער ראָמאַנטישער נוסח איז געווען דאָס פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיט אַ באַוועגונג, וואָס ער האָט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק געהאָלפן אינואַיגורירן און וואָס האָט זיך דערווייַלע איבערגעלעבט. דער מאָסיוו־גוואַרדנטער זשעני וויקטאָר הוגאָ האָט ניט געפילט די דיסקרע־פּאַנץ פון ניט האַלטן שריט און איז איינגעשפּאַרט געבליבן געטריי זיין קינסטלערישן וועג, דעם ראָמאַנטישן. די געזעלשאַפט אָבער איז אויך ניט מער קיין ראָמאַנטישע.

עס איז אָנצונעמען אַז רעמי דע גורמאָן איז אומגערעכט אין זיין אָפּשאַצונג, אַז הוגאָ איז ניט מער ווי אַן אָראַטאָר. בכלל די יונגע וואָס האָבן ניט ווייניק פון אים געלערנט האָבן אים געהאַלטן פאַר קינדיש. עס קען זיין, אַז דאָס איז געווען אַדאַנק זייער יוגנט וואָס האָט תמיד די נטיה פון „בעסער וויסן". און, ווי עס זאָגט ריכטיק פערנאַנד גרעק Fernand Greque זיי האָבן אים געלייענט אַלס קינדער און אים דעריבער געהאַלטן פאַר אַ קינד. דאָס האָט זיי געגעבן די איבערצייגונג פון רייפקייט, פון חכמה. זיי האָבן אַלע פון אים געלערנט, אָנגעהויבן פון רעמבאָ, וואָס האָט איבעריקנס דערמאָנט אים לשבח ווען ער האָט געלויבט "Les Miserables" פון באָדלער און אפילו פון מאלארמיי און אוודאי פון ווערלען. די נעגירונג פון הוגאָ איז בכן איבערגעטריבן, פונקט ווי עס איז איבערגעטריבן דער אורטייל פון די פּאָליטיש פאַרפאָלגטע אַז Les Chatiments וואו הוגאָ רעדט זיי אַלעמען אַראָפּ פון האַרצן, איז דאָס גרעסטע בוך זיינס.

וועגן שאַטימאָן, וועלכע עטעמען מיט אַן אויפריכטיקן חשק פון נקמה, און זיינען אין אַ סך פאַלן נאָר געגראַמטע פּראָזע, ניט קוקנדיק אויף די טעכנישע ווירטואָזיטעטן וואָס זיינען פאַראַן אין די פערזן, זאָגט הוגאָ אַליין אין אַ בריוו צו זיין פאַרלעגער העטצעל:

„איך האָב געטראַכט — און די אַרום מיר האָבן דיזעלביקע מיינונג — אַז עס וואָלט מיר אַצינד געווען אוממעגלעך צו פאַרעפנטלעכן אין דעם

מאָמענט אַ באַנד פון ריינער פּאָעזיע, דאָס וואָלט מאַכן דעם עפעקט פון אַנטוואָפּענונג און איך בין מער באַוואָפנט און מער קעמפעריש ווי ווען עס איז...״

„לע שאטימאַן״ זיינען פול מיט ברענענדיקער אַקטואַליטעט, געשריבן אין אַ ווילדן טעמפּאָ פון 16,000 פּערזן. געוויס פאַרמאָגן די „שאטימאַן״ אַלע זאַכן, וואָס מען קען זאָגן, אָבער אויך אַזעלכע וואָס מ׳קען זינגען. לויט הוגאָ׳ן, אין אַ בריוו צום פאַרלעגער — זיינען זיי פול מיט סאַטירישער ווערווע. אָבער זיי האָבן ניט דורכגעמאַכט קיין גלגול. די דירעקטע קלאַנ־גען זיינען אָן בושה, און, ווי ער זאָגט אַליין, אמתדיק און אָן דער צוריק־האַלטונג פון אמתער פּאָעזיע. זיי זיינען אָן אַ צודעק, אָן די שלייערס וואָס דאַרפן פאַרהילן דעם אמתן פייער, מיט דעם אויסנאַם, אפשר פון דעם טייל, וואו די אינספּיראַציע צויבערט אַרויס די מאָסקוויטישע שנייען וואָס באַגראָבן „לאַ גראַנד אַרמעע״, די אומהיימלעכע, גרויזיקע רוסישע פרעסט, וואָס פאַרגליווערן הויט,ביין און מאַרך.

דער דמיון העלפט צו צום כשוף פון די בילדער, דער כעס זידט איבער אַלע פרעסט; עס פעלט זיכער ניט קיין פאָרעם, זי ווערט אַלץ פולקאָמענער — עס פעלט נאָר איין זאַך — חסד. חסד פון פּאָעזיע. עס פעלט דער אופן צו זאָגן מער דורכדעם, וואָס מ׳פאַרשווייגט. עס פעלט דאָס געזאָגטע אַזוי, אַז ס׳איז מרמז די ווייטקייטן, די טיפקייטן, — אויב מען וויל — וואָס מ׳פאַרשווייגט. אפילו דער פינאַל ליידט פון מאַנגל פון צוריקהאַלטונג. לכל הפחות אין דריטן טייל. צוויי טיילן פון דער פּאָעמע זיינען פון אַ ווירטואָזיטעט, אַ פּערפעקציע פון פּאָעט, פון אַ וויזיע, געוואָרן מוזיק. אָבער דער פינאַל! געוויס וואָלט נאַפּאָלעאָן דער ערשטער זיך אומגעדרייט אין קבר ווען ער וואָלט וויסן די מעשים טובים פון דריטן... אָבער צו קיין פּאָעזיע קומט דאָס ניט.

דער טיטל איז מרמז, וואָס די זאַמלונג קען מיינען. אויפן סמך פון שווערע איבערלעבונגען — אַ געליבטע טאָכטער מיט איר מאַן דערטרינ־קען זיך אין דער סיין — ברענגען אים דערצו, זיך אָפּצושטעלן און צו באַטראַכטן און עס קומען אַרויס „די באַטראַכטונגען״ (Les Contemplations). באַטראַכטונגען וואָס שטעלן זיך אָפּ אויפן גאַנג פון מענטשלעכן לעבן וואָס

הויבט זיך אָן מיט אַ רעטעניש און ענדיקט זיך מיטן רעטעניש פון געבורט און טויט.

דאָ איז ער טאַקע עולה ממעלה למעלה. דער כח הדמיון איז דער שטאַרקסטער עלעמענט אין הוגאָ׳ס שאַפונגס־כח. דאָס וואָס זיין חלום איז מקבל, שטייגערט זיך צו וויזיע, צו אַ סימפּאָניע פון קלאַנגען, אפילו פון פאַרבן.

וועגן די „באַטראַכטונגען" זאָגט דער באַקאַנטער ליטעראַטור־היסטאָריקער מאָרנע (Morné): „זיין כח הדמיון איז נאָך רייכער און נאָך פאַרשידנאַרטיקער געוואָרן, ווי ביז אַהער. בפרט די סענסיביליטעט און דער געדאַנק פון וויקטאָר הוגאָ באַרירן שטאַרקער און טיפער. דורכן ברוטאַלן טויט פון זיין געליבטער טאָכטער, און דורך דעם גלות אַדאַנק דעם חרם וואָס האָט אים אָפּגעקערט פון פּאָליטישע אַמביציעס און אַקציע, האָט ער דערגרייכט צום שורש פון מענטשלעכן לעבן. אַזוי זיינען פּאָעזיע און קונסט פאַר אים געוואָרן מער ווי אַ שפּיל פון גלאַנץ, נאָר אַ מין רעליגיע. אין זיין אייגענעם לייד האָט ער דערפילט דעם גורל פון דער מענטשהייט... הוגאָ מאַכט אפילו די אָנשטרענגונג, צו דערגרייכן אַ פילאָזאָפיע, וואָס איז אַן אַנדערע זאַך ווי ברילאַנטע באַרעדעוודיקייט.

...פּאַמעלעך האָט ער אָרגאַניזירט די אימאַזשן און די ווערטער און דערגרייכט צו אַ מעכטיק פּאָעטישער רעפּרעזענטאַציע פון דער וועלט.

גאָט, אָדער לכל הפחות אַ טייל פון גאָט, האָט זיך צונויפגעמישט מיט זיין באַשאַפונג. אַלע באַשאַפענע זאַכן שליסן איין אין זיך די איבערנאַטירלעכע נשמה; פונעם שטיין ביז צו דער חיה, ביז צום מענטשן אַנטפּלעקט זיך די דאָזיקע נשמה און ווערט ממשותדיק. אין דער צוקונפט וועט דער דאָזיקער פּראָגרעס ממשיך זיין און פאַרפולקומען די וועלט, וואָס איז אויף דעם אופן אַן אימענזע, סובטעלע עליה פון נשמות. פון עגאָאיסטישן געדאַנק צום אַלטרואיסטישן, פון געוואַלט צו מיטלייד און גערעכטיקייט".

***

פויל בערעט איינער פון די באַקאַנטע ליטעראַטור־היסטאָריקער און הוגאָ־פאָרשער, האָט אָנגעשריבן אַן עסיי: „וויקטאָר הוגאָ און אַלעקסאַנדער וויִיל", פון וועלכן עס איז צו פאַרשטיין, אַז הוגאָ׳ס מעטאַפיזישע אַנטוויקלונג איז געשטאַנען שטאַרק אונטער וויילס השפעה. אַט למשל זאָגט וויִיל:

„זיינען דען ניט פאַראַנען מערערע מדרגות אין די נשמות? קענען זיי ניט עולה זיין און יורד זיין? אונדזערע חכמים האָבן בפירוש מודה געווען די באַוועגונג פון אַרויף־און־אַראָפּשטייגנדיקע נשמות. אַ נשמה, וואָס איז פאַרשמוצט, קען באַשטראָפט ווערן און אַראָפּנידערן צום ניווא פון חיות און פלאַנצן, און עולה זיין, זייענדיק ריין ביז צו דער מדרגה פון מלאכים.

לויט מאַרנע'ן לאָזט זיך הוגאָ אַראָפּ אין די וואַקסנדיקע אימענזע אָפּ־גרונטן, אָדער שטייגט צו דער געוואַלטיקער ליידיקייט פון די הימלען. הוגאָ, מיט זיין געוואַלטיקן כח הדמיון, האָבנדיק פאַר זיינע פענצטער אין גערנזי דעם ים, וואָס זיינע כוואַליעס האָבן זיך געהויבן עד לב השמים, אָדער זיינען שטיל געווען, ווי די אימענזע רואיקייט פון אין־סוף — הוגאָ האָט מיט זיין דמיון געקענט דערגרייכן אומעטום און זיך פאַרלירן אין דער אומגעהייערער וועלט פון די הימלען.

אין זיין צווייטער מאַטוריטעט זוכט הוגאָ אַ מעטאַפיזישן ענטפער און פרעגט אפילו ספּיריטיסטישע טישלעך. לויט פּ. בערעט פאַלט די דאַטע פון הוגאָ'ס ראַנגלען זיך נאָך אַ מעטאַפיזישער קאָנצעפּציע גראָד צונויף מיט דער צייט פון 1839—51 פון זיין גרויסער אינטימיטעט מיט אַלעקסאַנדער ווייל.

וויקטאָר הוגאָ האָט געהאַט אַ ווייטן פאַרנעם, שכל הישר און ווי מיר האָבן אויבן געזאָגט אַ גוט האַרץ. צו אַלע די סעריעס וואָס האָבן באַוויזן זיין גרויסע פעאיקייט צו גיין ממעלה למעלה, זיין אומגעהייערע פּראָדוק־טיוויטעט וואָס איז געווען גענערט פון אַ געוואַלטיקער פאַנטאַזיע, פאַרמעסט זיך זיין פאַרנעם צו שרייבן „די לעגענדע פון די יאָרהונדערטער" (1859) (La Legende des Siecles) און ער גייט אַלץ נאָך באַרג אַרויף. דער מייסטער פון עפּאָפּעיע ווייזט זיך דאָ אַרויס גרעסער ווי תמיד. אומאָפּהענגיק פון שטרעמונגען און תקופות האָט ער לויט מאַרנע געשאַפן אַ נייע פּאָע־טישע שפּראַך אין פראַנקרייך, אַ נייע פראַנצויזי־שע שפּראַך און ווערסיפיקאַציע. זיין נטיה פון פּיטאָרעסקן צום סאָנאָרן האָט פאַראייניקט אַלע עלעמענטן פון דעם פאַלקלאָריסטישן ביז צום ביזאַרן. די עלעמענטן זיינען אויך אומענדלעך וואַריאירט, באַוועגונג, עמאָציע און בילדערישקייט זיינען שוין צו ניט צו שטאַרק געהאַמעוועט פון

עטלעכע רעגלען, רעדוצירט צו אַ מינימום. „די לעגענדע פון די יאָר־הונדערטער״ איז דאָס העכסטע, וואָס הוגאָ האָט געשאַפן. דער פּאַרנעם, אַ קווערשניט דורך די יאָרהונדערטער, אין פולבאַזיץ פון זיין קראַפט, פון זיין פולער מעגלעכער זיכערקייט, פון זיין צווייטער מאַטוריטעט. „ס׳האָט אין חלום זיך באַוויזן מיר די מויער פון יאָרהונדערטער... און די מויער האָט געציטערט ווי אַ בוימל אין זעפיר״. אָט די שורות, וואָס זיינען געקומען נאָך אין זיינע יונגע יאָרן, זיינען די קוליסע, אויף וועלכער הוגאָ וויקלט אויף זיין לעגענדע פון יאָרהונדערטער. קליינע „עפּאָפּייען״, אינספּירירט פון געשיכטע, פון אוניווערסאַלער מיטאָלאָגיע און פון אַלע שיטות ביז צו דער אומענדלעכקייט. דער ערשטער טייל דעקט אויף די עפּאָכע פון חוה׳ן ביז ישו׳ן וואָס סימבאָליזירן אין חוה׳ן די געבורט פונעם מענטשן, אין קין די געבורט פון געווינסן, אין בועז די געבורט פון שליחות, די באַגעגעניש פון ישו מיטן קבר אאַז״וו.

פאַראַן פּאָעמעס איבער „רוים״, איבער איסלאַם מיט מחמד׳ן ווי דער נביא, דער העראָאיש־קריסטלעכער ציקל, בלאָנדזשענדיקע ריטער, סקאַנדינאַווישע, שפּאַנישע, גערמאַנישע און פראַנצויזישע מאָטיוון.

הוגאָ שפּאַצירט איבער דער ווייטער וועלט און דערגרייכט צו די מלוכות פון אָריענט, דאַן קיין איטאַליע, צום סוף פון מיטלאַלטער, ווען די רענעסאַנס אינספּירירט דעם פּאַגאַניזם, קיין שפּאַניע מיטן אויפקום פון דער אינקוויזיציע.

ער דערגייט צום זיבעצנטן יאָרהונדערט און אפילו צו אונדזערע טעג, צו דער דעראָבערונג פונעם אוניווערס דורכן מענטשלעכן געניוס און פאַר־ענדיקט מיטן שופר פון לעצטן געריכט.

זשעראַר דע נערוואַל

נישט תמיד איז עס דער פּאַרלוירענער ניגון ממש וואָס דער ראָמאַנטיקער לויפט נאָך און זוכט צו כאַפּן כאָטש נאָר די אָפּקלאַנגען, אפילו נאָר דעם „גלגול פון אַ ניגון...״ צומאָל איז עס אַ בילד, אַ קלישע, אפילו אַ פּאַר־זעעניש וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט ווי פערמענט אויפן אָפּגרונט פון דער נשמה און יערט... אָט איז זשעראַר דע נערוואַל *), די בלאָנדע אומשולד, די צאַרטקייט מיט בלויע אויגן, וואָס האָט זיך באַזעצט אין חלום פון דער וועלט. ער בייט די גלעזער און זעט די וועלט ראָזע, און זעט זי רויט, און זעט זי שוואַרץ — אָפּהענגיק פון די גלעזער...

„ס׳האָט זיך מיר געחלומט אַ זיסער חלום: כ׳האָב ווידער געזען די, וואָס איך האָב געליבט, איבערגעפורעמט און פול מיט פרייד. דער הימל האָט זיך געעפנט אין זיין גאַנצער גלאָריע און כ׳האָב געלייענט דאָס וואָרט „מחילה״, געצייכנט מיט בלוט פון ישו. אַ שטערן האָט פּלוצים געפלאַקערט און האָט מיר מגלה געווען דעם סוד פון דער וועלט, פון די וועלטן, הושענא, שלום צו דער ערד און גלאָריע צו די הימלען״.

אָבער דאָס איז שוין דער אָנהייב פון סוף. מיר דאַרפן צוריקגיין אַ לאַנגן וועג.

„איך האָב געשריבן מיינע ערשטע פערזן מיט ענטוזיאַזם פון יוגנט, די צווייטע — פון ליבע און די לעצטע פון — פאַרצווייפלונג״.

ער אַנטלויפט פון וואָך זיין, פון קוקן אָן ברילן אַפילו ווען ער געפינט זיך אין בין־השמשותדיקן צוזאַמען־זיין מיט איינער פון זיינע „סילוויעס״:

„איך האָב געגלויבט״ — זאָגט ער — „איך בין טאַסאָ, צופּוסנס פון לעאָנאָראַ, אָדער דער צערטליכער אָוויד אויף די קני פאַר זשוליעט... זי האָט גאָרנישט געענטפערט און מיר זיינען ביידע געבליבן שטום אין האַלבער טונקלקייט. איך האָב נישט געוואָגט צו קושן איר האַנט, ווייל מיין האַרץ וואָלט צעבראָכן געוואָרן: אַ, שמערץ און בענקשאַפטן פון מיינע יונגע פאַרלוירענע ליבעס...״

*) דע נערוואַל איז אַ פּסעוודאָנים. זיין פאַמיליע־נאָמען איז געווען לאַבריני.

די פשטות איז קאָמפּלעקס, ווייל עפּעמער און סטאַביל, פליכטיק און איינגעשפּאַרט. יעדע פון די פּרויען האָט אַ שמץ פון די אַנדערע, פון דער אַנדערער איינציקער. די איינע איז אַדריענע אָדער בעסער געזאָגט אויר־עליע, דער געלייטערטער גלגול פון אַדריענע.

אַ זון פון עטיען לאַבריני, אַ מיליטער־דאָקטאָר פון נאַפּאָלעאָנ׳ס „לאַ גראַנד אַרמיי״, וואָס ווערט פאַרוואונדעט אין רעכטן פוס און שווימט אַריבער שוין לאָם די בערעזינע, פון אַ מוטער וואָס שטאַרבט אין שלעזיען קוים 25 יאָר אַלט.

זשעראר געפינט זיך ביי אַ פלעגערין אין לאָאַזי, נאָענט צו מאָרטע־פאָנטען וואו ער ווערט אויפגענומען פון אַ פעטער. דאָרט קריגט ער די ערשטע איינדרוקן פון דער וועלט, פון זיינע סילוויעס און אדריענעס, פון ביכער איבער אַקטועלער וויסנשאַפט און מאַגיע, פאַרגראָבן אין די קאָרן־קאַמערןביים פעטער. דאָרט — רייט די באַראָנין אדריען דע פעאושער (מיטן נאָמען זאָפי דאָז), די מעטרעסע פון לעצטן קאָנדע, דורך די פעלדער פון מאָרטעפאָנטען, מיט בייטש און שטיוול, שטאַרק און מעכטיק, די אַמאַזאָנע, פון וועלכער דער צאַרטער יונגער זשעראַר איז געטראָפן געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן.

זי איז די געליבטע פון לעצטן ערצהערצאָג פון בורבאָן, זיין דאַמע ביי די יאַגדן, וואָס לויט באַשרייבונגען האָט זי געהאַט אַ שמייכל וואָס האָט געפּיעשטשעט, פאַרגאָסן טרערן לויט פאַרלאַנג און שאַרפן דעספּאָטיזם. אַ קאָפּ — רעגולער און גראַציעז, אַ הויכן וואוקס, נאָר אַביסל שווער, און אָרעמס און פיס פון אַ הערקולעס...

דער צאַרטער זשעראַר אָבער, וואָס דער גורל האָט אים אַריינגעוואָרפן אין הפקרות, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר וועלט און פרייהייט, זשעראר האָט פון אַזאַ שטיק ווירקלעכקייט געמוזט געטראָפן ווערן ביז גאָר. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, אַז ווען ער באַגעגנט אַן ענלעכען עקזעמפּלאַר אין דער אַקטריסע זשעני קאָלאָן רופט ער נישט ביז ער זעט זי אויסשטאַפירט אין זעלביקן לבוש, רייט־קלייד און בייטש, רייטנדיק איבער די פעלדער פון מאָרטעפאָנטען ווי אַ גלגול פון מאַדאַם דע פעאושער!

בכלל וועקסל־ווירקונגען, מעטאַמאָרפאָזן, אַפיניטעטן — דאָס איז דער

גרויסער דעקטוך, וואו די וועלט שפּינט אירע געבורטן און פּאַרזעניש, אירע נסיונות און קיומ׳ס, אירע חלומות אין וואַך און אין שלאָף פאַר זשעראַר דע נערוואַל.

נאָענט צו מאַרטעפּאַנטען געפינט זיך ערמענאָנוויל וואו וואַטאָ האָט דערפילט די אידעאַלע לאַנדשאַפט פאַר זיין מאַלעריי „דאָס איינשיפן זיך קיין קיטהערע״. רוסאָ האָט בשעתו דאָ געפונען אַן אַזיל. דאָ האָבן זיך שפּעטער געפונען די „אילומינעס״. דעם טיפסטן איינדרוק אָבער באַקומט דער יונגער זשעראַר פון דעם צוריקגעקומענעם פּרינץ פון בורבאָן, פון ענגלאַנד, מיט גרייז־גרויע האָר און מיט דער אַלטער גאַלאַנטקייט, מיט פעסטן און יאַגדן, איבער וועלכע עס דאָמינירט אַ יונגע ענגלענדערין זאָפיע דאָז, וואָס ווערט באַלד באַראָנין דע פעאושער. ער זעט זי נאָר איין מאָל אַלס סמאַרטע אַמאַזאָנע רייטנדיק, און קען נישט פאַרגעסן איר פריינטלעכן דאַנק פאַר זיין גרוס...

רוסאָ׳ס „צוריק צו דער נאַטור״, די פאַנטעאיסטישע טענדענצן צו דעם גרויסן אַלץ, וואָס גיט פּראוווט אויסדריקן אין זיין פּערזענלעכן מיטאָס, אַן אימפּראָוויזירטע געמיינשאַפט פון סענסיטיווע נשמות אַנטקעגן דעם אין סוף. דאָס איז די גרופּע „אילומינעס״. די דאָזיקע אַנגסט וואָס צעטומלט זיי קעגן דעם חלל „וואָס עפנט זיך ווייט מיט די פאַרשווינדיקע אַלטע אמונות פירט זיי צו לאַטענטן אָבערגלויבן וואָס האָט אין פאַר־שידענע דורות באַפּרידיקט די רעליגיעזע באַדערפעניש פון דעם מענטשן״.
(לויט אַריסטידע מאַרי, „זשעראַרד דע נערוואַל, לע פּאָעט עט ל׳האָם״, זייט 20.)

עס געפינען זיך אין די באַזיצונגען פון לע פּעלעטיע, אין מאַרטעפּאַנטען זשיראַרדען, קאַגליאָסטראָ, מעסמער און דער גראַף פון סעינט זשערמעין, וואָס פּראָווען זייערע סעודות אין קינסטלעכע רואינעס וואָס לע פּעלעטיע האָט אויסגעבויט אין זיינע פּאַרקן, די אסיפות פון די „אילומינעס״, די דערלויכטענע, וואָס האָבן געפּאַרשט און געזוכט דעם אמת אין זייערע באַגעגענישן. און אַרום די פאַרצויבערטע אָזערעס האָט זיך צעבליט דער שענסטער אָקולטיזם וואָס איז געווען אין סתירה מיט דער ריינער פאַרנונפט און מיט דער אַנטיקער חכמה. און די וויסנשאַפט אפילו בעמט זיך אויך

אַן „אַביסל מיט מאַגיע — די עלעקטריציטעט ווערט אַן איבערנאַטירלעכע קוואַליטעט אין גאַנצן פּלאַנעטער פון מעסמעריזם, פון מאַגיע און אָקולטיזם — זי פאַראייניקט די אָקולטע כוחות דורך געהיימע בינדונגען פון מאַ־טעריע און פון גייסט“.

דער אמתער קוואַל אָבער פון דער גייסטיקער אַטמאָספער קומט פון דייטשלאַנד, פון די פרע־ראָמאַנטיקער, פון הערדער וואָס האָט אינספּירירט געטע׳ן וואו עס פערמענטירן אויך די אָנהייבן פון דער דייטשישער נאַטור־פילאָסאָפיע, וואָס רוסאָ האָט איבערגענומען, אָבער לגמרי אַנדערש פאַר־שטאַנען. שפּעטער קומט אַריין נאָוואַליס, דער אַפּאָסטאָל פון מאַגישן אידע־אַליזם. אַנטאַאַן בושע, דער פעטער פון זשעראַר, איז געווען אַ מקורב אין דער דאָזיקער סביבה פון מיסטישע טענדענצן און רעוואָלוציאָנערן אַטעאיזם, וואָס האָט שפּעטער פאַרלוירן איר גלאַנץ און האָט גורם געווען צו דער איבערפירונג פון עזאָטערישע ספרים אין די שטויביקע קאַרן־קאַמערן. משמעות אַז אפילו ווערק פון קבלה האָבן זיך געפונען אין דעם גאַנצן הויפן. אויסערדעם, לויט אַריסטיד מאַרי, האָבן זיך דאָרט געפונען ווערק פון מאַרקי, ד׳אַרזשען, סט. מאַרטינע, פון אַבבע ווילאַר און פיקאָ דע לאַ מיראַנדאָלאַ; סוועדענבורג האָט אויך פאַרשטייט זיך נישט געפעלט. זשעראַר האָט זיך אָנגעזאָפּט מיט אַלעמען וואָס די קאַרן־קאַמער האָט פאַרמאָגט. ער האָט אָנגעזאָפּט תורה און ער וויל, ווי זיין ברודער אין גייסט, אַרטור רעמבאָ (מיט וועמען ער האָט זיך אויף זיינע וואַנדערונגען אַמאָל געטראָפן) דערגיין צום אומבאַקאַנטן. און דאָך איז די וועלט ניי, פריש און אַלט. ער זוכט דאָס אומבאַקאַנטע און זוכט זיך אין אומצייליקע דורות פון טויזנטער יאָרן און געפינט זיך טאָקע אין לוציוס אַפּולעיוס, וועמעס גורל ער לעבט איבער נאָך צוויי טויזנט יאָר מיט דער זעלביקער וואַנדערנדי־קער אומרו, מיט דעם זעלביקן זוכן דאָס וואונדערלעכע, אפשר מיט דעם זעל־ביקן שטיפערישן סקעפּטיציזם און נאָסטאַלגיע נאָך דעם אומבאַקאַנטן. לוציוס אַפּולעיוס וואָס האָט געוואָלט דערגיין דעם סוד פון דער וועלט און דעם יסוד פאַרן מענטשן און האָט זיי געזוכט אין די אַלטע רעליגיעס — אין אים, האָט זשעראַר געפילט, טליעט זיין אמתדיקער שורש און ווי לוציוס אַפּולעיוס זיין שטאַם־פאָטער, האָט ער אויך דורכגעוואַנדערט דעם גאַנצן

מיטעלן מזרח, און אפילו גריכנלאַנד, און געזוכט. פסיכע, איזיס און הע־לענאַ, ווען ער טייטשט געטע׳ס ליבע צו איר, דאַנטע׳ס בעאַטריטשע און פעטראַרקאַ׳ס לאורא.

לעגענדאַרע פרויען — פאַר אים, אין וועלכע ער זוכט דעם זין פון לעבן, דעם זין פון זיין ליבע צו זיי, עפעמערע פרויען, דערוואַכט צום לעבן מיטן גלויבן אין גילגולים. ראָמאַנטישע עקסטאַטיקער האָבן זיך אָפטמאָל באַ־האָפטן אין זייער זינלעכער גייסטיקייט מיט די דאָזיקע אידייען: „די אומ־שטערבלעכע נשמה און די ליבע וואָס באַזיגט דעם טויט" זאָגט א. מאָרי. „אַ ניגון פאַראַן, איך וואָלט פאַר אים געגעבן סיי ראָסיני, מאָצאַרט, סיי וועבער, אַ ניגון גאָר אַלט, וואָס בענקט כסדר, אין עצבות פאַר מיר, אין זיסקייט אינטים." (זשעראַר דע נערוואַל).

דער לעצטער פערז איז בערך אַזוי:

אַ פרוי דאָן אין איר הויך־הויכן פענצטער, בלאָנד מיט אויגן שוואַרצע, וואָס איך האָב באַגעגנט אין אַן אַנדער לעבן אפשר, און ווידער געזען און אפשר גאָר דערקענט... אין איר אַלטן קלייד, מיט גאָלד פאַרברעמט...

ער אַליין איז דער גייסט פון לוציוס אַפּולעיוס, זיינע פרויען זיינען פון דער זעלבער מיסטישער סובסטאַנץ, פאַרקערפּערונגען פון מיסטישע אימאַזשן. די ערשטע ממשותדיקע אַרבעט פון זשעראַר דע נערוואַל איז די איבערזעצונג פון געטע׳ס פויסט. ער ווערט תיכף דערקענט און געשאַצט. געטע אַליין שרייבט צו אים: „איך האָב זיך קיינמאָל נישט געזען אַזוי גוט פאַרשטאַנען ווי דורך אייך". אויף עקערמאַנ׳ס באַמערקונג לגנאי וועגן אַן איבערזעצונג פון אַכצניעריקן יינגל, ענטפערט געטע: „אַכצן יאָר, אויב אַזוי, געדענקט, די דאָזיקע איבערזעצונג איז אַן אמתדיקער וואונדער פון סטיל, זיין מחבר וועט ווערן איינער פון די ריינסטע און עלעגאַנטסטע שרייבער פון פראַנקרייך!..."

בערליאָז האָט אויך קאָמפּאָנירט אין מוזיק עטלעכע פערזן פון „פויסט" און זשעראַר דע נערוואַל איז מיטאַמאָל געוואָרן איינער פון די אויסדער־ווילטע, דער באַליבטער פריינט פון דער גאַנצער פלעיאַדע ראָמאַנטיקער. דאָ זיינען פאַר אַלעמען טעאָפיל גאָטיע, פעטרוס באָרעל. ביי דער שלעגעריי פאַר הוגאָ׳ס „הערנאַני" אין טעאַטער איז זשעראַר דע נערוואַל איינער פון די

אָנפירער און בתוכם פון די הוגאָס, די ווינים, מוסעט אאַז״וו. ער דראַמאַ־טיזירט הוגאָס ראָמאַן „האַן ד׳איסלאַנד״.

דערפאַלגן, פריינטשאַפטן באַפרידיקן נישט זיינע אומרועץ און זשעראַר זוכט דאָס וואונדערבאַרע, דאָס אומווירקלעכע און אַ טייל פון אומווירקלעכן, פון וואונדערבאַרן שפילט זיך אָפּ אויף די ברעטער אין טעאַטער. צי זיינען דאָס די מעטאַמאָרפאָזן פון „פויסט״, צי איז דאָס דער פשוטער ספעקטאַקל. וואָלט זשעראַר דע נערוואַל היינט געלעבט, וואָלט ער מסתמא געווען אַ קריטיקער פון מוזיק־האָל אין „פיגאַראָ״ — האָט עמיץ געזאָגט וועגן אים.

„האַן ד׳איסלאַנד״ פירט אַריין ממשותדיקס אין קרייז פון די ראָמאַנטי־קער. די בינע איז אָפן פאַר אים און די שפאַלטן פון די צייטשריפטן אוודאי. און די וועלט, „די גרויסע וועלט״ עפנט ברייט אירע פאַרגילדטע פאָרטאַלן. אין ווין באַגעגנט ער מאַדאַם דע פּלעיעל, אַ שטערן פון דער בינע, פון דער געזעלשאַפט. זי דערמאַנט אָן עמיצן, ווער ווייסט פון וויפל דורות צוריק? זי באַשטייט פון פלייש און בלוט, שיין און טאַלענטירט און באַוועגט זיך אויף די העכסטע שטאַפלען פון דער געזעלשאַפט — דאָס איז פאַר זשעראַר לאַבריני נישט גענוג. כדי צו זיין ראוי צו זיין ליבע, מוז זי נאָך זיין אַ גלגול אפשר פון איזיס און אפשר גאָר אוירעליא, זיין מיטישע פרוי, וואָס איז די מעטאַמאָרפאָזע פון אַדריענע. די עקספּאַנסיווע ראָמאַנטיק נעמט אַלץ אַרום, אויך דעם פּיטאַגאָרעאישן מיסטיציזם פון נשמה־וואַנדע־רונג. ער האָט אפילו נישט געדאַרפט גיין אַזוי ווייט אויף צוריק. ביי סוועדענבאָרג האָט ער אויך געלערנט און בעיקר ביי אַלעקסאַנדער ווייל, וואָס האָט געקענט קבלה און וואָס איז אַנשטאָט צו ווערן אַ רב — אַרויס „לתרבות רעה״ און איז געוואָרן אַ מורה דרך פון וויקטאָר הוגאָ און פון אַנדערע. ער איז מיט זשעראַר דע נערוואַל געווען שטאַרק באַפריינדעט. ער האָט דעם זוכנדיקן געהאָלפן געפינען אַ וועג צו מיטאָס, ווען ער האָט אים אַריינגעפירט אין דער מיסטיק פון קבלה.

ווי אַרטור רעמבאָ, געפינט ער זיך שטענדיק אונטערוועגנס. אַ צוגע־פאַלענע ירושה פאַרשאַפט אים מער מעגלעכקייטן, דער פאַקט פון זיין אָנגענומען ווערן אין דער ליטעראַטור — גיט אים מער זיכערקייט, אָבער

די אומרו, דאָס זוכן, דאָס וואַנדערן, דער דראַנג דערצו, דאָס ווען דערגיין דאָס אומבאַקאַנטע זיינען ביי ביידע דיכטער דיזעלבע.

„...און וואָלט דאָס נאָך געווען די אייגענע! עס איז דאָ פון וואָס משוגע צו ווערן! דאָס איז פאַטאַל, מיטגעריסן צו ווערן וואו דאָס אומבאַקאַנטע ציט איך צו ווי אַ משוגענער פייער, אַנטלויפנדיק איבערן גרינגוואַרג פון אַ טויטן וואַסער".

„איין אָוונט" — דערציילט אַרטור רעמבאָ — „האָב איך באַזעצט די שיינקייט אויף מיינע קני, איך האָב זי געפונען ביטער און איך האָב זי מבזה געווען"...

„זי איז נישט צוריקגעקומען, זי וועט קיינמאָל נישט צוריקקומען די וואונדערלעכע, וואָס איז געקומען צו מיר — וואָס איך וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט. אמת, דאָסמאָל האָב איך געוויינט מער ווי אַלע קינדער פון דער וועלט" („אַ סעזאָן אין גיהנום").

אַנטלויף פון דערווירקלעכקייט.

אַן אַלטער פּאַרק, טונקל־גרינע גראָז נאָך אַ טאַנץ אין אַ שלאָס פון וואַלאַאַ, באַזעצט זיך דער יונגער עולם אויף פייכט גרינעם גראָז און אַדריענע זינגט אַלטע מעלאָדיעס פון פּאַרצייטן, ראָמאַנסן פול מיט ליבע און טרויער... און בעת זי האָט געזונגען האָבן די שאָטנס אַראָפּגענידערט פון די הויכע ביימער, דאָס ניי־געבוירענע לבנה־ליכט איז געפאַלן אויף איר, וואָס איז געווען אָפּגעזונדערט פון אַלעמען.

און דאַן דערציילט זשעראַר דע נערוואַל — „האָב איך אָפּגעריסן צוויי לאָרבער־צווייגן וואָס זיינען געוואַקסן אין אַלטע פּאַיאַנסן, פון וועלכע איך האָב געפלאָכטן אַ קרוין וואָס איך האָב באַקראַנצט דערמיט איר בלאָנדן קאָפּ. זי האָט אויסגעזען ווי דאַנטע'ס בעאַטריטשע וואָס האָט צוגעשמייכלט צו דעם וואַנדערנדיקן פּאָעט אויף דעם גרענעץ פון די הייליקע ערטער..."

געענדיקט... די שיינע, וואָס איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון די וואַלאַאַז'ס איז פאַרשוואונדן אין איר שלאָס, ווי אַ דערשיינונג פון אַ לעגענדע, צו האַלבער נאַכט..."

דער דאָזיקער חלום וואָס שפּילט זיך אָפּ צווישן צוויי פּסיכישע קריזיסן, שפּילט זיך אָפּ צווישן „דיכטונג און װאָרהייט", וואו דער חלום שטראָמט

אַריבער דעם ברעג פון לעבן, ווערט לעבן אַליין. „דאָס איז ווי אין האַלב־שלאָף" — זאָגט ער — „דער דאָזיקער צושטאַנד אַנטקעגן די מאָדנע קאָמבינאַציעס פון חלום וואָס דריקט אויפן זכרון גיך, פליכטיק, בילדער, אַרומשפרינגענדיק פון אַ לאַנגן פעריאָד אין לעבן... אַלץ איז מיר געוואָרן אויפגעקלערט, דורך דעם דאָזיקן זכרון „האַלב געחלומט".

און ער פרעגט זיך אַליין ווען עס קומען צו אים די דערשיינונגען, ווי למשל אַדריאַנע אין די רואינעס פון שלאָס: „בעת איך פאַרצייכן די דאָזיקע איינצלהייטן האַלט איך דערביי מיך צו פרעגן, זיינען זייווירקלעך, אָדער האָב איך זיי געחלומט?" אוירעליאַ איז די שענסטע וואָס האָט געזונגען אין גאָרטן פון פּאַלאַץ, זי איז די אַקטריסע זשעני קולאָן, זי איז מאַדאַם דע פעאושער... די מלכה שבא האָט די קאָנטורן פון זשעני קולאָן און אויב ער מאָלט זי — זאָגט אַריסטיד מארי — זיינען עס די זעלביקע פאַרבן פון חלום וואָס ער באַנוצט זיך מיט זיי ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַדריענע אָדער אוירעליאַ.

„זי האָט זיך פאַר מיר באַוויזן שטראַלנדיק ווי אין יענעם טאָג ווען שלמה האָט זי באַוואונדערט און זי האָט זיך צו אים גענענטערט אין גלאַנץ פון פרימאָרגן־פורפור. זי האָט מיר געשטעלט די אייביקע רעטעניש וואָס קיין חכם קען נישט זי פאַרענטפערן און אירע אויגן, וואָס די בייזוויליקייט האָט מער באַלעבט ווי די ליבע, האָבן נאָר טעמפּערירט די מאַיעסטעט פון איר אָרינטאַלישן פּנים. ווי שיין זי איז געווען, גאָר נישט שענער פונדעסוועגן, פון אַן אַנדערער קעניגין פון מאָרגן, וועמענס בילד עס האָט געקוועלט מיינע טעג..."

גאַנץ אַנדערש לייענט זיך זשעראַר דע נערוואַל ווי אַ קריטיקער. די אינטעלעקטועלע זיכערקייט און קינסטלערישע אַפּיניטעט ווען ער רעדט וועגן היינע, געטע אָדער שילער.

„די מיסיע פון אַ שרייבער איז אויפריכטיק צו אַנאַליזירן וואָס ער פילט אין די שווערע אומשטענדן פון זיין לעבן".

אַדריענע וואָס ווערט אין איר העכערער מעטאַמאָרפאָזע „אוירעליאַ" זאָגט אָן דעם איבערבייט אין דער ליטעראַטור, איז דער אַריינפיר צום סימבאָליזם.

אין תוהו ובוהו אין וועלכן זשעראר דע נערוואַל לעבט, שרייבט ער „כימערן", „קליינע היכלות". ער איבערזעצט אויך געטע, שילער, בירגער, קלאָפּשטאָק. ער אינטערפּרעטירט דעם צווייטן טייל פון „פויסט" און פאַרזיכערט אונדז אַז דאָס איז נישט קיין לייכטער ענין, און דאָך זייער „צו דער האַנט". אַדאַנק זיינע אייגענע מעטאַפיזישע חלומות דערקלערט ער, שטעלנדיק דעם העלענאַ־עפּיזאָד אין מיטלפּונקט: פאַר אים, ווי בלי ספק פאַר גאָט, דערגייט גאָרנישט צו קיין קץ. אָדער עס טראַנספאָרמירט זיך גאָר נישט, נאָר די מאַטעריע און וואָס מער מען לייענט „אורעליאַ" אַלץ מער דערמאָנט עס רעמבאָ׳ס דיאַמענטנע פּראָזע, אַלץ מער דערמאָנט עס „לעז אילומינאַסיאָנס", וואו ער ווערט פאַרזענלעך — רעמבאָ׳ס „סעזאָן ען אנפער", דערזעלבער הערמעטישער סטיל, די זעלבע גראַסירנדיקע פאַנטאַזיע, פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער צו קאָנסערווירן אינגאַנצן אין אַ צושטאַנד פון דערלייכטונג און פון שאָטנס און אַ המשך פון קאָנצענטרירטע שיכטן, אויסגעשפּרייט אַרום דער מאַטעריעלער וועלט. דאָרט דערפילן נאָך די דאָזיקע פאַנטאָמען, אָדער חלומען צו דערפילן טאָטן, וואָס זיינען אַמאָל באַלויכטן געוואָרן פון דער זון פון לעבן און אין וועלכע זיי האָבן באַוויזן די אינדיווידואַליטעט פון זייער אומשטערבלעכער נשמה. „עס וואָלט באמת געווען אַ טרייסט צו דענקען אַז גאָרנישט שטאַרבט וואָס האָט באַרירט די אינטעליגענץ און די אייביקייט קאָנסערווירט אין איר ברוסט אַ מין אוניווערסאַלע געשיכטע, געזען דורך די אויגן פון דער נשמה; געטלעכער סינכראָניזם וואָס וועט אונדז אין אַ שיינעם טאָג לאָזן אָנטיילנעמען פון יענעם וואָס זעט מיט איין איינציקן בליק די גאַנצע צוקונפט און די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט".

„איך באַלאַנג נישט צו זיך אַליין, איך מוז אָפּוואַרפן אַלע הבטחות פון גליק; אַ פאַנטאָם — איך וועל קיינמאָל נישט האָבן קיין געליבטע מחוץ פון חלום". דאָס זאָגט ער צו מערערע פרויען וואָס וואָלטן גרייט געווען אים צו ליבן. אַ פאַנטאָם וואָס דער דמיון האָט באַשאַפן, וואָס האָט געצונדן דאָס האַרץ און האָט די זינען פאַרווירט. אין פיר־און־דרייסיקסטן יאָר פון זיין לעבן, אין 1841, — הויבט זיך אָן זיין ערשטער פּסיכישער קריזיס. צווישן קריזיס און קריזיס פאַרצייכנט ער מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער מייסטערשאַפט די זעאונגען, דאָס דורכגעלעבטע, דאָס געזעענע, דאָס

געפּילטע, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין די אינטערוואַלן ווען ער איז געווען קלאָר אין גייסט. געטריי צו זיין פּרינציפּ אַז „די מיסיע פון אַ שרייבער איז אויפריכטיק צו אַנאַליזירן וואָס ער פילט אין די שווערע אומשטענדן פון זיין לעבן". זכרונות, זכרונות, זכרונות! דערלעבטע? געחלומטע? וואָס איז דער חילוק אויב דאָס דערלעבטע האָט געיאָגט, פאַרפאָלגט אים ביז משוגעת?

עס איז געווען דער צווייטער, דער היטער, דער צענזאָר פון זשעראַר דע נערוואַל וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף דער מייסטערשאַפט פון זיינע קריטיקן, אויף זיין זיכערן געשמאַק, ווען ער שרייבט וועגן היינע למשל. עס איז דער מייסטער אין אים וואָס האָט געפאָרעמט זיין שפּראַך ביז צו סובלימיטעט. אָבער וואו איז דער סוד פון זיין מייסטערווערק, פון „אוי־רעליא"?!

נאָך וואָס רעמבאָ אַרבעט ביטער, כדי זיך צו דעטאַשירן פון דער וועלט, כדי צו פאַרלירן דעם צוזאַמענהאַנג מיט איר, דע נערוואַל'ן קומט דאָס אָן לייכט צוליב זיינע פּסיכישע צעזאַמענברוכן וואו ער קעמפט מיט יעדן רעשט פון קלאָרקייט, אַריינצופירן אַ געוויסן סדר אין דער שפע פון געזיכטן, פון איבערלעבונגען, פון פלאַנטערן. בעת רעמבאָ שטרעבט צו אומסדר, ווייל ער איז אַ רעבעל וואָס קען נישט פּטור ווערן פון זיין קאַטאַליציזם, ווייל דע נערוואַל גלויבן, און גלויבט אָן יעדן מיטאָס, בויט זיך אויס פון עלעמענטן פון יעדער מיטאָלאָגיע אַ הימל, כדי נישט אונטערצוגיין. מיסטעריעזע שטעט, נייע ראַסן, גלגולים. רעמבאָ׳ס „אילומינאַסיאָנס" זיינען פול דערמיט, „איך וויים נישט ווי אַזוי צו דערקלערן, אַז אין מיינע אידייען קאָאינצידירן די ערדישע גע־שעענישן מיט יענע פון דער איבערנאַטירלעכער וועלט. דאָס איז לייכטער צו פילן ווי מסביר צו זיין.

„אָבער וואָס איז געווען יענער גייסט וואָס איז געווען אין מיר און מחוץ פון מיר? איז דאָס געווען דער אַנדערער פון דער לעגענדע, אָדער יענער מיסטישער ברודער וואָס די אָריענטאַלן רופן אים אָן „פעראָעע"? בין איך נישט געשלאָגן געוואָרן פון דער געשיכטע פון יענעם ריטער וואָס האָט געקעמפט מיט מיר אַ נאַכט אַ גאַנצע אין אַ וואַלד, קעגן אַן אומבאַקאַנטן וואָס איז געווען ער אַליין? ווי דאָס זאָל נישט זיין, איך גלויב אַז דער מענטשלעכער דמיון האָט גאָרנישט אויסגעטראַכט וואָס קאָן נישט זיין

אמת אויף דער וועלט אָדער אויף אַנדערע און איך האָב נישט געקענט צווייפלען אין דעם וואָס איך האָב אַזוי דייטלעך געזען. אַ שרעקלעכער געדאַנק איז מיר איינגעפאַלן — דער מענטש איז דאָפּלט, זאָג איך מיר. פאַראַן אין יעדן מענטש דער, וואָס באַאָבאַכטעט און דער, וואָס האַנדלט, דער וואָס רעדט און דער וואָס ענטפערט. די אָריענטאַלן האָבן דאָ געזען צוויי שינויים: דער גוטער און דער שלעכטער מלאך.

„איך בין די אייגענע מאַרי, די אייגענע וואָס דיין מוטער, די זעלביקע אויך וואָס אונטער אַלע פאָרמען האָסטו געליבט. פאַר יעדער פון דיינע פּרוּוואוואונגען האָב איך פאַרלאָרן דעם יעווייליקן לבוש, מיט וועלכן איך האָב פאַרשטעלט מיין פּנים און באַלד וועסטו מיך זען אַזוי ווי איך בין...״

פאַר דעם צווייטן קריזיס, וואו ער דערציילט, ווי מ׳האָט אים געמוזט אָנטאָן אַ צוואַנג־העמדל און ווי ער האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון איר און איז אַרומגעגאַנגען אין די קראַנקען־צימערן און ווי יעדער פון די תושבים האָבן אים אויסגעזען ווי שטערן־זעער, יעדער פאַרבונדן מיט די שטערן, יעדער אונטער זייער השפּעה, און יעדער קען אויך משפּיע זיין אויף דעם גאַנג פון די שטערן. „בשעת די נשמה שווימט אומזיכער צווישן לעבן און חלום, צווישן פאַרווירונג פון גייסט און אומקער צו קאַלטער איבערלעבונג, קען מען נאָר זוכן הילף אין רעליגיעזן געדאַנק;... דער עץ הדעת איז נישט דער עץ החיים... איך האָב פאַראייניקט עטלעכע ספרים פון קבלה, איך האָב מיך אַריינגעוואָרפן אין דער דאָזיקער שטודיע און איך בין דערגאַנגען דערצו, מיך צו איבערצייגן, אַז אַלץ איז אמת, אין דעם וואָס דער מענטשלעכער גייסט האָט אָנגעזאַמלט אין משך פון די יאָר־הונדערטער. די איבערצייגונג וואָס איך האָב באַקומען פון דער עקזיס־טענץ פון דער אויסערלעכער וועלט האָט צו גוט געשטימט מיט מיינע שטודיען, אַז איך זאָל צווייפלען אין דעם עבר. די דאָגמען און די ריטואַלן פון די פאַרשידענע רעליגיעס האָבן מיר אויסגעוויזן צו באַריכטן אויף אַזאַ אופן, אַז יעדער האָט פאַרמאָגט אַ געוויסן חלום פון די דאָזיקע אָרקאַנען וואָס מאַכן אויס זייערע מיטלען פון עקספּאַנסיע און פאַרטיידיקונג. זייערע כוחות האָבן געקענט זיך אָפּשוואַכן, פאַרקלענערן, פאַרשווינדן און דאָס האָט דערפירט צו באַצווינגען געוויסע ראַסן דורך אַנדערע. קיין איינציקע האָט

נישט געקענט מנצח זיין די אַנדערע נאָר דורכן גייסט. געוויס זיינען אין די דאָזיקע תורות אויסגעמישט מענטשלעכע טעותים. דער מאַגישער אַלפאַבעט, מיסטעריעזע היעראָגליפן קומען צו אונדז נאָר אומפולקום און געפעלשט דורך דער צייט, און אפשר דורך יענע וואָס זיינען פאַר־אינטערעסירט אין אונדזער איגנאָראַנץ, כדי זיי זאָלן געפינען דעם פאַרלוי־רענעם אות אָדער דעם צייכן וואָס איז אויסגעלאָשן און לאָזט ווידער אויס־קאָמפּאָנירן די דיסאָנאַנסירנדיקע גאַמע. ווען אין פערפיומען געזאָפּט קלאָגט אונדז זיין לייד אַ וויינענדיקער ווינט אין אַ פּאַרצייטיק ליד, און אָ, פון שקיעת החמה דאָס פּורפּורענע רויט שטיפעריש שטייגט ממעלה למעלה, דאַכט זיך מיר אַז גאָט זאָגט צו מיין נשמה פול לייד: פאַרלאָז זי, די אומריינע וועלט, דעם גרויען המון, שפּרייז איבער דעם ליכטיקן וועג מיט זיכערע שריט ביז צו מיר קום, מיין זון, נישט וואַרט אויף דער נאַכט.

ער האָט נישט געוואַרט. אין דער פינצטערער גאַס פון פּאַריז, רי דע לאַ וויע לאַטערן האָט מען אים געפונען אַ געהאַנגענעם.

ענגלאַנד

וויליאַם וואָרדסוואָרט

נאַפּאָלעאָנישע אַרמייען האָבן גורם געווען צו אַ פאַרשידנאַרטיק יערן אין יעדן ווינקל פון אייראָפּע. דער פראַנצויזישער Savoir Vivre (וויסן ווי צו לעבן), די עלעגאַנץ פון עספּרי, וואָס האָט באַצויבערט די יעוויילקע קעניגליכע הויפן און זיך באַזעצט אין דער געזעלשאַפט — האָט אין ענגלאַנד פּלוצים געמוזט צוריקטרעטן און פּלאַץ מאַכן פאַר נייע שטרע־מונגען.

נאַפּאָלעאָנישע סאָלדאַטן, אָנגעזאַפּט מיט די אידייען פון דער רעוואָ־לוציע, פאַרשפּרייטן די דאָזיקע אידייען אין יעדן ווינקל וואו זיי שטעלן אַריין אַ פוס.

וועלינגטאָן אָבער און נעלסאָן, מיט געוואַלטיקע ים־אַפּעטיטן, וואָס שטרעקן זיך אויס פון ניל ביז צו די דענישע פיאָרדן, דערוועקן אַ פּאַטריאָטיזם וואָס דריקט זיך אויס קודם כל אין אַ מין צוריקציען זיך אין זיך אַליין; אין אַ באַזינען זיך אויף אייגענע פאַרבן, אייגענע כשופן. דאָס דערפירט צו דער אויספאָרשונג פון אייגענעם פאָלקלאָר, וואָס דער פאָלקס־גייסט האָט אָנגענומען געשאַפן. די באַלאַדע, דער „סאָנג" נעמען ווידער איבער זייער פּלאַץ אויבנאָן און מיט דער פאַרעפנטלעכונג פון די לירישע באַלאַדן דורך וואָרדסוואָרט און קאָלערידזש אין יאָר 1798, הויבט זיך אָן די ראָ־מאַנטישע תקופה אין ענגלאַנד. דאָס מיינט אַן איבעררייס, למראית עין וויניקסטנס מיטן קלאַסיציזם, מיטן מאַטעמאַטישן פערז־מאָס. בעיקר אָבער מוז דער קלאַסישער אַלגעמיינער מאַסשטאַב צוריקטרעטן פאַר דעם נייעם ספּעציפישן, אינדיווידועלן. נישטאָ קיין געמיינזאַם פילאָסאָפיש סיסטעם, אָבער עפּעס געמיינזאַמס וועט זיך אין משך פון די אויספירונגען לאָזן פעסטשטעלן.

ס'אַנטשטייט אַ פיבערהאַפטער דראַנג אויסצופאָרשן דעם גאַנצן אוצר פון איירישע און שאָטישע פאָלקס־ניגונים וואָס ווערן איבערגעזיפּט און באַ־קליידט מיט טעקסט. מאַקפערסן שרייבט זיין „אָסיאַן" אויפן יסוד פון

אַלטע גאַלישע מאַנוסקריפּטן וואָס ער זאָל האָבן אַנטפּלעקט אין די „היילאַנדס״ און פאַרעפנטלעכט אין 1760. זיי האָבן אין אַ גרויסער מאָס משפּיע געווען אויף דער ראָמאַנטישער ליטעראַטור אין אייראָפּע. משמעות אַז נישט אַלע גענאַנגען זיינען געווען עכט און דער איבערזעצער האָט אַ טייל פון זיי צוגעדיכטעט. זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אין איטאַליע, דייטשלאַנד און אפילו אין פראַנקרייך, אויף שאַטאָבריאַן למשל.

עס קומען אַרויס זאַמלונגען פון ענגלישע און דורך וואַלטער סקאָט, גע־זאַמעלטע אַלט־שאָטישע באַלאַדן. די אַנטשטייאונג פון דער ראָמאַנטיק פאַלט אויס אין דייטשלאַנד און אין ענגלאַנד אין דערזעלבער צייט. אָבער יעדעס פאָלק מאָדיפיצירט זיין ראָמאַנטיזם לויט זיינע אייגענע ספּעציפישע שטריכן. בעת אין דייטשלאַנד מיינט נאַטוראַליזם אַן אַריינלאָזן זיך אין די אָפּגרונטן פון דער אייגענער נאַטור, מיינט דאָס אין ענגלאַנד אַ קרעפטיקן נאַטוראַליזם, וואָס זויגט אײַן און באַזינגט בערג און טאָל, טייך און אָזערע, פאַרב און פיבער פון צייט־איבערבייט. דער גאָט־באַזעסענער פּאַנטעאיזם פון שפּינאָזע, ווי נאָוואַליס רופט דאָס אָן, גליט אין יעדן פון די ראָמאַנטישע אוניווערסאַליסטן אויף אַן אייגענעם אופן. צי איז עס דער ערד־פאַרוואָרצל־טער שאָטלענדער בערנס, צי איז עס בייראָן, דער ליבעראַלער אַוואַנטוריסט, צי וואָרדסטוואָרט — רעוואָלוציאָנער אין די יונגע טעג, מיט קאָנטעמ־פּלאַטיווער, ערד געבונדענער חכמה פון שפּעטערע יאָרן, צי איז עס שעלי׳ס גייסטיק־לירישער ספּיריטואַליזם, קיטס זינלעכער עסטעטיזם אָדער קאָלע־רידזש׳ס מעטאַפיזישער ליריזם — עס איז אין תוך אַלץ ענגליש, פאַר־בונדן מיט ים און יבשה, נישט קוקנדיק וואָס קאָלערידזש איז באַאיינפלוסט פון קאַנטן, און זיכער האָבן זיך נאָך אַנדערע קאָנטראַבאַנדעס אַריבער־געשמוגלט איבערן קאַנאַל. אָבער אפילו בייראָנס פּראָטעסט קעגן ענגלאַנד, שעלי׳ס אַנטלויפן, אַלץ האָט דעם פאַרפיום פון אינסולאַרן עקסצענטריזם, מיט דער ליבע צו דער נאַטור, צו ים און לאַנד, וואָס קומט צום אויסדרוק נישט נאָר אין דער פּאָעזיע נאָר אויך אין לעבנס־אופן. בייראָנ׳ס עקסטראַ־וואַגאַנטע שווים־עקסקורסיעס — ווילדע רייטער־שטיק — און וואָלטער סקאָט׳ס נאַכטיקע פישן, רייטן דורך נאַכט און נעפל, די אַבטייען און די בורגן, געהערן אַלע שוין צום ראָמאַנטישן קאָלאָריט. די ליבשאַפט צו

דער נאַטור נעמט אַרום די ליבשאַפֿט צו חיות, בפֿרט הויז־חיות און דריקט אויס אַ נישט געהאַמעוועטע ליבשאַפֿט צו פֿרייהייט, וואָס גייט איבער — אין פּאָליטיק. כמעט יעדער דיכטער נעמט אַ שטעלונג צו געשעענישן פֿון די דעמאָלטיקע טעג, בייראָן און שעלי נעמען זיך אָן פֿאַר די אונטערדריקטע פֿעלקער, סקאָט איז אַ טאָרי, מור פֿאַרטיידיקט אירלאַנד, וואָרדסוואָרט און קאָלערידזש אין די יונגע יאָרן וויניקסטנס, זיינען רעוואָלוציאָנעריש. דאָס ווייזט ווידער, ווי רעאַליסטיש זיי שטייען מיט ביידע פֿיס אויף דער ערד און פֿילן זיך ווי אַ טייל פֿון דער גאַנצקייט אין דער תּקופֿה, אין וועלכער זיי לעבן.

די ראָמאַנטישע תּקופֿה אין ענגלאַנד הויבט זיך בכל אופֿן אָן אויפֿן שוועל פֿון ניינצענטן יאָרהונדערט מיט דער פֿאַרעפֿנטלעכונג פֿון די „ליריש באַלאַדן" פֿון וואָרדסוואָרט און קאָלערידזש וואָס האָט געמיינט ווי מיר האָבן געזאָגט, דעם גאַנץ באַוואוסטן איבעררייס מיט די טראַדיציעס, סטיל און תּוכן פֿון 18טן יאָרהונדערט. די ראָמאַנטיקער האָבן גורם געווען צום אָפּשאַפֿן פֿון די „איינהייטן" אין דער דראַמע. די איינהייטן פֿון צייט און אָרט שטייען אין קעגנזאַץ צו וואַרשיינלעכקייט. אָבער די איינהייט פֿון אַקציע, פֿון „אַנסאַמבל" די איינציקע אמתע, איז באַגרינדעט און דאַרף דערהאַלטן ווערן.

לאָקאַל־פֿאַרב: דער דעקאָר דאַרף געבן דעם איינדרוק פֿון לעבן. די היסטאָרישע און געאָגראַפֿישע פֿאַרב דאַרף אימפּרעגנירן דעם באַזיס פֿון דער דראַמע און נישט זיין קינסטלעך אַרויפֿגעקלעפּט.

די פֿרייהייט אין דער קונסט: מען מוז אויסשאַלטן אימיטאַציע וואָס פֿאַרשקלאַפֿט דעם זשעני; באַפֿרייען דעם סטיל, אויסמיידן טיראַדן. און דאָ האָבן זיי געפּרואווט אויסדריקן זיך אַליין. אַ דראַנג פֿון אַריבערגייך איבער דאָס אַלגעמיינע און זיך קאָנצענטרירן אויפֿן אינטים־פּערזענלעכן, נישט צוגלעטנדיק די כאַראַקטעריסטישע אומגלייכקייטן און דערגיין צו דער עסענץ פֿון אינדיווידועלן — דאָס האָט געמיינט פֿאַר זיי אמתער אוניווערסאַליזם. נישט קוקנדיק אויף זייער נטיה צו פֿליען אין הימל אַריין, האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן באַהאַוונט מיט אַ געזונטן רעאַליזם. איבעריקנס איז דאָס וואָרט ראָמאַנטיש נישט ניי אין דער ענגלישער שפּראַך, און האָט נאָך

אַנדערע קאָנאָטאַציעס ווי די פון „דער נייערער". דער ענגלישער ראָמאַנטיקער איז מיט שטאַרקער צוגעבונדענקייט צו דער נאַטור דאָך נישט קיין פּאַסטאָ־ראַליסט. ער זוכט אויסצודריקן דאָס עפּעמערע, דאָס מאָדנע, דאָס ביזאַרע, ד. ה. אַלץ וואָס דער שכל קען נישט תופס זיין און וואוהין מען דערגייט נאָר מיטן אינערלעכן זען, מיט אינטואיציע.

וואָרדסוואָרט, וואָס פּרוווט בויען אַ בריק צווישן רעאַליזם און פּאָעזיע, איז אַ באַנייער אין פולסטן זין פון וואָרט. אין אָנהויב פון זיינע „הקדמות" זאָגט ער: „די שפּראַך וואָס איך רעקאָמענדיר פאַר פּאָעזיע, איז אויף ווי ווייט מעגלעך די שפּראַך, באמת גערעדט, פונעם מענטשן; און די דאָזיקע וואָל, וואו זי ווערט געמאַכט מיט טעם און אמתן געפיל, וועט בילדן אַ גרעסערן אונטערשייד ווי מען שטעלט זיך דאָס פאָר, און וועט אינגאַנצן אָפּשיידן דאָס ווערק פון וואולגאַריטעט און פון דער נידעריקייט פון געוויינט־לעכן לעבן. אויב עס וועט צוגעלייגט ווערן די ריכטיקע מאָס, גלויב איך, אַז עס וועט אויסמאַכן אַ חילוק, גענוג פאַר אַ ראַציאָנעלן עספּרי".

דערמיט האָט וואָרדסוואָרט געוואָלט אינגאַנצן איבעררייסן מיטן קונ־ציקן „אומעכטן" עלעגאַנטיזם פון אַכצענטן יאָרהונדערט. דערמיט האָט ער אויך געוואָלט דערווייזן, אַז דווקא דאָס לעבן פון אַלע טעג איז פול מיט פּאָעזיע, אויפריכטיק געזען און געשילדערט. אַ גרעסערער פון וואָרדסוואָרטן, שאַרלס באָדלער האָט בשעתו אויסגערופן: „קיין שום מענטשלעכע ריקזיכט, קיין שום פאַלשע שעמעוודיקייט, קיין פאַרבינדונגען, אפילו נישט דאָס רעכט פאַרן אַלגעמיינעם וואָלרעכט וועט מיר ניט שטיין אין וועג צו ריידן מיט דעם אומפאַרגלייכלעכן אידיאָם פון אונדזער יאָרהונדערט. דער אידיאָם פון טאָג, דאָס לעבעדיקע, דער אַצינד".

אין זיינע קונסט־קריטיקן פאָדערט באָדלער אויף די קינסטלער, צו פאַר־בלייבן אויף דער ערד, דאָ צו זוכן אינספּיראַציע אין דער דערקענטניש, אַז עפּעס איז פאַראַן אין געראַנגל פון היינטיקן מענטשן וואָס האָט אין זיך גרויסקייט און פּאָעזיע.

וואָרדסוואָרט זעט, אַז אַ פּאָעט איז נישט אַנדערש פון יעדן אַנדערן בשר ודם. „דער חילוק איז נאָר אין דער אינטענסיטעט". ער שעפּט זיין אינספּיראַציע פוןווירקלעכן לעבן. אין זיין אומבאַדינגטן נאַטוריזם גלויבט

ער, אַז דאָסווירקלעכע לעבן שפּילט זיך אָפּ נאָר אויפן דאָרף. די מנהגים זיינען דאָרט דויערהאַפטיקער, פאַרבונדן מיט די פּערמאַנענטע פאָרמען פון דער נאַטור. זייענדיק רעאַליסטיש און אויפריכטיק, באַמיט זיך וואָרדס־וואָרט אויסצומיידן די מיאוסקייטן, און נאָר צו ברענגען דאָס אידילישע. אינגאַנצן זיי אויסמיידן האָט ער דאָך נישט געקענט, ווייל די מערקאַנטילע אינדוסטריע האָט אַוועקגעלייגט אויפן לאַנדבילד איר חותם, נישט תמיד נעגאַטיוו, אָבער אונטערן צייכן פון איבערבייט. דאָס מענטשלעכע עלעמענט, דאָס סאָציאַלע בילד, ליידן און דערנידריקונג פונעם מענטשן. איבעריקנס ווייזט זיך וואָרדסוואָרט דאָ אַרויס פאַר איינעם פון די גרויסע אינאָוואַטאָרן, זוכנדיק צו געפינען דאָס דראַמאַטישע, דאָס מענטשלעכע, דאָס סאָציאַלע אין ריטעם פון אינדוסטריע, אַפילו ווען ער האָט אָפטמאָל גענומען צו הילף די נאַכט, וואָס פאַרדעקט אָדער פאַרענדערט דאָס בילד, אָדער דעם בין השמשות, ווען די נאַכטשיכט פאַרבייט די טאָגשיכט ביים טויער פון פאַבריק. אוודאי איז וואָרדסוואָרט אַליין נישט תמיד געטריי זיינע טעאָריעס. ער גלויבט אין אַ סעלעקציע פון ווערטער, וואָס זאָלן דינען ווי אַ פּאָעטישער מאַטעריאַל. די פּאָעטישע שפּראַך מוז געריניקט ווערן פון אַלץ, וואָס איז עקלדיק אָדער שמערצלעך. ביסלעכווייז דערגייט ער צו דער פאָדערונג פון אַן אַלגעמיינער שפּראַך פון דער מענטשהייט און אַפּעלירט צו „געמיינזאַמע פּרינציפּן, וואָס באַהערשן ערשטקלאַסיקע שרייבער פון אַלע נאַציעס אין אַלע שפּראַכן".

דאָ גייט וואָרדסוואָרט אַרויס פון זיין דאָרפישער אידיליע און דערגייט צו אוניווערסאַליטעט. ער דערגייט צו דער פאָדערונג, אַז די שפּראַך דאַרף זיין פאַרשידנאַרטיק און ווערדיק, פול מיט מעטאַפאָרן און בילדער. „די פריערדיקע פּאָעטן האָבן געשריבן נאַטירלעך, און אין אַ מעכטיק בילדלעכער שפּראַך".

פאַרוואָס האָט וואָרדסוואָרט, אַ גליענדיקער רעוואָלוציאָנער, וואָס איז אין פראַנקרייך געווען אין פערזענלעכן קאָנטאַקט מיט די פירער פון דער רעוואָלוציע, — פאַרוואָס האָט ער דורכגעמאַכט די מעטאַמאָרפאָזע צו אַ קאָנטעמפּלאַטיוון דאָרפס־אידיליקער ?

דער באַקאַנטער קונסט־קריטיקער הערבערט ריד פּרוּווט אויף דעם

געבן אַן ענטפער. ער האָט פאַרברענט זיין רעוואָלוציאָנערן אייפער; ער איז געגאַנגען קיין פראַנקרייך, כדי זיך צו באַטייליקן אין די גרויסע געשעענישן וואָס האָבן אָנגעצונדן זיין דמיון. אין דער זעלביקער צייט האָט וואָרדסוואָרט זיך פאַרבונדן מיט אַנעט וואַלאָן. אין אַ שיינעם טאָג האָט ער פאַרלוירן דעם אינטערעס אין אַנעט און אין דער רעוואָלוציע. ער האָט וועגן זיין באַציאונג חוץ צו זיינע נאָענטסטע מיט קיינעם נישט גערעדט. אויך וועגן אומלעגאַלן קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן, האָט ער כמעט אַלעמען פאַרשוויגן, און איז אַרומגעגאַנגען, ווי דאָס איז געווען דער ראָמאַנטישער אָנגענומענער נוסח, — ווי שאַטאָבריאַן און בייראָן, — ווי אַ געצייכנטער מיט אַ געהיימען שולד־באַוואוסטזיין. און דאַן האָט ער אויפן וועג פון גאָדווין זיך דורכגעראַנגלט צו זיין אייגענער פילאָסאָפיע פון נ אַ ־ ט י ר ל ע כ ע ר פ ר ו מ ק י י ט. אין דער דאָזיקער עוואָלוציע, דערציילט ריד, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין ערשטער ליבע. און פון דעם געהיימען שולד־באַוואוסטזיין בויט ער זיך אויס דעם וועג פון זיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. דאָ איז דער אויסגאַנגס־פּונקט פון זיינע עקסקורסיעס, קאָנטעמפּלאַציעס. כדי די דאָזיקע השערה צו באַשטעטיקן האָבן זיך געפונען מאַנוסקריפּטן פון געוויסע שטעלן, און פּאָעמעס וואָס דער באַיאָרטער וואָרדסוואָרט האָט נישט פאַרעפּענטלעכט, וואָס זיינען אָבער אַרויסגעקומען אין דער פולער אויסגאַבע פון באַזיל דע סעלינקור נאָך זיין טויט.

די חרטה, וואָס וואָרדסוואָרט האָט געפילט, האָט גורם געווען פאַר אים, צו זוכן די איינזאַמקייט. פונדאַנען נעמט זיך די ליבע צו דער נאַטור, צום מענטשן וואָס מיר געפינען למשל אין „לוסי גרעי".

ער האָט אויך באַרירט די פּאָעזיע פון דער וויסנשאַפט, אַנוייזנדיק, אַז דער שכל אימפּרעגנירט די נאַטור, דער מענטשלעכער ווילן גיט דער מאַשין די מאַכט איבער דער ברוטאַלער מאַטעריע. איר אינטעלעקטועלע מאַכט איבערן אוניווערס וועט אַמאָל ווערן אַן אינסטרומענט פאַר מאָראַלישע צילן.

ער איז געווען אַ זון פון אידיליע, פון דאָרפס־אידיליע און ער איז נישט מיד געוואָרן אין זיך אויפצונעמען די קאַפּריזן, די דראַמע, און די שטילע סערעניטעט פון דער נאַטור. אָבער אויך פון דער בריק פון וועסטמינסטער זעט ער אין אַ שיינעם פרימאָרגן ווי מאָנומענטן און הייזער טוען זיך אויס און

עפּענען זיך באַקעט אַנטקעגן דעם ווייען פון ווינט, וואָס ברויזט פון די פעלדער אונטער די רעפּלעקסן פון הימל. „גאָטס מעכטיק האַרץ קלאַפּט דאָ אויך מסתמא אונטער אַנטשלאָפענע שטיינער". געזוכט און געפונען גאָט אין יעדן פּייזאַזש.

די ליבע צו דער נאַטור אויפן אָזערע־דיסטריקט פון באָוועלדערטע בערג, „וואָס טונקען זייערע פיס אין דער אָזערע", ברענגט אים נאָענט צו זייערע באַוואוינער, פּשוטע פּויערים, וואָס זיינען נענטער צו דער נאַטור און צו גאָט. „אין זייער באַשיידנקייט, מיט זייערע הויזלעכע טאָג־טעגלעכע זאָרגן, רירן זיי אָן די קוואַלן פון ליכט".

„לוסי גרעי" האָט די מאַיעסטעט פון וואָלקן און דעם חן פון ווערבעס. מען וואָלט געדאַרפט זאָגן, זי איז די מאַיעסטעט פון וואָלקן און דער חן פון ווערבעס איבערן טייך. זי איז דער באַוויז, אַז די מענטשלעכע נאַטור קען דערגיין ביז צום סובלימען, זי איז די באַשעפעניש, אין וועלכער עס האָט זיך אַנטוויקלט די אינדיווידועלע נשמה, פון וועלכער רעמבאָ האָט אַזויפיל גערעדט. גאָרנישט קען זי קאָרומפּירן, ווייל זי איז אַ טייל פון דער גאַנצקייט אין אוניווערס. די נאַטור איז אין זיינע אויגן נישט אַ מין צירונג פאַר מענטשלעכער אַקטיוויטעט אפילו נישט קיין אָפּשפּיגלונג פון מענטשלעכער נשמה. זי האָט אַן אייגענע עקזיסטענץ, זי איז לעבעדיק און איינס. אַלע אירע טיילן קאָרעספּאָנדירן און פרייען זיך מיט זייער קעגנזייטיקער קעגנוואָרט. יעדע זאַך האָט קוואַליטעטן, וואָס גייען אַריבער אירע ברעגעס. דאָס גייט שוין אפילו אַריבער די ברעגעס פון שפּראַך. דאָ דערגייט וואָרדסוואָרט צום טראַנסצענדענטאַלן, צום מעטאַפיזישן. אַזוי דערקלערט ער, אַז דער ציל פון פּאָעזיע איז נישט רעפּראָדוקציע פון דער וועלט פון די זינען, נישט אפילו דאָס באַשאַפן פון שיינעם, נאָר די אַנטפּלעקונג פון מעטאַפיזישן אמת. ער דערקלערט, „דער גייסט פון אוניווערס איז די פרייהייט פון דער וועלט".

די באַציאונג פון גאָט צום אוניווערס איז בערך דיזעלבע ווי די באַציאונג פון מענטשן צו גאָט. גאָט וואָס איז אַלמעכטיק לאָזט דעם מענטשן אַ מין סאָרט אומהאָפּענגעקייט, אַזוי אַז דער גייסט פון אוניווערס, זייענדיק אַ טייל פון דער גאָטהייט, האָט ער דאָך אַן אייגענע באַשטימונג בהסכם מיט

גאָט. די מענטשהייט און די נאַטור זיינען נאָר צוויי אַספּעקטן פון דער־זעלביקער טיפער רעאַליטעט; דאָס איז דער רעליגיעזער סך הכל, די רע־ליגיע פון דער נאַטור, וואָס ער רופט אָן נאַטירלעכע פרומקייט. די נאַטור אין איר דראַנג, זיך צו פערפעקציאָנירן, דאַרף דינען פאַר אַ פאָרבילד פאַרן מענטשן. די באַטראַכטונג פון די ווירקונגען פון דער נאַטור רופט ער אָן די טאַט פון מעדיטירן, וואָס איז פאַרן מענטשן דער בעסטער וועג צו אַנטפּלעקן אין זיך דעם אַקטיוון פּרינציפּ פון אוניווערס, דעם עלעמענט פון אַנטוויקלונג אינעם מענטשן וואָס ער רופט אָן האָפענונג. דאָס איז דער עלעמענט, וואָס דערהויבט דעם מענטשן צום גייסט פון אוניווערס. דאָ איז דער וועג צו תפילה, צו פאַראייניקן זיך מיט די זאַכן, מיט אַלעמען, אין עבודה צו גאָט, דערהויבן אין האָפענונג.

זכרונות פון עבר דורך קאָנטעמפּלאַציע, דורכן אינערלעכן זען דערפירן צו עקסטאַז; דאָ איז דער מקור פון פּאָעזיע. די איינגעשפּאַרטע רשות פון די זינען און פון די אויסערלעכע זאַכן, אַלץ וואָס פאַלט פון אונדז אַראָפּ, אַלץ פאַרבלאַסט די לײדיקע פאָרגעפילן פון דער קרעאַטור, וואָס באַוועגט זיך אין די וועלטן, וואָס זי פאַרשטייט נישט: דאָס זיינען די אינסטינקטן, פאַר וועלכע אונדזער שטערבליכע נאַטור האָט געציטערט ווי אַ איבעררּאַשטער זינדיקער. אַזוי קלײַבט וואָרדסוואָרט „די פונקען אין דער צייט״, וואו ער איז אינטענסיוו פאַראייניקט מיט דער נאַטור, די פונקען פון דער אינטואיציע פון דער נשמה, וואָס קומט אויף און פאַרשווינדט און דער רייפער גייסט פאָלגט דעם אונטערערדישן שטראָם פון איבערלעבונגען, וואָס אַנטשטייען דורך מעדיטאַציע, געשטייגערט צו עקסטאַז. דער דאָזיקער עקסטאַז וואַשט זיין נשמה און ברענגט זי אין אַ עקוויליבריום, וואָס דערהויבט און באַלויכט זיינע שפּעטערע טעג. „איין מינוט פון געפיל, — שרייבט ער צו זיין שוועסטער דאָראָטהי — קען אונדז געבן מער ווי פופציק יאָר פון שכל... און גייסטער וועלן טרינקען מיט יעדער פאָרעם די נשמה פון דעם סעזאָן; אונדזערע הערצער קענען זיך פיקסירן אַ מין געזעץ פון רו, וועלכן זיי וועלן תמיד געהאָרכן״.

סעמיועל טיילאָר קאָלערידזש

אין זיין „ביאָגראַפּיאַ ליטעראַריאַ“ זאָגט קאָלערידזש וועגן וואָרדס־וואָרט׳ן:

„דאָס איז געווען די פאַראייניקונג פון טיפן געפיל און טיפן געדאַנק; דער פיינער מאָשטאַב פון אמת אין דער באַטראַכטונג, פאַרבונדן מיט אימאַזשינערער פעאיקייט צו מאָדיפיצירן די באַטראַכטע זאַכן. פאַר אַלעמען די אָריגינעלע סגולה אַרויסצושיילן טאָן און אַטמאָספער, טיפקייט און הויכ־קייט פון דער אידעאַלער וועלט פון פאָרמען, געשעענישן און סיטואַציעס פון וועלכע געוואוינהייט האָט פאַרן פשוטן קוק געטעמפּט יעדן גלאַנץ און די טוי־טראָפּנס. ער האָט נישט געפונען קיין סתירה אין דער פאַראייניקונג פון אַלטן מיטן נייעם. אין אַלע זיינע ווערק האָט ער געזען די אַלטע טעג אַזוי פריש, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אַרויס פון זיין שאַפערישן אימפּולס — דאָס כאַראַקטעריזירט דעם מח, וואָס פילט די רעטעניש פון דער וועלט און קען זי אפשר העלפן פאַרענטפערן. צו דערפירן געפילן פון קינדהייט ביז צו דער קאַפּאַציטעט פון מענלעכקייט, צו קאָמפּאַנירן דעם קינדער־זין פון שטוינען און נייקייט מיט די דערשיינונגען פון יעדן טאָג אין משך פון אַן ערך פערציק יאָר, זיי נאָענט און פאַרטרויט צו מאַכן, דאָס איז דער כאַראַקטער און די פּריווילעגיע פון געניוס“.

דער דאָזיקער אורטייל איבער אַ דיכטער־פריינט, מיט וועלכן ער האָט באַוואוסט אפשר געהאַט געמיינזאַמע אידייען, — האָט אָבער געמוזט פונאַנדערגיין זיך מיט אים צוליב פאַרשידנקייט אין באַגאַבונג און פאַרמאָגן, אָט די וואַרעמע אָפּשאַצונג ווייזט קאָלערידזש׳ס זשענעראָזיטעט. אָבער אויף ווי וויט די אידייען וועגן פּאָעזיע פוןביידע דיכטער פאַלן כמעט צונויף לויט וואָרדסוואָרט — דאָס וועט זיך שפּעטער אַרויסווייזן. „הגם עס וועט געפונען ווערן אַ חילוק — זאָגט וואָרדסוואָרט ווייטער — קיין נישט־איינ־שטימיקייט אין די קאָלירן פון אונדזער סטיל וועט נישט געפונען ווערן“. „קאָלירן פון סטיל“ קלינגט פאַר אַ רעאַליסטישן ליטעראַטור־רעפאָרמער אַביסל געוואָגט. קאָלערידזש וועט ביי זיין גאַנצער פּאָזיטיווער איינשטעלונג צו וואָרדסוואָרט האָבן אַן אַנדערע מיינונג וועגן דער ענלעכקייט פון זייערע

שאַפונגען. ער זאָגט אין צוזאַמענהאַנג מיט וואָרדסוואָרט׳ס לאַנגער הקדמה, וואו ער לייגט אויס זיינע פּרינציפּן וועגן פּאָעזיע אין נאָמען פוןביידע דיכטער: „מיט אַ סך טיילן אין דער הקדמה און דעם אויסטייטש צו וועלכן די ווערטער באַרעכטיקן, האָב איך קיינמאָל נישט מסכים געווען. להיפך: איך האָב זיך קעגן זיי געווערט, האַלטנדיק זיי פאַר אַ טעות אין פּרינציפּ, און אַ סתירה, למראית עין לכל הפחות — צו אַנדערע טיילן אין דער הקדמה און אין דער פּראַקטישער דורכפירונג פון די פּרינציפּן בנוגע אַ גרעסערן טייל פון פּאָעמעס פון מחבר אַליין".

קאָלערידזש איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דער דייטשישער ראָמאַנטיק בפרט פון דייטשישער פילאָסאָפיע. ט. ס. עליאָט האַלט, אַז ער האָט פאַרשווענדעט זיינע כוחות זיך אַריינלאָזנדיק אין טראַנסצעדענטאַלער מעטאַפיזיק. „אַפילו נאָך פאַר מיין פופצנטן יאָר, האָב איך זיך פאַר־בלאָנדזשעט, זאָגט קאָלערידזש, אין דער מעטאַפיזיק און געשיכטע; פּאָעזיע האָט אפילו פאַר מיר קיין טעם נישט געהאַט". ער האָט געלייענט די גריכן אין יענע יונגע יאָרן. שפּעטער האָט ער זיך באַגייסטערט פאַר דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע. בעיקר אָבער האָט ער זיך אַריינגעלאָזט אין דער דייטשישער פילאָסאָפיע, געפּרואווט איר מעטאַפיזיק, בפרט קאַנטן, צו אימפּרעגנירן אין גייסטיקן רכוש פון ענגלאַנד. הגם וואָרדסוואָרט איז געווען אַ באַנייער, אַ רעפאָרמער אין דער ליטעראַטור — דער ערשטער ראָמאַנטי־שער דיכטער אין ענגלאַנד איז קאָלערידזש, אָפּגעזען פון די דערגייערונגען, וואָס ביידע דיכטער האָבן דאָס אין די „לירישע באַלאַדן" אויסגעדריקט. דער ראָמאַנטיקער פאַר עקסעלאַנס, מיט זיין נאָסטאַלגיע נאָכן מיטלאַלטער, זיין נטיה צו מאַקאַבערן, זיין מוזיקאַליטעט, וואָס דערוועקט די בילדער אומווירקלעך, פאַסצינירט און פאַסצינירנדיק — דאָס אַלץ איז געווען קאָלערידזש. דער טיטל צו די באַלאַדן האָט געפּאַסט פאַר ביידן. פאַר וואָרדסוואָרט׳ן, ווייל די ענגלישע באַלאַדע איז דער פאָלקלאָריסטישער אוצר, געשאַפן פון אומבאַקאַנטע אויטאָרן, אָן וועלכן וואָרדסוואָרט האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין זיינע שאַפונגען; פאַר קאָלערידזש׳ן האָבן זיי געהאַט אַ מין גאָטישע סטרוקטור, וואָס האָט געשאַפן אַ מיטלעלטערלעכע אַטמאָספערע מיטן מינע־זינגער אין וואָפן לעבן אַ שלאָס־חורבה אין אַ לבנה־נאַכט, וואָס

זינגט אַ טרויעריקע באַלאַדע. דאָס איז אויך גלייכצייטיק דער דייטשישער דעקאָר מיט אַלע אַטריבוטן.

די נאַטור האָט ער נישט געטייטשט און נישט פאַרשטאַנען אויפן דייטשישן אופן. קיין טרייסט האָט ער פון איר נישט געשעפּט. ער האָט זי דערלעבט וואָג, ווייט ווי אָן עכאָ, אָבער אויב ער איז דראַמאַטיש ווי אין „אַלטן מאַטראָז" (The Ancient Mariner) למשל, האָט ער אין זיך עפּעס פון דעם אומבאַצווינגבאַרן, אומבאַדינגטן פון דער גריכישער גורל־האַפטיקייט. ער האָט נישט בלינד נאָכגעדאַוונט דעם ראָמאַנטישן אויסקוק, אַז מען מוז אַלץ זוכן און געפינען אין דער נאַטור. „מיר באַקומען פון דער נאַטור נאָר דאָס, וואָס מיר גיבן איר. פון אונדזער לעבן לעבט די נאַטור".

אין דער רשימה פון ראָמאַנטישע כאַראַקטעריסטיקן איז איינער פון די מאַרקאַנטסטע שטריכן — דאָס וועלן איבערכאַפּן די מאָס. אין זייער דראַנג צו פאַראייניקן דעם איך מיטן ניט־איך, צו שפּרענגען דעם קליינעם תחום פון איך מיט אַן אוניווערסאַלן באַדערפעניש אויף־און אויסצוגיין אין אין־סוף, האָבן זיי זיך געשטעלט אויך נאָענטערע צילן, למשל: דאָס איבער־בעטן די וויסנשאַפט מיטן גלויבן, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די וויסנשאַפט קען אָפּערירן מיט נאָר אַ באַשרענקטן פעלד פון עקספּערימענטאַלע דער־פאַרונגען, בעת קונסט און פילאָסאָפיע קענען אויפנעמען נאָר דאָס וואָס גייט אַריבער די גרענעצן פון אונדזער באַנעם, דאָס טראַנסצענדענ־טאַלע, דערקענענדיק דאָס דאָזיקע עלעמענט פאַר ווירקלעך און רעאַל. אָפּיום, חלומות, דעמאָנאָלאָגיע, וויזיעס און התגלותן פון געטלעכן, דאָס זיינען אַלץ רעאַליטעטן וואָס דער ראָמאַנטיקער אינטעגרירט אין זיין וועלט־בילד. דאָס רעליגיעזע און דאָס איבערנאַטירלעכע, דאָס „מער זאַכן זיינען פאַראַן צווישן הימל און ערד ווי מיר קענען דאָס אין אַלגעמיין דערקענען..." שעקספּיר האָט זיך דערמיט אין אַ ברייטער מאָס באַנוצט, אָבער דאָס איז דאָך ווידער די אַלטע, די מיטלעלטערלעכע טראַדיציע.

קאָלערידזש מיט זיינע מעטאַפיזיש־פילאָסאָפישע נטיות, מיט זיין אויסערגעוויינטלעכן קריטישן זין, איז אין זיין דראַנג נאָך פּערפעקציע דערגאַנגען צו אַ זאַק־גאַס, צו סטעריליטעט, וואָס ער דריקט מייסטערהאַפט אויס אין זיין לעצטער פּאָעמע „יאוש". ער טיילט דעם דאָזיקן גורל מיט

איינעם פון די גרויסע סימבאָליסטן, מיט מאַלאַרמע... ווען דאָס וואָרט אין זיין סובלימסטער פאָרעם איז נישט געווען סובלים גענוג כדי אויס־צודריקן דאָס וואָרט. ווייל דאָס הייליקע לשון le Saint Language איז פאַר אים דאָך געווען דאָס הייליקסטע אין אַלע עולמות. ער איז דערגאַנגען אַהין, וואו עס איז קיין וועג נישטאָ.

***

קאָלערידזש איז געוויס געווען פרעדעסטינירט צו זיין דער עיקרדיקס־טער, אויב נישט דער גרעסטער פּאָעט פון זיין צייט. מיט זיין סובלימער סובטילקייט און פּאָעטישער צניעות האָט ער זיך אויסגעהיטן צו באַהאַנדלען אַ סוזשעט ווי אַ מטבע, „מען נעמט און מען רעדט". זיין פּאָעטישע פאָרעם איז געווען איינפאַך און פּערפעקט. די אויסערלעכע וועלט, איינגעהילט אין אַ נעפּל, רעפלעקטירט זיין אייגענע אינעווייניקסטע. דאָס פאַראַנענע, אויסגע־דריקט דורך אַ רמז.

די באַלאַדע פון „ליבע" איז אויסגעדריקט — אין אַ באַלאַדע. מאָדנע צוריקגעהאַלטן, מיסטעריעז. ער קרעאירט דעם פאַראַנענעם פּייזאַזש דורך דער שילדערונג פון דעם, וואָס ס׳פעלט, וואָס איז נישטאָ. אפילו נאַכטיגאַלן געזאַנג, דאָס זינגען, דאָס סווישטשען, דאָס שווערע גרין פון פּאַרק — קאָלערידזש הערט זיי מיט געשלאָסענע אויגן. מיט געשלאָסענע אויגן זעט ער די אויגן פון די נאַכטיגאַלן...

די פערזן דאַרפן אַנטלויפן, דאַרפן פליען. דעריבער ציילט ער נישט די זילבן, רעכנט ער זיך נישט שטאַרק מיט גראַמאַטיק. די הויפּטזאַך איז די אירעאַלע אַטמאָספער, וואו אַלץ איז פון אַ ביזאַרער שיינקייט, ווי באַטוי־טע צווייגן, פאַרגליווערטע אין פראָסט. אָדער ווי אין „קובלאַ־קאַן", וואו די סוטערענע טיפן פון ים זיינען מוראדיק אין זייער אומדורכדרינגלעכקייט, אָדער דער טייך, וואָס שפּייט מיט פעלזן. דאָס איז ריינסטע פּאָעטישע אינספּיראַציע אין רוי־מאַטעריאַל. דאָס איז פּאָעטישער עקסטאַז. אָפּענבאַרונגען פון יענער זייט פון באַוואוסטן, וואָס מיינט, אַז דמיון האָט די פעאיקייט צו זען אויסער־האַלב די דערשיינונגען, די אַנדערע וועלט. אַרטור רעמבאָ, וואָס האָט גע־לעבט אין זיין קורצער דיכטערישער עפּאָכע אין שטענדיקן פּחד צו פאַרלירן די פאַקולטעט פון שאַפן, האָט מיט באַוואוסטזיין זיך באַדינט מיט האַשיש.

קאַלעדידזש וואָס האָט מיט דער הילף פון דעם דאָזיקן שם המפורש זיך געטומלט אין די אויסטערלישסטע וועלטן, האָט פונדעסוועגן געוואָלט דער־פון פטור ווערן. ער האָט געקענט זיך פאַרלירן אין יענע וועלטן, אויסמעקן דעם איך און אַריינגיין אין ניט־איך, אָבער זייענדיק אַ פילאָסאָף האָט ער זיך אַליין געוואָלט באַשטעטיקן זיינע עקסטאַטישע איבערלעבונגען. אינער־לעכע וויזיע, אינטואיציע, די טיפסטע עלעמענטן פון פּאָעטישן רכוש האָט ער געהאַלטן פאַר נישט ווייט פון די עלעמענטן פון אוניווערס, פון דער עסענץ פון דער וועלט. איז ווידער פאַראַן אַ רעמיניסענץ צו רעמבאָ, זיין גלויבן, אַז דער מענטש טראָגט אין זיך אַ גייסטיקע קראַפט, וואָס מאַכט אים ענלעך צו גאָט. רעמבאָ האָט געגלויבט אַז דער מענטש קען זיין גאָט. פאַר קאַלערידזש'ן איז דיווירקלעכע וועלט דורכגעדרונגען מיט דמיון, וואָס גייט אַריבער דעם ברעג. אויסגעלייזט, ווערט דער דמיון עיקר, וואָס אַני־מירט און האַלט די וועלט. דער דמיון, די וויזיע אַליין איז שעפעריש. פאַר די רעאַליסטן איז ער נאָר דאָס מיטל צו רעקרעאירן.

פאַרבן אילוסטרירן אַמבעסטן דעם צוזאַמענהאַנג צווישן די וויזיעס. יעדע פאַרב עקזיסטירט פאַר זיך אַליין, יעדע שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט אַנדערע, מיט זאַכן אַרום, מיט ליכט און שאָטן, און יעדע קאָנסטעלאַציע שאַפט אַ ניי וועלט־בילד באַלויכטן אָדער פאַרשאָטנט, אַ נייע סימפאָניע. פאַרבן דערוועקן אויך קלאַנגען, פאַרבינדן זיך מיט קלאַנגען און אַלץ רע־אַגירט, און שפּילט, איז מיסטעריעז פאַרבונדן אָדער אָפּגעריסן. און אפילו די אָפּגעריסנקייט באַשאַפט דעם אינטערוואַל, די פויזע וואָס איז נויטיק פאַרן פּאָטענצירן אָדער אָפּשוואַכן דאָס טעמפּאָ. דער סך הכל פון דער דאָזיקער „קאָרעספּאָנדאַנס" דערפירט צו אַן איינקייט פון אוניווערס, צו אַ געמיינזאַ־מער עקזיסטענץ. די דאָזיקע איינקייט איז טראַנסצענדענטאַל. די עקסטאַ־טישע אינטואיציע פון פּאָעט אַנטפּלעקט זיך צו דער וועלט פון די חושים.

די שעמעוודיקייט פון דירעקטן אויסדרוק, פון אוממיטלבאַרן באַנוצן זיך מיטן וואָרט, האָט קאַלערידזש'ן געצוואונגען זיך צו באַהאַלטן אונטער סימבאָלן. דער שר פון די שנייען אויפן ים האָט פאַרשטעלט אפילו די סכנות פון אייזבערג.

קאַלערידזש איז געווען אַ פאַרלויפער פון סימבאָליזם און זיין בשורה איז דערגאַנגען ביז צו אונדזערע טעג.

פערסי בישי שעלעי

שעלעי איז דער „בן יקיר לי אפרים" אין דער ענגלישער ראָמאַנטיק. געבוירן אין יאָר 1792, געשטאָרבן אין 1822, צוויי יאָר פאַר בייראָנען.

ט. ס. עליאָט האַלט שעלעי'ס אידייען פאַר אַזוי ווייט אָפּשטויסנדיק, אַז ער שטעלט אַוועק די פראַגע, צי איז עס מעגלעך צו איגנאָרירן שעלעי'ס אידייען, בכדי צו קענען הנאה האָבן פון זיין פּאָעזיע? „אייניקע פון שעלעי'ס אידייען האָב איך פיינט" זאָגט עליאָט. איך האָף, אַז דער לייענער וועט — אויב ער האָט דאָס שוין נישט געטאָן פריער — זיך באַקענען מיט שעלעי'ס אידייען אין משך פון די קומענדיקע אויספירונגען. קענענדיק די אידייען פון ט. ס. עליאָטן איז אונדז זיין אַנטיפּאַטיע לגמרי פאַרשטענדלעך. הגם עליאָט ווענדט נישט אָן דעמזעלבן קריטעריום — אַזוי ווייזט אונדז אויס — צו זיך אליין.

וואָס עס שטערט עליאָטן, זיינען שעלעי'ס ליבעראַלע אידייען, וועלכע ער דריקט אויס כמעט אין יעדער שורה וואָס ער האָט געשריבן. אויך אין Defence of Poetry וואו ער זאָגט: „פּאָעזיע איז דער זיכערסטער העראָלד, באַגלייטער און נאָכפאָלגערביים דערוואַכן פון אַ גרויס פאָלק, צו ווירקן פאַר פּאָזיטיווע איבערבייט אין אַנשויאונג און אינסטיטוציע. אין אַזעלכע תקופות איז פאַראַן אַן אַקומולאַציע פון כח, צו קאָמוניקירן און מקבל זיין אינטענסיווע אוןליידנשאַפטלעכע קאָנצעפּציעס בנוגע מענטש און נאַטור. די פּערזאָנען, אין וועלכע דער דאָזיקער כוח רעזידירט, קענען אָפּטמאָל, אויף וויפל עס באַטרעפט טיילן פון זייער נאַטור, האָבן ווייניק באַשיינפּערלעכע שייכות מיטן גייסט צום גוטן, פון וועלכן זיי זיינען די טרעגער. אפילו בשעת זיי לייקענען און שווערן, זיינען זיי דאָך געצוואונגען צו דינען צו דער מאַכט, וואָס איז אַוועקגעזעצט געוואָרן אויפן אויבנאָן פון זייערע אייגענע נשמות". פּאָלעמיזירט שעלעי מיט די ט. ס. עליאָט'ס פון יעדער תקופה. די „שמוציקע אידייען שעלעי'ס" זיינען אים לגמרי נישט צום הארצן. אויך נישט שעלעי'ס השערה אַז „גרויסע פּאָעזיע איז תמיד נוטה צו אַ „פּאָפּולערן" (די געגנזנפּיסלעך זיינען פון עליאָט) „איבערבייט

אין עפּענטלעכער מיינונג אָדער אינסטיטוציע״, „דאָס וויסן מיר — זאָגט עליאָט — איז פאַלש״. ער האַלט נישט פאַר נויטיק מסביר צו זיין, פאַרוואָס שעלעי׳ס „שעביקע אידייען״ זיינען נישט נושא חן אין זיינע אויגן. ס׳וואָלט פונדעסטוועגן כדאי געווען צו וויסן, צי זיינען אים די דאָזיקע אידייען מענטש־לעך צי קינסטלעריש אַנטיפּאַטיש? עס פרעגט זיך באמת, צי זיינען זיי דורכגעגאַנגען יענעם געוויסן מעטאַמאָרפאָז, כדי ראוי צו זיין צו דערגיין צו אַ קינסטלערישער פרעגונג? צו יענער גילטיקייט, וואָס מאַכט יעדע עכטע קונסט איבערלעבן איר תקופה? עליאָט ציטירט אין זיין עסיי עטלעכע פון שעלעי׳ס לידער, פון וועלכע נאָר איינס איז ״שוואַך, די אַנדערע, לויט עליאָט׳ן אַליין, זיינען ריינע דיכטונג. אויך בנוגע די נאָרמען פון פּאָעטיק, אויף וויפל דאָס באַטרעפט זיין אייגענע שאַפונג, איז ער נישט אויסגעהאַלטן. אויב די קריטיק וועגן שעלעי איז נישט אַ פּריוואַטער געפילס־אויסברוך, נאָר דאַרף זיין אומפּאַרטייאישע קונסט־קריטיק — זיינען לויט עליאָטן קינסטלערישע לייסטונגען צו שאַצן לויט דעם, צו וועלכן לאַגער דער מחבר באַלאַנגט? די אידייען פון עזרא פּאַונד למשל שטערן ווי עס ווייזט אויס עליאָטן לחלוטין נישט *) Le Meliore Fabrigo איז דווקא שטאַרק נושא חן אין זיינע אויגן און פּאַונד איז טאַקע זוכה צו ליטעראַרישע פּרייזן, צו אויסצייכנונגען און צו עליאָט׳ס באַוואונדערונג און צו דער אומבאַגרע־נעצטער הנאה פון זיינע פּאָעטישע אויסגוסן.

עס קען געמאָלט זיין, אַז די לייזונג אין עליאָטס Cocktail Party וואו ער שיקט זיין העראָינע, פאַרשטריקט אין אַ פּערזענלעכן דעבאַקל — צו די ווילדע אַלס מיסיאָנערישע פלעגערין, כדי פון זיי געקרייציקט און אויפגעפרעסן צו ווערן, אַז די דאָזיקע קאַניבאַלישע לייזונג וועט אויך נישט אַלעמען זיין צום האַרצן. מען וואָלט קענען פרעגן מיט עליאָטס ווערטער: איז עס מעגלעך צו איגנאָרירן עליאָטס אידייען בכדי הנאה צו האָבן פון זיין פּאָעזיע?

שעלעי איז געווען יונג. ער האָט געגלויבט אין אַלעם גוטן, געגלויבט אין אויפקלערונג, אין דעמאָקראַטיע, און אין אַ שענערן מאָרגן. ער האָט

*) „דער בעסערער בעל־מלאכה״ — מיט אָט דעם טיטל באַצייכנט עליאָט פּאַונדן אין זיין ווידמונג פון "Waste Land".

אויך געגלויבט אין די פאַקטאָרן, וואָס האָבן לויט זיין מיינונג געדאַרפט ברענגען דאָס גוטע. ער האָט רעוואָלטירט קעגן די עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס, ווייל זיין פאַרמאָט האָט זיך נישט געקענט אַריינפּאַסן אין זיי. פילנדיק זיך פון דרויסן, וואָלט ער וועלן זיי פאַרבעסערן. ער האָט עקספּערימענטירט מיט פילאָסאָפישע סיסטעמען, מיט וועלט־אָנשויאונגען, ער האָט זיך איבערגעשריבן מיט פילאָסאָפן, מיט פּאָעטן און געמאָנט ביי זיי אַן ענטפער פאַר דער רעטעניש פון דער וועלט. ער עקספּערימענטירט אפילו מיט כעמישע שטאָפן, פאַרברענט זיך די פינגער, כדי צו דערגיין צו די אינטערעסאַנטע רעזולטאַטן. ער איז יונג, דעריבער פול מיט הייליקער נייגיריקייט, וואָס האָט ביי אים לכל הדעות זיך אַרויסגעוויזן אַזוי פרוכטבאַר. „דו ביסט אַלץ נאָך יונג, נאָך זייער יונג — שרייבט אַ פריינט צו אים — און אין אַ טייל עיקרדיקע הינזיכטן מערקסטו אפילו נישט, אַז דו ביסט עס".

ער איז געווען יונג, אָבער בכדי צו עלימינירן דאָס ראָבוסטע, וואָס גייט צוזאַמען מיט דעם באַגריף — איז ער געווען פון זייער אַ צאַרט געזונט, וואָס איז אויך גורם, אים נענטער צו ברענגען צו דעם וואָס איז עיקרדיק, און פאַר אַלעמען צום סובטעלן, צום איבערזינלעכן. נאָר אַזוי איז צו פאַרשטיין וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אַזאַ רייכע ירושה. ער האָט געשריבן: „קעניגין מאַב", „דער דעמאָן פון דער וועלט", „אַלאסטאָר, אָדער דער גייסט פון איינזאַמקייט", „רעוואָלט פון איסלאַם", אַ פּאָעמע פון צוועלף געזאַנגען, „פרינץ אטהאנאזע" אַ פראַגמענט, „ראָזאלינד און העלען", „יוליאַן און מאדאלאָ" (אַ קאָנווערסאַציע), „דער באַפרייטער פראָמעטעאוס", אַ ליריש דראַמע אין פיר אַקטן, „די צענצי", אַ טראַגעדיע אין פינף אַקטן, „דאָס שפיל פון אַנאַרכיע", „פּעטער בעל דער דריטער", „די צויבערין פון אַטלאַס", „עדיפּוס טיראַנוס", אַ טראַגעדיע אין צוויי אַקטן, „עפּיפּסיכידיאָן" אַ פראַגמענט, „אַדאָנאַיס" אַן עלעגיע צום טויט פון קיטס, „העלאַס" אַ לירישע דראַמע, פראַגמענטן פון אַן אומפאַרענדיקטער דראַמע, „קאַרל דער ערשטער", „דער טריאומף פון לעבן" און עטלעכע הונדערט פּאָעמעס, איבערזעצונגען פון האָמער און עוריפּידעס, עפּיגראַמען, הימנען, פראַגמענטן. ער האָט געשאַפן ווערק יעדע מינוט פון זיין לעבן.

אַזוי ווי אַרטור רעמבאָ האָט אויך שעלי זיך דערצויגן ביי די גריכן.

ער האָט ליב געהאַט צו קאָמפּאָנירן קלאַסישע גריכישע פּאָעמעס. ער שטודירט אין איטאַן, שפּעטער אין אָקספאָרד. צוליב זיין שוואַכן געזונט מסתמא קלייבט ער נישט קיין שפּאָרט־נחת און איז אין שול אַן „אַנדערער". ער פאַרנעמט זיך מיט פּראָבלעמען און לייענט לאָקן, און שפּעטער גאָדווין, וועמענס טאָכטער ער נעמט פאַר זיין פרוי. שעלעי איז איינער וואָס שטעלט דער וועלט אַן אַלטע קשיא. ער שטעלט זיך און אַנדערע מעטאַפיזישע פראַגן און דערגייט צו דער „נויטווענדיקייט פון אַטעאיזם". נאָכדעם ווי ער פּובלי־קירט וועגן דעם אַן עסיי פון צוויי זייטלעך, ווערט ער אויסגעשלאָסן פון דער אוניווערסיטעט. ער נעמט זיך אָן פאַר יעדער קריוודע. זיין ערשטע פרוי „באַפרייט ער" פון דער „טיראַניע" פון אירע עלטערן, דעריבער האָט ער מיט איר חתונה. עטלעכע יאָר שפּעטער פאַרליבט ער זיך אין מערי גאָדווין, וואָס טיילט זיינע אידייען וועגן פרייער ליבע, און אַנטלויפט מיט איר אויפן קאָנטי־נענט. די „באַפרייטע" האַריעט באַגייט דערווילע זעלבסטמאָרד.

ער פאַרעפנטלעכט זיין „קעניגין מאַב", אַ יוגנט־ווערק אייגנטלעך, נאָר אַ פּאָעטישע הבטחה וואָס האָט זיך דערפילט אין אַ פולער מאָס. און אין וואָס ער גלייבט, דערציילט ער אונדז אין דער הקדמה צום „רעוואָלט אין איסלאַם".

„...איך בין אויסן געווען זיך צו באַדינען מיט דער האַרמאָניע פון מעטרישער שפּראַך, מיט דער עטערישער קאָמבינאַציע פון פאַנטאַזיע מיט די פּלוצימדיקע איבערגאַנגען פון מענטשלעכער ליידנשאַפט, מיט אַלע די עלעמענטן, וואָס מאַכן אויס דאָס עיקרדיקע אין דער קאָמפּאָזיציע פון אַ פּאָעמע, אינעם דינסט פון אַ ליבעראַלער און פאַרשטענדלעכער מאָראַליטעט. און מיטן מיין, צו דערוועקן אין דער ברוסט פון מיינע לייענער אַ געטרייען ענטוזיאַזם פאַר די דאָקטרינען פון פרייהייט און גערעכטיקייט, אין אמונה און האָפענונג צו אַלץ וואָס איז גוט, אין אַלץ — וואָס געוואַלט־טאַט, פאַלשע אויסטייטשונג און פאָראורטייל קענען ניט אינגאַנצן אויסלעשן אין דער מענטשהייט. מיין דיכטונג האָט געדויערט זעקס חדשים. איך וואָלט זי גערן געוועזן אַרויסגעשיקט צו דער וועלט אין יענער פּערפעקציע, וואָס לאַנגע אַרבעט און רעוויזיע, זאָגט מען, זיינען גורם דערצו. איך האָב געפונען אַז אויב איך וואָלט געוואונען עפּעס פון עקזאַקטקייט דורך דעם מעטאָד, וואָלט

איך אפשר פאַרלוירן אַ סך פון דער נייקייט און פון יענער ענערגיע, פון דער בילדערישקייט, ווי זי האָט פריש געשטראָמט פון מיין מח.

...איך האָב נישט געגעבן קיין רוים צו נקמה, קנאה אָדער פאַראורטייל. ליבשאַפט איז אומעטום אַרויסגעהויבן ווי דאָס איינציקע געזעץ, וואָס דאַרף דאָמינירן איבער דער הערשנדיקער וועלט״.

ער האָט געגלויבט אין פּראָגרעס, אין די טעאָריעס וואָס די פילאָ־סאָפן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָבן אים געלערנט, פון רוסאָ וועלכער האָט בחברותא מיט אַלע אַנדערע געלערנט ביי שפינאָזאַ. ער האָט געגלויבט אין אַטעאיזם און לויט מאַקאָליי, האָט ער אים טראַנספאָרמירט אין אַ מיטאָלאָגיע, אין זיין מיטאָלאָגיע. ער גלויבט אָן אַ שמץ פון ספק, אָן אַ שמץ פון חשד. און ווייל ער האָט געגלויבט, איז ער געווען אָפּטימיסטיש, נישט ווייל ער האָט נישט געזען קיין ירידות נאָך עליות, נישט ווייל ער האָט נישט פאַרשטאַנען. אין אַ פראַגמענט פון אַ געדיכט זאָגט ער:

„אָך דאָס לעבן איז ניט אַזוי ווי איך האָב געגלויבט, כ׳האָב
אוודאי געוואוסט: ס׳איז פאַראַן פאַרברעכן און שלעכטע מענטשן
און שנאה; ניט געהאָפט אויך, אַז גראָד מיך וועט פאַרשוינען דאָס
לייד, אָבער די אַנדערע געזען האָב איך, אין אייגענעם האַרצן ווי
אין אַ שפּיגל...״

דאָס איז שוין עפּעס מער ווי יוגנטלעכע התפּעלות. דאָס איז שוין אַ ניכטערער אינטערוואַל אינמיטן פון אַ ברענענדיקן עקסטאַז, דער דאָזיקער קאָנטראַסט שטרייכט אונטער דעם חושך. דער גלויבנדיקער, דער דיכטער קען נישט תמיד שטיין אויף זיין אייגענער הויך... ער ווייסט, אַז דאָס לעבן איז נישט דאָס, וואָס ער האָט געמיינט, אָבער ער ווייסט אויך נישט, וואָס דאָס לעבן איז; און וואָס עס איז טויט, און אויף דער שוועל פון זיין טויט איידער ער שיפט זיך איין אויף זיין לאָדקע „אריאל״ צו זיין פאַטאַלער עקסקורסיע, שרייבט ער זיין פּאָעמע „טריאומף פון לעבן״.

„די טיפעניש באַזעצט צו מיינע פיס און איבער מיין קאָפּ
דער הימל, ווען אין מאָדנעם טראַנס וואַקסט אויס דער דמיון, ניט
אין שלאָף, אויך ניט אין דרימל,

דורכזיכטיק אַזוי האָט דער שאָטן זיך געצויגן,
ווי אַ טיול פון ליכט אין קלאָרקייט אויסגעוואויגן, מיט באַרגשפּיצן
אין בין השמשות, און פון לויטער גאָלד פאַרגילדעט. כ׳האָב די פרישקייט געפילט אין דעם פריבאָגין,
זיך טובל׳ען אין דעם זעלבן קאַלטן טוי,
ווי מיין גוף, ווי דער שטערן מיינער, און מיינע האָר,
אַזוי בין איך געזעסן אויף אַ באַרג פון גרין,
אונטער דעם אייגענעם קוסט אײנגעהערט זיך צו אַ מין
ווכוח אין מוזיק פון פויגל און פאָנטאַן,
און כ׳האָב פלוצים דערפילט דאַן ווי אין אַנימירטער לופט
נאָך דער בלויער, דער ווייטער צוגעקומענער אָקעאַן,
דאָ האָט אַ וויזיע זיך באַוויזן ווי אין טראַנס, איך בין געלעגן
אין וואַכן חלום, וואָס איז געווען דאַכט מיר אַזוי:
אין אַן אָפענעם וועג זיץ איך אין זומערשטויב פאַרוועבט,
ס׳שטראָמט אַ מענטשן־שטראָם אַהין און צוריק,
צאָלרייך ווי די פליגעלעך אין אָוונט גליען,
און אַלע לויפן בחפזון פאַראויס און צוריק,
און קיינער, דאַכט זיך, ווייסט ניט וואוהין
ער גייט, פון וואַנען ער איז געקומען,
אָדער פאַרוואָס ער איז איינער פון אַ סך,
און ווערט געטראָגן ווי פון המון,
הויך איבער הימל, איינס פון די מיליאָנען בלעטער
אויף אַ זומער חופה, זקנים און יוגנט, מאַנסבילן און קינדער,
געדאַכט האָט זיך, עס איז אַנטלויף
פון אייניקע,
און אַנדערע וואָס זוכן דאָס עפּעס, וואָס יענע שרעקט;
און נאָך אַנדערע, ווי מיט שריט אַנקעגן קבר
געטרעטן האָבן די ערד, באַדעקט מיט קריכנדיקע ווערים
אונטער די פיס, און אַנדערע טרויערנדיק אין עצבות,
פון זייער אייגענעם שאָטן צעריסן זיינען זיי געגאַנגען און עס
אָנגערופן טויט.

און אַנדערע זיינען גאָר אַנטלאָפן, ווי עס וואָלט געווען אַ שד,
פאַרענגט און האַלב פאַרחלשט אין זייער אייגענעם אָטעם״.

אַזוי גלויבט ער אין זיין אייגענער שליחות און אין דער שליחות פון דיכטער בכלל; „דיכטער זיינען נישט נאָר די אויטאָרן פון שפּראַך, מוזיק, טאַנץ, אַרכיטעקטור, סקולפּטור און מאָלעריי״; זיי זיינען די שאַפער פון געזעץ און די באַגרינדער פון אַ געזעלשאַפט פון בירגער און די דערפינדער פון די קונסטן פון לעבן, די לערער פון אמונה. פּאָעזיע איז דער רעקאָרד פון די בעסטע און גליקלעכסטע מאָמענטן פון די גליקלעכסטע און בעסטע מוחות״.

„... פּאָעטן זיינען די נישט אָנערקענטע לעגיסלאַטאָרן פון דער וועלט״.

געוויס האָט שעלעי געלערנט פון די בעסטע. צי איז עס געווען פּלאַטאָ אָדער דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ; ער האָט געשעפּט פון אַלע מייסטער, און ער וואָלט געווען דער לעצטער דאָס ניט דאַנקבאַר צו באַשטעטיקן. און דאָך זיינען זיינע אידייען אוראייגנסטע איבערלעבונג פון אַן עטישן תוכן, וואָס איז באַזירט אין זיין אומדערשיטערטן גלויבן אין פּראָגרעס. אָבער שעלעי גלויבט אין אינספּיראַציע, האַלט זי פאַרן וויכטיקסטן עלעמענט אין פּאָעטישן שאַפן, מיט וועלכן דער מח האָט גאָרניט צו טאָן. „דער מח בשעת דער שאַפונג איז אַ זיך פאַרלעשנדיקע קויל וואָס אַ פאַרביירווישנדיקער ווינט דערוועקט צו טראַנזיטאָרער ליכטיקייט״. דער פּאָעט איז נאָר אַ באַאָבאַכטער פון זיינע אינספּירירטע מאָמענטן, דעריבער קען ער נישט וועלן קאָמפּאָנירן. דער פּאָעט איז אַ געבענטשטער און אַ פאַרשאָלטענער אין דערזעלביקער צייט, די שאַפונג איז זיין איינציקע טרייסט. דאָס באַוואוסטזיין פון שליחות איז אַזוי שטאַרק, ווי ביי רעמבאָ, אָבער זיין תורה איז דורכגעטרענקט מיט סעקולער־הומאַניסטישע אידייען, און דער „באַפרייטער פּראָמעטעאוס״ צי „דער רעוואָלט פון איסלאַם״ שטרעבן צו מאָראַלישער אינטעגריטעט, וואו ליבע דאַרף זיין דאָס געזעץ, וואָס רעגירט די וועלט.

אָבער עס איז אפשר נאָך כדאי צו דערמאָנען שעלעי׳ס איינשטעלונג צו שפּראַך. לשון איז קרעאירט פון דמיון, לשון אליין איז שירה אין איר

העכסטן באַנעם, בעת פאַרב צי מאַרמאָר זיינען פאַר שעלעי מאַטעריע פון אינערציע. אויב די מאַטעריאַלן פאַר מאָלעריי אָדער סקולפּטור זיינען אויך חומר פון אינספּיראַציע, זיינען זיי דאָך אויסערלעך, בעת לשון איז נישט „אינערט״ און אויסערלעך, נאָר פאָראויסגעפאָרעמט אינעם מענטשן און אויף דעם אופן אַ המשך פון פּאָעטישן באַשאַף. פּאָעזיע איז אַ שטענדיקע רייניקונג פון אַן אינעווייניקסטן פילם פון געוואוינטשאַפט. שעלעי׳ס זין פאַר דער ראָל פון ריטעם אין דער פּאָעזיע איז ריין און ער זעט נישט קיין גרויסן חילוק צווישן מעטרישן פערז און ריטמישער שפּראַך און בילדלהאַפטיקייט.

אוודאי קומט אונדז, קינדער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אויס אַביסל מאָדנע אָט דער אומבאַדינגטער גלויבן אין פּראָגרעס, ווי דאָס 18טע און 19טע יאָרהונדערט האָבן אין דעם געגלויבט. מיר האָבן אפילו פאַרגעסן אַז פאַר 1914 האָבן מיר נאָך אַליין געלעבט מיט אָט דער אמונה. שעלעי אָבער גלויבט מיט דער גאַנצער כוונה פון זיין איבערצייגונג. פונדאַנען שטראָמט דער אָפּטימיזם, פונדאַנען שטראָמט די שמחה. אָבער צו פרייד מוז מען דערגרייכן. די פרייד קומט נישט אַליין. זי קומט מיט דער כונה פון גלויבן, פון האָפן, דעריבער איז טרויער טריף, ווייל זי באַשמוצט אַלצדינג, זי קאָרומפּירט אַלצדינג. איבער שעלעי׳ס אַטעאיסטישן פירמאַמענט טומלען די וויזיעס פון מלאכים, זינגענדיקע און געפּאַלענע. פּראָמעטעאוס פּאַלט, ווייל ער קען נישט צוקוקן צו די אומגערעכטיקייטן וואָס די גערעכטע טוען.

דער גייסט פון דער נאַטור איז דער גייסט פון דער פרייד;

ער איז געווען דער היפּך פון בייראָנען. בייראָן האָט נאָר געפילט ביטול צום מענטש, שעלעי האָט אים ליב געהאַט. אַלע מענטשן האָבן יחוס, פונקט ווי אַלע בלומען האָבן שיינקייט. אוודאי איז פאַראַן צווישן בלומען אַ קעניגין און זי איז גורם צו דער סובלימסטער איבערלעבונג. ער איז פול פון ליבע. אָן איר קען ער נישט שאַפן. ליבע צו פרויען, צו מענטשן, צו יעדער קרעאַטור. ער איז פול מיט האָפענונג, מיט גלויבן. פונדאַנען נעמט זיך זיין אָפּטימיזם, די מאָס פון גליק איז די אינטענסיטעט, מיט וועלכער מיר פילן דאָס גליק, מיט וועלכער מיר זיינען פאַרבונדן מיט דער נאַטור,

פונקט ווי די פרייד וואָס מיר פילן לעבן אַ געליבטן מענטשן, איז די מאָס פון אונדזער ליבשאַפט. ליבשאַפט איז שטאַרקער ווי טויט. טויט איז נאָר די שוועל צום גרויסן אַלץ, אין וועלכן מיר טרעטן אַריבער, ווען מיר פאַראייניקן זיך מיט דער גרויסער אומענדלעכער וועלט־נשמה, מיט דער וועלט־נשמה פון די ראָמאַנטיקער וואָס האָבן אַזוי געבענקט נאָך טויט:

„דאָס איינע בלייבט, שינויים גייען פאַרביי;
ליכט פון הימל אייביק לייכט, ערדישע שאָטנס פליען אַזוי
ווי לעבן, אַ דאַך פון גלעזערנע בונטע פאַרבן,
וואָס פלעקן די ווייסע שטראַלן פון דער אייביקייט און שטאַרבן".

דער גלויבנדיקער שעלעי האָט בכן געהאַט זיין אמונה. הגם דאָס איז נישט געווען דאָס קריסטנטום. דאָס האָט ער פיינט געהאַט, קעגן דעם האָט ער געקעמפט. ער איז געווען אַנטי־קלעריקאַל, ווייל ער האָט פיינט געהאַט אומטאָלעראַנץ. ער האָט פיינט געהאַט די פירשטן פון דער קירך, ווייל זיי זיינען געווען סאָלידאַריש מיט מלכים און דעספּאָטן, און ווייל די רעפּרע־זענטאַנטן פון קריסטנטום האָבן אַ רעליגיע פון ליבע פאַרביטן אין אַ רע־ליגיע פון האַס, פון אומצוטרוי און פון פאַרפאָלגונגען. דער גייסט פון דער נאַטור אין שעלעי׳ס פּאַנטעאיסטישן גלויבן איז דער אייביקער קוואַל פון לעבן. הגם ער איז אינגאַנצן וואַך צום ים פון אומרעכט, וואָס געשעט אין אַלע צייטן און באותו הרגע, איז ער פעאיק זיך אָפּצווענדן און אַוועקפליען צו דער פּאָעטיש־מיסטישער סעודה, וואו עס באַטייליקן זיך גייסטער און שטערן, מענטשן און חיות, מלאכים און שדים אין אַ געמיינשאַפט פון ליבע און רחמים, וואָס זיצט אין האַרצן פון זיין שאַפערישער וויזיע, טראַנספּאָנירט אין האַרמאָניע פון גייסט, פון נאַטור און דעם גייסט פונעם מענטשן. דער אוניווערס אַפילו איז אונטערגעוואָרפן דעם גייסט פונעם מענטשן, פון דער מענטשהייט. דער מענטש וואָס טראָגט גאָט אין האַרצן מוז דינען דווקא צו דעם גאָט אין זיין האַרצן. דאָס האַרץ, וואָס איז דער אוצר פון זיינע מחשבות פון ליבע פון איין אומטיילבאַרער מאַכט וואָס ציט צו זיך צו די עלעמענטן אַ דאַנק זיין אומווידערשטענדלעכער צוציאונגס־קראַפט. אָט דאָס גוטע עקזיסטירט שוין אין דער וועלט, מען דאַרף עס נאָר אויפדעקן, עס אַרויסברענגען צום ליכט פונעם טאָג.

דזשאָרדזש גאָרדאָן לאָרד בײַראָן

"Toi, dont le monde encore ignore le vrai nom
Esprit mystérieux, mortel, ange ou démon,
Qui que tu sois, Byron, bon ou fatal génie
J'aime de tes concerts la sauvage harmonie.
Lamartine

דער ראָמאַנטישער רעבעל, וואָס גייט אַרויס לתרבות רעה אַנטקעגן אָנגענומענעם שטייגער פון דער געזעלשאַפט — דער ראָמאַנטישער אינדיווידואַליסט, וועלכן לודוויג טיעק חלומט אין „פראַנץ שטערנבאַלד", אין „וויליאַם לאָוועל" אין אַנמעכטיקן חשק עס אַליין צו זיין, אַט די ראָלע פון דעם רעבעל מיט אַלע אַטריבוטן, און ביכולת זיי צו לעבן, געפאַלט אויף דזשאָרדזש גאָרדאָן לאָרד בײַראָן. אַ פּראָמעטעאוס אויף אייגענער פּויסט, און אויף אייגענעם חשבון. געבוירן אין 1788, געשטאָרבן אין 1829, אַן ערך פופצן יאָר נאָך וואָרדסוואָרט און קאָלערידזש, באַלאַנגט ער בכן מיט שעלעי און קיטס צום צווייטן דור ענגלישע ראָמאַנטיקער.

פּראָמעטעאוס אין כעס און אין קאַמף — אָבער אָן ליבע. ליבע אויסגעביטן אויף קליינגעלט פון סאַרקאַזם, נאָך מער — פון ציניזם, דער באַוואוסטער שוץ פון גאווה קעגן אינדיסקרעציע. ס'איז נישט דער בײַזאַרער קאַרניוואַל פון אומגערעכטיקייט, וואָס מיינט דעם אוניווערס — בײַראָן גייט אַרויס פון אייגענעם מיקראָקאָסם מיט געשאַרפטע חושים און לעבט איבער די גאַנצע אכזריות דערפון, און ראַנגלט זיך דערמיט אַלע טעג פון זיין לעבן.

ער איז געבוירן געוואָרן לאָם, קיינמאָל נישט גערעדט דערפון, אָבער אויסגעשטאַנען ענויים־קשים, כדי דערפון פּטור צו ווערן, און נישט געפועלט. קאָמפּענסירט ער די קריוודע דורך איבערנאַטירלעכע שפּאָרט־לייסטונגען פון אַזאַ מדרגה, אַז יענע, געבוירן אָן אַ מום, קענען אים נישט נאָכקומען. צו צען יאָר ווערט ער אַ לאָרד, מיט אומבאַגרענעצטע מיטלען און מעגלעכקייטן און אָן דער מעגלעכקייט אויסצומעקן די קליינע זיבלאָזע קריוו־

דע צו זיין לאָם. ער ווערט איבערנאַכט אַ דיכטער, דאָס ווערט פּאַר אים נאָר אַ געצייג צו ראַנגלען זיך, צו שיצן זיך.

אין יאָר 1807 דערשיינט זיין ערשטער באַנד שירים „שעה'ן פון ליידיק־גייין", וואָס ווערט פון דער „עדינבורגער רעוויו" אָן רחמנות אַרונטערגעריסן. פאַרעפנטלעכט ער אין אַ יאָר אַרום אַנאָנים אַ צווייטן באַנד „ענגלישע באַרדן און שאָטישע קריטיקער", וואו ער רייסט אַרונטער נישט נאָר די, וואָס האָבן אים אַטאַקירט, נאָר אויך וואָרדסוואָרט'ן און קאָלערידזש'ן. דאָס בוך האָט אַ גרויסן דערפאָלג און ער פּובליקירט באַלד אַ צווייטע אויסגאַבע, דאָסמאָל מיט זיין פולן נאָמען. ער פּרעטענדירט, אַז ליטעראַטור איז אים גלייכגילטיק, נעמט נישט אָן — לויטן פעאָדאַלן שטייגער — קיין האָנאָראַר, אפילו ווען ער געפינט זיך אין אַ שווערער פינאַנציעלער לאַגע. נאָכדעם ווי ער נעמט איבער זיין זיץ אין „הויז אָוו־לאָרדס" לאָזט ער זיך מיט אַ קליינער באַגלייטונג אין וועג אַריין. ער באַזוכט שפּאַניע, גריכנלאַנד, ציפּערן און אַלבאַניע און אַנדערע לענדער, חברט זיך אומעטום מיט באַנדיטן און דעספּאָטן און הויבט אָן צו שרייבן זיין ביאָגראַפישע פּאָעמע „טשיילד האַראָלד". אין יאָר 1813 דערשיינען די צוויי ערשטע געזאַנגען. אין 1814, „די כלה פון אבידאָס", „דער קאָרסאַר", „דער גיאַור" און „לאַראַ". ליטעראַטור הויבט אָן ווערן פּאַר אים אַן ענין. אַלט געוואָרן 24 יאָר, און זיין שם וואַקסט איבער אייראָפּע און אפילו אין ענגלאַנד.

אַוואַנטורעס, לאַנגע נסיעות, שווערע ספּאָרט־טורנירן, אַמאַרעזע אַפערעס, אַלע עקסטראַוואַגאַנצן, כדי זיך צו באַשטעטיקן, ווערן אים נמאס און ער באַשליסט חתונה צו האָבן. דער נסיון גיט זיך אים נישט איין, און נאָך אַ יאָר גייט ער זיך פּאַנאַנדער מיט זיין פרוי. די גאַנצע צייט האַלט ער אָן אַן „אַפער" מיט זיין האַלב־שוועסטער אויגוסטאַ. די ענגלישע געזעלשאַפט, וואָס ווערט לויט איינעם פון אירע געזעלשאַפטס־קריטיקער, איינמאָל אין זיבן יאָר טוגנהאַפט, קערט זיך פון אים אָפּ. נאָכדעם ווי ער פּובליקירט נאָך צוויי פּאָעמעס, די „באַלאַגערונג פון קאָרינט" און „פּאַריזינאַ", פאַרלאָזט ער ענגלאַנד אויפסניי און — אויף תמיד.

אין גענף באַגעגנט ער די שלעי'ס און קלער קלערמאָנט, וואָס הערט נישט אויף אין יוגנטלעכער עקזאַלטירקייט אים צו מאַכן חנדלעך. ער

בלייבט מיט די שעלע׳ס און איר אַרום לאַק־לעהמאַן. די באַגליקטע קלער קלערמאָן קריגט אַ מיידעלע, וואָס זיי רופן אָן אַלעגראַ.

בייראָן שרייבט אין יאָר 1816 זיין דריטן געזאַנג פון „טשיילד האַראָלד" און דער „געפאַנגענער אין שילאָן" און אין 1817 די ערשטע ווערסיע פון זיין דראַמע „מאַנפרעד". אין 1818 קומט ער אָן קיין איטאַליע, לעבט אין ווענעדיק, רוים, פלאָרענץ, שרייבט זיין לעצטן געזאַנג פון „טשיילד האַראָלד". אין דעמזעלבן יאָר הויבט ער אָן שרייבן זיין גרויסער שאָטלעכע סאַטירע אין פערזן „דאָן זשואַן" (וועגן וועלכער געטע זאָגט, אַז דאָס איז אַ ווערק פון גרענעצלאָזן געניוס) און ענדיקט זי אין 1821. אין 1822 דערשיינט זיין דראַמע „קין". ער באַגעגנט די ניינצן־יאָריקע גרעפין דזשאַטשיולי, וואָס איז פאַרהייראַט מיט אַ מאַן פון איבער זעכציק. נישט קוקנדיק אויף פאַר־שידענע זייטן־שפּרונגען, איז דאָס די לעצטע פרוי וואָס ער האָט ליב.

ער וויל עפּעס אויפטאָן, עפּעס וואָס איז כדאי. געבן זיין לעבן פאַר עפּעס, וואָס עס איז אים ווערט, באַפרייען איטאַליע, למשל. אויב דאָס ווייזט זיך אַרויס פאַר אוממעגלעך, פּרוּווט ער באַפרייען גריכנלאַנד. אין ענגלאַנד איז שוין פאַראַן אַ גרופּע וואָס האָט דיזעלביקע צילן. לאָזט זיך בייראָן אין וועג אַריין, צו קעמפן פאַר גריכנלאַנד און עקוויפּירט דעם גאַנצן פעלדצוג אויף אייגענע הוצאות. דעם 14טן יאַנואַר 1825 קומט ער אָן קיין מיסאָלאָנגהי, וואו דער פּרינץ מאַוראָקאָרדאַטאָ באַגעגנט אים מיט מיליטערישע סאַלוטן. ער שטעלט אים אין דער שפּיץ פון זיין פּלאַט.

די איבעראַנשטרענגונגען צערן זיין געזונט. אין דעמזעלביקן יאָר לייגט אים פּרינץ מאַוראָקאָרדאַטאָ פאָר צו טיילן זיך מיט זיין ממשלה איבער דרום־גריכנלאַנד. צוליב פאַרפּלייצונגען קען ער אַהין נישט קומען. דעם ניינטן אַפּריל אָבער, קען ער זיך מער נישט איינהאַלטן און לאָזט זיך רייטנ־דיק אין וועג אַריין. אַ שלאַגס־רעגן וואַרפט אים אַנידער אין פיבער. אין דע־ליריום טרייבט ער די סאָלדאַטן צום אָנגריף, אין דעם חלום איז ער דעם 18טן אַפּריל 1825 געשטאָרבן.

***

„טשיילד האַראָלד" איז די אויטאָביאָגראַפיע פון דיכטער, פונעם וואַנדע־רער, און כמעט אַלע זיינע ווערק זיינען אויטאָביאָגראַפיש. ער איז געווען פון יענע וואָס האָבן זיך בכיוון געשטעלט מחוץ למחנה. ער האָט געהאַט אַ

מוראדיקן ביטול פאַר מענטשן. צו ווייניק דיסטאַנץ און חכמה פון פאַרשטיין און מוחל זיין, האָט ער נאָר געקענט ליב האָבן, וואו ער האָט באַוואונדערט. ביי זיין אייגן פאָלק ווייזט ער אויף שטריכן פון צביעות; זיין ביטול פירט אים צו ציניזם, וואָס מאַכט אים אַנווערן ביידע וועלטן. ער איז אַ ציניקער, ווייל ער וויל זיך נישט לאָזן נאַרן. ער זעט אַן רחמנות, אָן פאַרשטייך, דעריבער איז ער נישט מוחל נישט אַנדערע און נישט זיך. ער איז אויך ווייניק נוטה זיך צו בעסערן. זיין דורשט צו זען נייע וועלטן איז אַ גיכע מידקייט זיך אַריינצולאָזן אין געזעענע. ער האָט זיך שטענדיק געפונען אין אַ צושטאַנד פון אַנטלויפן פון זיך, פון אַנדערע. ער האָט שטענדיק געמוזט פאַרגעסן. אפשר נאָר דעם פאַקט אַז ער האָט געהונקען, אפשר נאָר זיין הויכע פאָזיציע, נישט מער הויך געגנוג — אפשר האָט די ווירקלעכקייט פאַר אים פאַרלוירן דעם גלאַנץ פון חלום, און אפשר איז עס נישט געווען דער חלום וואָס ער האָט געוואָלט דערגרייכן ווי דאָס וועלן אַנטלויפן פון וואַכן.

ווען אַרטור רעמבאָ האָט עמעץ אַמאָל געזאָגט: „ער איז שלעכט געפאַלן“, “Il est mal tombé” וועגן בייראָן וואָלט מען דאַרפן זאָגן: „ער איז שלעכט געבוירן געוואָרן“ — “Il est mal né” פון וואַנען נעמט זיך די דאָזיקע מיזאַנטראָפיע? דער שטענדיקער פחד נישט צו ווערן גענאַרט? דער דאָזיקער ביטול קעגן יעדן בשר ודם, נישט אויסשליסנדיק זיך אַליין? ער האָט אויפגעדעקט היפּאָקריזיע ביי די ענגלענדער, און זיין צאָרן איז געווען דווקא דערפאַר, וואָס זיי זיינען געווען זיינע קאָמפּאַטריאָטן, דאָס האָט אים געמוזט טיפער טרעפן. כדי זיך צו אונטערשיידן ווערט ער ציניש, אויפריכטיק און אַגרעסיוו.

ער איז געווען טרויעריק. ער האָט געפילט אַ קללה איבער זיך און האָט זי פול מיט גאווה אַקצעפּטירט.

„די קוואַלן פון לעבן פאַרסמט, ס'איז צו שפּעט. נאָר איך,
איך בין פאַרביטן;

און אַלץ נאָך איך, אין קראַפט אַליין צו טראָגן
אַלץ וואָס ס'היילט קיינמאָל ניט די צייט,
און שניידן אַלץ די ביטערע פרוכט פאַר זיך, פון זיך אַליין
געגרייט“.

דעם יאוש, די אומרו, די מעלאַנכאָליע האָט ער אָקצעפּטירט מיט אַ סטאָאישער רו. ער ווייסט, אַז אַלץ איז אונטערגעוואָרפן דעם פאַרפאַל און טויט, אַז דאָס איז דער סוף פון יעדער זאַך, און סוף כל אדם. יעדע חורבה לערנט אים דאָס; אַלץ איז נאָר אַ שאָטן פון אַ חלום, איז וועגן וואָס מרעיש עולם זיין? איז שוין בעסער שווייגן. די איינציקע טרייסט איז צו קענען שווייגן, אָבער אינמיטן פון ביטערקייט און שטאָלץ איז נאָך פאַראַן ערגעץ אַ ליכטשטראַל, אַ מין אמונה, פאַרדעקט כמעט אויסגעלאָשן. ערגעץ אָבער, טליעט נאָך אַ רעשט פון עדינבורגער דערציאונג. אפילו דאָס אַרויסגעשטויסן ווערן פונעם היימלאַנד האַלט ער פאַר אַן אופן פון דערקענען זיין סופּעריאָריטעט, פון זיין זשעני. דאָך נישט איינער פון אַ סך, ער שטייט איבער זיי. ער דאַרף זיך דאָס שטענדיק באַשטעטיקן. ער איז מחוץ פון געזעץ פון די מענטשן און מחוץ פון געזעץ פון גאָט. קין, מאַנפרעד, דאָן זשואַן, די אַלוזיעס פון אַ געהיימען פאַרברעכן, אַלץ איז אַ ווידוי, נאָר איבערלעבנס־גרויס געצייכנט. קין רעדט צו לוציפער וועגן זיין שוועסטער אדא:

„מיין שוועסטער אדא — אַלע שטערן פון הימל,
דער טיפער בלויער חצות פון דער נאַכט, געצונדן פון שטראַל,
וואָס זעט גייסטערהאַפט אויס, פון גייסטער אַ וועלט,
די באַלַנס פון דאַפל־ליכט, דער זון׳ס פּרעכטיקער אויפקום
דער אומבאַשרייבלעכער אַרום און אַרום,
וואָס פילט אַן מיינע אויגן מיט טרערן פרומע,
ביז איך זע זי פאַרגיין,
און די כמאַרעס פון גן עדן אין מערב,
דער וואַלד־שאָטן, דער גרינער בוש,
פויגל־געזאַנג, וואָס דוכט מיר זינגט פון ליבע,
וואָס מישט זיך מיטן קול פון כרובים,
ווען דער טאָג שליסט זיך אַרום די טויערן פון גן־עדן
אַלץ דאָס איז גאָרניט, ניט פאַר ד׳אויגן, פאַרן האַרץ ניט
— פאַר אדא׳ס פּנים —
כ׳וואָלט געשטורמט הימל און ערד, נאָר צו קוקן, נאָר צו שטוינען...

ער קען זיין ווייך, אָבער קין איז דאָך אויך אַ פּראָמעטעאוס־פּראָטעסט קעגן עץ הדעת, קעגן זינד און חרטה און קעגן פאַרטריבן ווערן. בהסכם מיט זיין גאַנצער התנהגות איז דאָס דווקא אויגוסטא, וועמען ער איז געטריי געבליבן ביז צום סוף. נישט געגלויבט אין חרטה און נישט געוואָלט קיין מחילה, מיט פאַרצווייפלונג און מיט שטאָלץ געשטאַנען ביי זיין זינד.

אַ מענטש פון אומגעריכטע שטימונגען. אָן רצון און אָן פעאיקייט זיי צו באַהערשן. אָן דיסציפּלין, אָן סדר, מיט זינלעכער אַטראַקציע צו פּרויען, וואָס האָבן אים נישט געלאָזט צורו. אָבסערווירנדיק אין־דער־מיט פון שווים־טורנירן, שטורמישע אַוואַנטורעס, און רייט־בראַוואור־שטיק מיט אַ שאַרף געזעלשאַפט־קריטיש אויג די געשיכטע פון יענע טעג, די געשיכטע פון די טעג נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

בכלל, ווער וויל דאָס דיסציפּלינירן דאָס אורשפּרינגלעכע, דאָס קוואַל־פרישע, וואָס הייסט לעבן? נישט געשטערט פון אומרואיקייט פון סיטואַ־ציעס, פון אומשטענדן, פון צייטגייסט. אויב מען וויל איז עס ריין און ניי יעדעס מאָל, אָבער שוין קין צאָלט פאַרן עפּל פון דערקענען, און דער־קענען הייסט וויסן, אַז מ׳דערגרייכט נישט דעם קץ, און ווען דערגרייכן מיינט ראַנגלען זיך, אַריינצוברענגען סדר הגם נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אומסדר.

דער געפאַלענער מלאך גלויבט נאָר אין טויט. דאָס איז דאָס אַבסאָלוטע, דאָס דעפיניטיווע. אַלץ וואָס לעבט ווערט קאָרומפּירט פון טויט. והראיה רוים!

ער איז געקומען צום גלויבן אין קונסט, נישט ווייל דאָס איז פאַר אים דאָס עיקרדיקע. ער האָט געשריבן, כדי נישט צו מוזן שרייען, און כדי זיך נישט צו דאַרפן מוחל זיין פאַר זיין שוואַכקייט — מיט סאַרקאַזם, מיט ביטול. און דאָך זיינען די מאָטיוון ביי אים אָפטמאָל ברייטהאַרציקע. צי ליידט ער וועגן איטאַליע, צי וויל ער באַפרייען דאָס פאַרשקלאַפטע גריכנ־לאַנד, צי שרייבט ער גאָר „העברעאישע מעלאָדיעס". ער מאַכט סאַרקאַס־טישע באַמערקונגען וועגן דער התנהגות פון די אומות העולם צום יידישן פאָלק, דאָס הייסט ער זעט דאָס גורלדיק טראַגישע נישט נאָר אין די אייגענע ד׳ אמות. אמת, אין אַ בריוו צו מור׳ן געפינט ער פאַר נויטיק, צו מאַכן

שפּאָטישע אָנדייטונגען וועגן דער דאָזיקער שוואַכקייט פון האָבן געשריבן העברעאישע מעלאָדיעס. אָבער דאָס איז אירעלעוואַנט.

ער איז ניט געווען שוה בשוה מיט דעם פענאָמען, וואָס הייסט לעבן. ער האָט זיך געראַנגלט דערמיט דורך אַנטלויף אין יעדער פאָרעם. מיט פּאַסיאָנען עקסטראַוואַגאַנצן, מיט אַלץ, וואָס האָט געפּרואווט רעאַגירן אויף זיין אייבערלעכן כעס, וואָס האָט אין אים געקאָכט. און דערמיט האָט ער זיך דאָס לעבן אַנדערש געמאַכט. טראַנסצענדענטירט ער עס אין זיינע העלדן, וואָס זיינען שטענדיק געווען דער העלד — ער אַליין. זיי האָבן אים איבערגעלעבט, און בכן דערגאַנגען צו אַ פאָרעם פון אַבסאָלוטן. איז קונסט בכן דאָס אַבסאָלוטע, האָט ער דאָך דורך דער קונסט מנצח געווען. (עס האָט עמיץ וועגן בייראָנען געזאָגט: „אָנשטאָט צו זיין אַ סאָציאַלע פּערזענלעכקייט איז ער געוואָרן אַן אויסערגעוויינטלעכע".) אַלע די דאָזיקע אימאַזשן פון זיך אַליין, נאָר נאָך פרייער און אומגעבונדענער, זיינען אָנגעפילט מיט אַן אומענדלעכן לעבן, וואָס ער האָט זיי געגעבן, מאַכענדיק זיי אומשטערבלעך און דערמיט זיך אַליין. „איך וואָלט נישט געקענט שרייבן איבער עפּעס וואָס וואָלט נישט געווען אויפן סמך פון אַן אייגענער איבערלעבונג"...

איז זיין ווערק אַ קאָנפעסיע און זיין לעבן, אַ פּרואוו זי אויסצודריקן. שטעלט ער זיך אַליין אין קאָן און שפּילט זיך אַליין, ערנסט און מיט פּאַסיאָן, לויטן פאַרבאָרגענעם ריטעם פון זיין נאַטור. דאָס שפּיל איז אויפריכטיק. קינסטלעריש אויפריכטיק, לויטן ראָמאַנטישן שולחן ערוך, קודם כל אויסצודריקן זיך אַליין. די איינציקע אויפריכטיקייט וואָס גילט. דער רעקאָרד פון אַ מאָמענטאַנעם געפיל, אפשר פאַרן מאָמענט ביזאַר אויסגעדריקט, אין קינסטלערישן גלגול עפּעמער און אייביק, אין יענער איינציקאַרטיקער פּרעגונג, וואָס איז גילטיק; אַזוי ווערט קונסט אַבסאָלוט ווי דער טויט, און איז אפשר מנצח דעם טויט.

קינסטלערישער אמת איז אַ מעטאַמאָרפאָזע פון אמת דערלעבטן. אַ מעטאַמאָרפאָזע איז נישט קיין פאָטאָגראַפיע. בייראָן פילט דאָס און היט זיך דערפאַר און מילדערט דעם אמת דורך ציניזם. אַן אמת ראָמאַנטישער דרך. טיעק און שלעגעל האָבן איראָניע, בפרט נאָך פאַרשאַרפט דורך ציניזם, געהאַלטן פאַר דער שענסטער צירונג פון ראָמאַנטישן באַנעם.

אָבער דער ציניזם מאַכט בייראָנס אמת אמתדיק. ער האָט דעם טעמפּעראַמענט פאַר ראָמאַנטישער עמאָציע און שאַפט אַן אַטמאָספער פון אומגעריכטן, פון העראָאישן, פון אויסעראָרדנטלעכע געשעענישן, קאַטאַסטראָפעס, קאַפּריזן פון גורל. דאָס לעבן אַליין טראַנסצענדענטירט דאָס געגעבענע, און זיין אמת מייסטערווערק איז זיין לעבן גופא.

נאָך אַ נאַכט פון גלאַנץ און ליבע האָט ער געוואָלט שטאַרבן פאַר עפּעס וואָס איז כדאי, ער האָט געוואָלט באַפרייען גריכנלאַנד.

דאָס דריטע אַבסאָלוטע איז די נאַטור, זי איז זיין פּאָטענצירט איך. ער האָט זי ליב, ווען זי איז ווילד און שטורמיש און נאָר „ווען די עלעמענטן וועלן צוריקגיין צו עלעמענט און דער שטויב וועט זיין, וואָס ער דאַרף זיין, וועל איך נישט פילן אַלץ וואָס איך בין מיט ווייניקער פּראַכט, נאָר הייסער?“

די נאַטור מעג מען ליב האָבן, זי איז נישט אונטערגעוואָרפן קיין שום מאָראַל. מען מעג זיך פילן איינס מיט איר און מען דאַרף זיך נישט שעמען דערמיט, מיט די באַרג־שפּיצן, וואָס שפּילן זיך מיט בליצן ווי טיטאַנען. דעם אָקעאַן מעג מען ליב האָבן, ווי ער באַזינגט דאָס אין אַ הימן אין „טשיילד האַראָלד“:

„וואָלט מדבר נאָר געווען מיין הויז און היים,
מיין בעל עצה אַ נשמה ריין,
וואָס וואָלט מאַכן פאַרגעסן מיך דעם מענטשן־דור,
און ניט האַסנדיק קיין איינעם —
וואָלט איך ליבן קענען זי אַליין —
עלעמענטן איר! אין וועמענס פאַסצינירנדיקן רעש,
איך פיל אַזוי דערהויבן זיך —
קענט איר דען ניט שענקען מיר אַזאַ געשטאַלט,
וואָס ווי מיר דאַכט געפינט זיך דאָ אויף יעדן אָרט?
נאָר ניט באַשערט איז אונדז מיט זיי צו בייטן נאָר אַ וואָרט.
פאַראַן אַ נחת אין די וועלדער אָן אַ ברעג,
אַ שמחה אָן אַ שיעור אויף אַן איינזאַמען ברעג,

חברשאַפט וואו ס'וואַרפט קיינער זיך ניט אויף
ביים טיפן אָקעאַן ;
און רוישן פון מוזיק, אין זיין וויטן שפּאַן ;
ניט ווייניקער ליב איך מענטשן,
נאָר נאָך מער נאַטור ;
פון די באַגעגענישן פון וועלכע איך נעם
פון אַלעמען, וואָס איך בין און קען זיין,
וואָס כ'בין פריער נאָך געווען
אין יחוד מיטן אוניווערס,
און איך פיל וואָס כ'קען דאָ ניט מרמז זיין,
ניט לגמרי פאַרבאַהאַלטן, און ניט דערגיין *).

אַ שוואַרצע טאַט, אַ טונקעלער סוד. דאָס האָט געשוועבט איבער גאַנץ איראָפּע, אין שאַטאָבריאַנ'ס „רענע" יאָ! אפילו אין געטע'ס „ווערטער", אין נאָוואַליס'עס דערקלערונג אַז מען דאַרף ליב האָבן די קראַנקהייט ווי אַ געליבטע און זי האַלטן פעסט אין די אָרעמס. נישט אויסצודענקען בייראָנס איבעררעשונג און זיכער נישט זיין צאָרן ווען דער דאָזיקער אומבאַזיגבאַרער זיגער וואָלט זיך פּלוצים געזען ווי אַ קרבן פון אַ פּסיכאָז וואָס האָט גראַסירט אָן רחמנות, אין וועלכן די מחברים האָבן זיך וואוילגעפעליק געשפּיגלט מיט מער אָדער ווייניקער גאווה און מיט אַ באַרג פון קאָנפוזע קאָנצעפּציעס.

די ראָמאַנטיקער פון ביידע זייטן פון קאַנאַל, און בפרט אין דייטשלאַנד, האָבן געזוכט צו פאַרטייטשן דאָס נייע צו וועלכן זיי האָבן אַספּירירט אין פאָרעם און אין מעטריק, אָדער וועלט־אַנשוילעך דאָס באַקאַנטע וועלן צוריקרוקן דעם זייגער „צו גיין אויף הינטערווילעכץ" ביז צום ריטערטום וואו וואָטאַן טוט אָן אַ קריסטלעך מענטעלע און מצורעים ווערן געהיילט ווען עס באַרירט זיי אַ ריינע יונגפרוי — פון אַזעלכע ביגאָטישע אַספּיראַציעס האָט זיך בייראָן געפילט פריי.

ער לאַכט זיך אויס פון אַלע אינסינואַציעס און איז אין דער פאָרעם אַבסאָלוט קלאַסיש, ער האַלט פּאָופּ'ן פאַרן גרעסטן ענגלישן פּאָעט. אין אַ בריוו צו טאָם מור פונעם 21 מאַי 1821: „איך האָב אים תמיד באַטראַכט

*) פון „טשיילד האַראָלד", קאַנטאָטע IV, סטראָפן 127—128.

פאַרן גרעסטן נאָמען אין אונדזער פּאָעזיע. פאַרלאָז זיך דערויף, די איבעריקע זיינען באַרבאַרן. ער איז אַ גריכישער טעמפּל מיט אַ גאָטישער קאַטעדראַלע פון איין זייט און אַ טערקישע מאָשיי און אַלע מינים פון פאַנטאַסטישע פּאַגאָדאַס און קאָנוועגטיקלען אַרום אים. דו מעגסט אָנרופן שעקספּיר'ן אָדער מילטאָנ'ען פּיראַמידן אויב דו ווילסט, אָבער איך האַלט מער פונעם טעמפּל פון טעזעאוס אָדער דעם פּאַרטענאָן ווי פון אַ באַרג פון געברענטער ציגל־אַרבעט".

די ראָמאַנטישע אָרנאַמענטן, די רואינעס, די כמאַרעס, די שטורעמס, דער גן עדן, פאַר ווענמענס פאַרשלאָסענע טויערן ער שטייט מיט זיין שוועסטער אדא, אַלץ דאָס איז פּאַראַן, ווייל עס איז זיין לעבן, וואָס ער שפּילט, עס איז זיין שפּיל, וואָס ער לעבט, וואָס מאַכט אים צום ראָמאַנטיקער.

בייראָן האָט אפילו נישט בדעה געהאַט צו זוכן אָדער אויסטרעטן נייע ליטעראַרישע וועגן. עס איז זיין לעבן, זיין שטימונג, נישט זיין סטיל, וואָס מאַכט בייראָנען פאַר אַ ראָמאַנטיקער. זיין סטאַנדאַרד איז פון זיין תקופה: רעאַליזם, געשטייגערט דורכן פּיטאָרעסקן פון זיינע איבערלעבונגען, פון זיין דערשיינונג.

דזשאָן קיטס

דער יינגסטער פון צווייטן דור ענגלישע ראָמאַנטיקער — וואָס זיינען צוליב אַ מאָדנער גורל־געמיינשאַפט אַלע געשטאָרבן יונג — איז געווען דזשאָן קיטס (Keats). ער איז נישט געווען באַלאָדן מיט יחוס ווי בייראָן למשל, אָדער אפילו שעלי, וועמענס אידייען עס האָבן זיך דערצו נאָך קאָנפליקטמעסיק אָנגעשטויסן אָן די קאָנווענציעס. קיטס איז געווען ליב־האַרציק, איינפאַך, אָן משפחה־קאָנפליקטן, מיט נאָרמאַלע צערטלעכע גע־פילן צו עלטערן, וועלכע זיי האָבן געטיילט. ער האָט ביידע פריצייטיק פאַרלוירן, אויך אַ געליבטן ברודער, וועלכן ער האָט געטריי געפלעגט ביז דער לעצטער מינוט.

דזשאָן קיטס איז געווען באַשטימט פאַר אַ פשוטער קאַריערע און געדאַרפט שטודירן פאַרמאַקאָלאָגיע וואָס איז בשעתו געגאַנגען אינאיינעם מיט כירורגיע. הגם ער האָט זיינע שטודיעס פאַרענדיקט, האָט ער אין דעמזעלבן מאָמענט באַשלאָסן נישט מאַכן דערפון קיין שום געברויך.

„סובווערסיווע אידייען" האָט ער אויך געהאַט נאָר למראית עין. ער איז געווען אַ פריינט פון ליי האַנט (Leigh Hunt) פּאָעט און ראַדיקאַלער זשורנאַליסט און דאָס האָט אים שוין ממילא געשטעמפּלט פאַר אַ ראַדיקאַל. אַזוי ווי ער איז געווען אַ זון פון פשוטע עלטערן (Cockney), האָט זיך די קאַזיאָנע קריטיק אויף אים געוואָרפן אָן שום שהיות.

שוין צו פופצן יאָר פאַרנעמט ער זיך אויף אַן אינטענסיוון אופן מיט לייענען ליטעראַטור. ער האָט נישט קיין קלאַסישע בילדונג און לייענט די גריכן למשל נאָר אין איבערזעצונגען. האָמערן אַנטפּלעקט ער אין דער איבערזעצונג פון טשאַפּמאַן און ער ווערט אַזוי עקזאַלטירט, אַז ער שרייבט תיכף אַ סאָנעט: „נאָכן ערשטן קוק אין טשאַפּמאַנ׳ס האָמער".

אינטערעסאַנט זיינען די ערשטע שורות וואו ער היט זיך שוין פאַרן דירעקטן ריידן — פאַר „נעמען און ריידן".

„וויט האָב איך געוואַנדערט איבער פעלדער פון גאָלד, אַרום אַ סך מערב־

דיקע אינזלען בין איך געווען און אַ סך מדינות פיינע און מלוכות געזען, וועלכע באַרדן האַלטן פאַר אַפּאָלאָן אין זאָלד".

דאָ איז שוין עפּעס אין געוועב פון דער שפּראַך וואָס ווירקט דורכאויס מאָדערן. וואָס עס ווערט דערציילט איז ביי דער גאַנצער פּשטות דאָך דערציילט קאָמפּרימירט און אין רמזים.

וואָס די שורות מיינען איז: איך האָב געלייענט אַ סך גוטע ביכער... די יראת הכבוד פון האָבן זיך באַוועגט „אין די פעלדער פון גאָלד"...

צו ניינצן יאָר פאַרענדיקט קיטס זיין פּראָפעסיאָנעלן שטודיום, און גייט תיכף זיין אַנדערן וועג, דעם שווערערן, דעם וועג פון זיין רוף.

ער באַפריינדעט זיך מיט „אַפּאָלאָ׳ס תלמידים", מיט שרייבער און מאָלער פון זיין צייט. שעלעין אָבער באַהאַנדלט ער קאַלט, צוליב שעלעי׳ס אַריסטאָקראַטישער אָפּשטאַמונג. זיין געדיכט „שלאָף און פּאָעזיע" פּרואווט געבן אַן „אני מאמין" וועגן זיינע קינסטלערישע אָנשויאונגען, וואָס זיינען בעצם ראָמאַנטיש און וואָס האָבן בשעתו געמיינט רעוואָלט קעגן קלאַסיציזם. און בכדי די דאָזיקע אידייען צו אונטערשטרייכן, אַטאַקירט ער „אַ געוויסן באַאַלאָ" — דער נאָמען וואָס איז געווען דער באַגריף פון פראַנצויזישן קלאַסיציזם.

אויך די ענגלישע פּאָעטן דריידן און פּאָפּ שניידן נישט גוט אָפּ אין דערזעלביקער פּאָעמע.

ער איז אַ ראָמאַנטיקער, ווי ער איז אַ ראַדיקאַל, אָבער דאָס ליגט ביי אים לגמרי אויף דער אויבערפלאַך. ער האָט ליב די פּאָעזיע, פאַרגעטערט די שיינקייט מיט אַ קינסטלערישער כוונה, וואָס וואַקסט פון עקסטאַז צו מיס־טיציזם.

La Belle Dame sans Merci (די שיינע דאַמע אָן רחמנות), איר יחוס קען מען צוריקפירן ביז צו דער מוטער חוה, צו לילית, איבער דער ספינקס, די סירענעס, העלענא, קלעאָפּאַטראַ ביז צו נענטערע פרויען — מאָנסטערס ווי די באָרגיאַ׳ס, און אפילו באַדלערס מולאַטין קען מען אַריינרעכענען אין דער שורה פון פאַטאַלע פרויען, וואָס זיינען אויסן געווען צו פאַרדאַרבן דעם מענטשן. יעדע תקופה אין דער ליטעראַטור און אין לעבן איז אונדז באַשערט צו האָבן אַ פּאָר אַזעלכע פרויען־טיפּן. די רענעסאַנס וואו דער

באָדן האָט אפשר באַפרוכפּערט די מענטשלעכע פאַנטאַזיע, די צענצי׳ס, לוקרעציאַ באָרגיאַ, זיינען אפשר די „עלטער־באָבעס״ פון מאַנאַ ליזאַ?

דער ראָמאַנטיזם מיט בייראַנ׳ען בראש האָט דידאַקטיקע בכבודיקע פּאָזיציע נישט איבערגעלאָזט דער פּרוי אַליין. בייראָנ׳ס העלדן האָבן דיזעל־ביקע בלייכע צורה מיטן באַוואוסטזיין פון געהיימער זינד. און עטעמט ברענ־טאַנ׳ס בריוול צו גילדעראָדע ווייניקער עראָטישע גרויזאַמקייט אין זיין הבטחה, אויפצושניידן אירע אָדערן כדי זיי זאָלן שפּריצן ווי פאָנטאַנען און זיך פאַרמישן מיט זיין בלוט? שלעגעל׳ס לוצינדע האָט אפשר אויך געדאַרפט זיין אַזאַ מין פאַטאַלע פּרוי, ווען דער מחבר וואָלט געווען האָבן מער טאַלענט. און אַט זעען מיר טאַקע אונזער דזשאָן קיטס מיט זיינע קוים צוואַנציק יאָר ווי ער מאַכט צווייטאַל דעם פּראָוואו (אין „אָוונט פון דער הייליקער אגנעס״ און „די שיינע פּרוי אָן רחמנות״) צו בוקן זיך צו דער פאַטאַלער פּרוי.

ער לעבט אין אַ קרייז פון ליבעראַלע פריינט, טיילט מסתמא זייערע אידייען אָבער אָן אמתן האַרצוויייטאָג איבערלאָזנדיק אַלץ צו השגחת הבורא, ווי פאַרבאָרגן די דרכים זאָלן נישט זיין. ער האָט געטיילט מיט אַרטור רעמבאָ דעם שווערן עול פון זען ווייטער ווי די אייגענע איבערלעבונג. „איך זע אַ שול־יינגל, ווען איך טראַכט וועגן אים — שרייבט יעיטס מיט הונדערט יאָר שפּעטער — פּנים און נאָז צוגעדריקט צו אַ פענצטער מיט נאַשעריייען...״

קיטס איז געווען אַ קינד פון פאָלק, און בייראָן, וועמעס ספּאָרט עס איז געווען בייזוויליקער סאַרקאַזם, האָט אָפט חוזק געמאַכט פון דעם קאָקניי־פּאָעט וואָס האָט פאַר זיינע אַספּיראַציעס נישט פאַרמאָגט מער ווי זיין טאַלענט און ליבשאַפט צו פּאָעזיע.

ער האָט נישט געקענט קיין גריכיש, אָבער נישט נאָר פון טשאַפּמאַנ׳ס איבערזעצונג פון האָמער קומט זיין ליבע צו גריכנלאַנד, נאָר פון דער פּאָעזיע פון עליזאַבעטאַנישן דור, פון דער פּאָעזיע פון 17טן יאָרהונדערט. עס איז געווען דווקא די גריכישע מיטאָלאָגיע, פון וועלכער די ליטעראַטור סיי פון דער רענעסאַנס סיי פון שפּעטער, איז געווען דורכגעזאַפּט מיט אַלוזיעס, מיט אַלעגאָריעס אפילו פון גריכישן מיטאָס.

אָבער בדרך כלל האָט ער געשעפּט פון זיך אַליין, אויב מען קען אַזוי זאָגן, ד. ה. ער האָט געהאַט צוויי אָפענע אויגן, וואָס האָבן געקוקט, געזען און זינלעך אַבסאָרבירט. „איך בין געשטאַנען אויף שפּיץ פינגער אויף אַ בערגל ווינציק קליין...” דערמאָנט דאָס ניטאָ רעמבאָ, ווען ער שפּאַצירט אָן זאָרג איבער די פעלדער "par la nature comme avec une femme" (איבער דער נאַטור ווי מיט אַ פרוי)?

ווירקלעכע אָבסערוואַציעס, ווירקלעך איבערגעלעבט.

זיין „ענדימיאָן”, דער נאָמען אַליין פאַרשכורט אים ביז גאָר. דער יונגער פּאַסטוך, אין וועלכן די געטין דיאַנאַ פאַרליבט זיך, קומט צו אים אין חלום, אָבער זי פאַרלאָזט אים און ער מוז זי זוכן. ער מוז, ווייל ווענוס הייסט אים זוכן. ער דערציילט דאָס אין פיר טויזנט שורות. ער פלעכט דאָ אַריין אַלץ, וואָס געפינט חן אין זיינע אויגן. דעם גאַנצן לאַבירינט פון אוניווערס מוז „ענדימיאָן” אויספאָרן, אונטערערדיש און איבער־ערדיש, און ער באַגעגנט זיך מיט אַלע שררות אין פאַרשידנסטע דימענסיעס, ווענוס און פאַן, אַדאָניס און קיבעלע, נעפּטון און באַקכוס, און אַלץ געשילדערט נישט געצוימט פון קיין שום צוריקהאַלטונג.

די פלאי פלאים וואָס קומען פאָר אין „ענדימיאָן”! ענדימיאָן דערציילט דאָס אַלץ זיין שוועסטער פּעאָנאַ. אַ געטין איז פאַרליבט אין אים און ער, ער איז אויך נישט פון אייזן. דאַרף ער זי זוכן. בפרט ווענוס דערמוטיקט אים דאָס צו טאָן. אָט דאָ הויבן זיך אָן די אַוואַנטורעס פון זיך פאַרלירן און געפינען. אַדלערס טראָגן „ענדימיאָן”. און ווער ווייסט וואָס נאָך. די וועגן זיינען זייער פאַרוויקלטע, אויב אַ פּשוטער בשר ודם הויבט אויף די אויגן צו אַ געטין... אַמאָל פירט אים אַ זומערפויגעלע דורך סוטערענע טעמפּלען און דאָרט באַגעגנט ער אַדאָניס און טאָקע נאָכאַמאָל ווענוס, וואָס הייסט אַלץ נאָך זוכן די געליבטע. וואָס פאַר אַ לאַנדשאַפטן און וואָס פאַר אַ באַ־דינגונגען? אים קומט אויס צו באַגעגענען קיבעלע. אַ סך נסיונות וואַרטן נאָך אויף אים, אַ סך פירונגען און פאַרפירונגען. נאָך די סוטערנע פאַר־שונגען לאָזט ער זיך אין וועג צו די איבערערדישע, עליזעאישע פעלדער מיט פאַרצויבערטע פרינצן און אינדישע יונג־פרויען און סוף כל סוף — די געליבטע געטין. דער סאַמע באַגריף פון יענער אידעאַלער שיינקייט, צו

וועלכער קיטס איז אויסן, פאַר וועלכער עס איז שוין סוף כל סוף כדאי זיך צו געזעגענען מיט די ערדישע גליקן.

די פּאָעמע ווערט נישט פריינטלעך אויפגענומען. ער פלעגט זיין טויט־קראַנקן ברודער און חלומט וועגן פּאָעזיע. ער ליידט פון זיין אַנטלויפן אין חלום אַריין, אָבער ער קען נישט אַנדערש.

אָנהויב דעצעמבער שטאַרבט זיין ברודער. ער לאָזט איבער די דירה און לעבט מיט אַ פריינט. באַלד פאַרליבט ער זיך אין אַ יונג מיידל מיט אַ ליידנשאַפטלעכן אימפּעט וואָס וואַקסט ביז צו פּיין. דערווייליע ווערט ער קראַנק. פריינט פלעגן אים זייער געטריי, אָבער די יונגע דאַמע, מיטן נאָמען פאַני בראַון, באַשליסט אים אַריינעמען אין הויז פון איר פאַמיליע און אים אַליין פלעגן. זיין צושטאַנד ווערט אָבער דאָך נישט בעסער. די שעלע׳ס פאַרבעטן אים קיין איטאַליע. ער זאָגט זיך אָפּ, אָבער ווען דאָקטוירים וואָרענען אים קעגן אַ ווינטער אין ענגלאַנד, באַשליסט ער צו פאָרן קיין איטאַליע (נישט צו שעלע׳ס) באַגלייט פונעם מאָלער סעווערן. זיי קומען אָן דעם ניינצעטן סעפּטעמבער קיין נעאַפּל. פון שיף שרייבט ער נאָך די לעצטע פּאָעמע, אַ סאָנעט און פון דעמאָלט אָן נאָר בריוו, וואָס זיינען פול מיט ליידנשאַפט און לייד צו דער געליבטער פאַני בראַון. דידאַזיקע בריוו האָט קיטס קיינמאָל נישט באַטראַכט פאַר קיין פּאָעטישן מאַטעריאַל און געוויס איז אים נישט איינגעפאַלן זיך דערמיט צו באַנוצן. מיט רעכט זאָגט וו. ה. אָדן אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאַרעפנטלעכטע בריוו:

„אין זיי האָט קיטס אויפגעהערט צו זיין אַ פּאָעט און איז געוואָרן אַ פּאָעטישער סוזשעט, די מענטשליכע נאַטור אין אַן עקסטרעמער עקזיס־טענציעלער סיטואַציע פון לייד און פאַרצווייפלונג". אָבער אויך וועגן קונסט און עסטעטיק זיינען פאַראַן אין די בריוו זייער אינטערעסאַנטע באַמערקונ־גען.

**
*

דזשאָן קיטס האָט געשריבן פּאָעזיע אין משך פון פיר יאָר. פיר יאָר פון קינסטלערישער שאַפונג אָן אַדעקוואַטער דערציאונג, מיט אַ גליענדיקער ליבע צו גריכישער מיטאָלאָגיע, נישט קענענדיק אפילו די שפּראַך. די־זעלביקע ליבע צו נאַטור און פאַר אַלעמען צו שיינקייט.

„אַ זאַך פון שיינקייט איז אַ פריידן אויף אייביק,
ס'וואַקסט איר ליבליכקייט און ניט לאָזט אָפּ גייט איר חן,
נאָר שטיל נאָך האַלט זי פאַר אונדז אַ שאָטן־בלעטער קלייד,
פאַר שלאָף און זיסן חלום,
פאַר געזונט, פאַר עטעמען בשלום,
מיט זיך און מיט דער וועלט".

די שיינקייט פון לעגענדעס! נישט ווי די העלדן זיינען, נאָר ווי אונדזער דמיון זעט זיי, ווען ער באַהעפט זיך מיטן עבר, און זייערע גרויסע טעג מיט זייערע גרויסע גורלס. עס איז נישט וויכטיק וואָס פון ים התיכון ווערט דער פּאַסיפיק און וואָס דער העלד דאַרף הייסן באַלבאָ און נישט קאָרטעז און וואָס דער אָרט איז נישט קאָרינט אָדער מעסינאַ. נאָר דער שפּיץ פון אַ באַרג וואָס הייסט דאַריען.

דאָס לייענען איז דער רוימאַנטעריאַל וואָס צינדט אָן דעם פונק, אָדער טרייבט אונטער דעם זאָמען, וואָס בליט זיך פאַנאַנדער מיט בלאַט און בוים בלום און שמעטערלינג און חיות און אַ פירמאַמענט מיט זונען און לבנות, וואָס שיטן זייערע גאָלדן און בלויען איבער „היפעריאָן". בערך אין דער־זעלבער צייט שרייבט העלדערלין, וואָס איז דווקא געווען אַ גריכאָלאָג, זיין „היפעריאָן", וואָס איז אַ מין ראָמאַן אין בריוו, אַ מין מוסר, אַ מין קריטיק, איבער זיין אייגן דייטשלאַנד, נאָר די סצענע קומט פאָר אין גריכנלאַנד.

קיטס' „היפעריאָן" איז אַלץ אינספּירירט פון דער קלאַסישער מיטאָ־לאָגיע. די פאָרעם איז נישט געבונדן, ער באַנוצט זיך מיט ווייסע פערזן, אַן עפּאָפּעיע וואו די טיטאַנען רעוואָלטירן קעגן די געטער פון אָלימפּ. די צווייטע ווערסיע פון דער פּאָעמע איז אַן אָפענבאַרע וויזיע פון אַ געטין, פון דער ראַסע פון געפאַלענע געטער. די געטין איז אַ פּריסטערין, איינ־געהילט אין שלייערס און אין רויך פון די בשמים. זי דערציילט די לעגענ־דע פון פאַל פון סאַטורן. די פּאָעמע איז געבליבן אַ פראַגמענט, ווייל די קאַלטע באַגעגעניש פון „ענדימיאָן" האָט אים אַנטמוטיקט צו פאַר־ענדיקן „היפעריאָן".

געוויס האָבן די בייזע קריטיקן נישט געהאָלפן אים אין זיין שווערן מצב

און געזונט אָבער ס'איז מסתמא איבערגעטריבן אַז דאָס האָט גורם געווען זיין טויט.

אין אַ בריוו צו לאָרד האָפּטאָן איז פֿאַראַן אָט די באַמערקונג פֿון קיטס אין דעם צוזאַמענהאַנג: „קריטיק לשבח אָדער לגנאי האָט נאָר אַ ציטוויייליקן עפֿעקט אויף אַ מענטשן, וועמענס ליבע צו אַבסטראַקטער שיינקייט מאַכט אים פֿאַר אַ שטרענגן קריטיקער פֿון זיינע אייגענע ווערק. מיין אייגענע, היימישע קריטיק האָט מיר גורם געווען אַ סך מער צער ווי Blackwood* אָדער Quarterly Review* וואָלט געקענט מיר פֿאַרשאַפֿן. אויב איך פֿיל, אַז איך בין גערעכט, קען מיר קיין שום אויסערלעכער לויב נישט געבן אַזאַ גליק, ווי מיין אייגענע איינזאַמע איינזעעניש און ראַטיפֿי־צירונג פֿון דעם, וואָס עס איז גוט".

די פּאָעמע „לאמיא" איז נאָך געשעפּט פֿון דער גריכישער מיטאָלאָגיע, וואו דער שיינער ליציוס פֿון קאָרינט פֿאַלט אַ קרבן צו דער ליבע פֿון אַ שלאַנג, וואָס פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ שיינער פֿרוי. די פֿאַרשווערונג, די אויס־שטאַטונג, די שיינקייט מיט וועלכער דאָס פֿעסט ווערט געשילדערט, איז אַ רויש פֿאַר די חושים. אינמיטן פֿון פּראַכט און גלאַנץ איז פֿאַראַן אַן עלע־מענט פֿון אומהיימלעכן. אפֿילו דער „משולח" איז פֿאַראַן, דער אומגעבעטענער גאַסט, וואָס דערפֿירט די גאַנצע באַרוישנדיקע דראַמע פֿון די חושים צו זיין טראַגישן צעפֿאַל, צום נישט.

די באַלאַדע זאָל האָבן אַן אויטאָביאָגראַפֿישע אַלוזיע, וואו קיטס האַלט נאָך פֿאַנאַנדער די אייביקע שיינקייט פֿון דער קונסט פֿון יענער, וואָס איז פֿאַרגענגלעך... יעדנפֿאַלס דאָס ראָמאַנטיש־מאַרבידע קומט דאָ צום פֿולן אויסדרוק.

---

*) צווי ענגלישע זשורנאַלן.

אָדע צו א גריכישער וואַזע

I

דו אַלץ נאָך פון שטילקייט אומבאַרירטע כלה,
שטיפקינד דו פון שוויגן און פּאַמעלעכדיקער צייט,
וואַלד־היסטאָריקער, וואָס פאַר אַלע קענסטו וועבן
געשיכטן בלומיקע מיט אַ טעם,
זיסער נאָך ווי אונדזער גראַם.
ס׳אַראַ בלעטער לעגענדע איבער דיין פאָרם יאָגט,
פון גאָטהייטן צי מענטשהייטן, צי ביידע
אין טעמפּלען אָדער טאָלן פון אַרקאַדיע?
ס׳אַראַ מענטשן צי געטער זיינען דאָס?
און די מיידלעך פאַרשייטע
ס׳אַראַ ווילד פאַרפאָלגן? ס׳אַראַ געראַנגל פאַר אַנטלויף;
ס׳אַראַ פלייטן און צימבלען, וואָס פאַר אַ ווילדער עקסטאַז?

II

געהערטע מעלאָדיעס זיינען זיס, אָבער יענע אומגעהערטע
נאָך זיסער; דעריבער איר ווייכע פלייטן שפּילט נאָר;
ניט צום זינלעכן אויער, נאָר צערטלעכער נאָך
פייפט די זמרלעך אָן טאָן;
שיינער יונג אונטערביימער גרינע,
ניט קענסטו אויפהערן דיין געזאַנג לעולם ועד,
און ניט די ביימער גרינע קענען ווערן הויל;
דרייסטער ליבהאָבער, דו ווסט קיינמאָל זי ניט קושן,
בולט אַזוי, נאָענט צום ציל — דאָך ניט לייד!
ניט וויאַנען קען זי, הגם צום גליק נאָך ניט דערגאַנגען,
ווייל אייביק ווסטו ליבן זי און אייביק אויך וועט זי זיין שיין.

III

אָ, קוסטן גליקלעך, וועמענס בלעטער עס קענען ניט פאַלן,
ווי זיי ניט קענען זיך צעשיידן פונעם פרילינג;
אָ, זינגער אייביק יונג, וואָס אויף אייביק
זינגסטו ליד אויף אייביק ניי,
גליקלעכערע נאָך, גליקלעכערע ליבע
אויך אויף אייביק וואַרעם, וואַרעם און געטריי,
צו דערלעבן מיט אַן אייביקן ציטער און אויף אייביק יונג;
טריפנדיק מענטשלעכע ליידנשאַפט ווייט איבער אונדז,
און לאָזט אַ האַרץ פול לייד און פּיין,
אַ שטערן ברענענדיק און טרוקן נאָר די צונג.

IV

ווער זיינען די וואָס קומען דאָ צום קרבן?
צו וואָס פאַר אַ גרינעם מזבח, אָ, מיסטעריעזער פּריסטער!
פירסטו די קהלה צו די הימלען געבויגן,
און אַלע אירע זיידענע פלאַנקען מיט גירלאַנדן פאַרצויגען?
וואָס פאַר אַ קליינע שטאָט ביים טייך אָדער ביים ים ברעג,
אָדער באַרג־געבויט מיט פרידלעכער ציטאַדעל,
איז אויסגעליידיקט פון איר פאָלק אין אָט דעם פרומען מאָרגן?
און קליינע שטאָט שטיל וועלן דיינע גאַסן זיין אויף אייביק שוין;
און ס'וועט קיינער זיך ניט אומקערן צו דערציילן דיר
פאַרוואָס דו ביסט פאַרוויסט.

V

אָ, אַטישע פאָרם! האַלטונג שיינע
מיט געוועב פון מאַרמאָר מענער, מיידלעך איבערגעצויגן
מיט וואַלד־געצווייג און געטרעטענעם קאָרן;
דו שטילע פאָרעם, דו רייצסט צו דענקען אונדז

ווי עס טוט די אייביקייט;
קאַלט פּאַסטאָראַל!
ווען זקנה וועט פאַרשווענדן אָט דעם דור,
וועסטו באַשטיין, אינדערמיט פון אַנדער לייד
ווי אונדזערס, אַ פריינט צו מענטשן צו וועלכע דו זאָגסט:
שיינקייט איז אמת, אמת שיינקייט —
דאָס איז אַלץ וואָס מ׳ווייסט אויף דער ערד,
און אַלץ וואָס איז כדאי צו וויסן.

געוויס האָט דזשאָן קיטס נישט דערקענט די גריכן נאָר פון טשאַפּ־מאַנ׳ס איבערזעצונג פון האָמער. ער האָט געקענט די ליטעראַטור פון זיבעצטן יאָרהונדערט, זיך אָנגעזאַפּט מיט איר ביז אין די פינגער־שפּיצן. „די אָדע צו אַ גריכישער וואַזע" וואָס דריקט אויס דאָס פליכטיקע פון לעבן און דאָס אייביקע פון קונסט, איז פול מיט פּלאַסטישע בילדער, פול מיט זינלעכער איינלעבונג, און איבערזינלעכן דענק־פאַרמעגן.

דער ראָמאַנטיקער דזשאָן קיטס איז באמת געווען אַ באַהאַוונטער יורש פון זיבעצנטן יאָרהונדערט מיט דעפיניטיוו שעקספּירישע קוואַליטעטן. די נאָכוועלט האָט דאָס לאַנג שוין דערקענט.

זוכצעטל

א

אייכנדאָרף 45.
אָדן, וו. ה. 193.
אַרנים, בעטינאַ פאָן 44, 65, 66.
אַרנים, יאָאַכים פאָן 66.

ב

באָדלער 86, 138, 160, 190.
באָטיטשעלי 37.
באַך 68.
באַללאַם 81.
באַרעל, פּעטרוס 147.
בורקע 34.
בושע, אַנטאָן 146.
בירגער 151.
בנימין פון טודעלאָ 107.
בעגען, אַלבערט 45.
בעהמע 17.
בעטהאָווען 69, 70.
בערעט, פּויל 140, 141.
בייראָן 83, 105, 158, 159, 162, 170, 177, 179, 188, 191.
בלאָך, יוסף 65.
ברונא, דזשיאָרדאַנאָ 54, 176.
ברענטאַנאָ, בעטינאַ — זע אַרנים, בעטינאַ פאָן.
ברענטאַנאָ, קלעמענס 44, 47, 48, 69, 98.

ג

גאָדווין 173.
גאָטיע 147.
גאַלילעאי 54.
גורמאָן, רעמי דע 138.
גיבאָן 38.
גירלאַנדאַיאָ 36.
גלוק 68.
געאָרגע, סטעפאַן 28.
געטע 14, 23־31, 33, 35, 38, 45, 60, 62, 63, 64, 65, 71, 81, 95, 98, 105, 145, 147, 151, 181, 187.
גרים 95.
גרין, באַלדונג 82.
גרעק, פּערנאַנד 138.

ד

ד'אַנונציאָ 92.
דאַנטע 80, 147, 149.
דאָסטאָיעווסקי 83.
דזשעפּערסאָן 73.
דידעראָ 92.
דייטש, ניקאָלאַס מ. 82.
דעלאַקראָאַ 82.
דעקאַרט 10, 89, 119.
דריידן 190.

ה

האַמאַן 24.
האָמער 172, 189, 191, 198.
האָנט 189.
האַפּטאָן, לאָרד 195.
האָפמאַן, ע. ט. אַ. 115.
הוך, ריקאַרדא 13, 19.
הוגאָ 85, 110, 112, 113, 115, 119, 130־142.
הומבאָלד 62.
היידן 68.
היינע 19, 98, 129, 132.
העטצעל 138.
העגעל 14, 57, 58, 60, 76, 77, 78.
העלדערלין 56־60, 184.
הענדל 68.
הערדער 14, 23, 24, 25, 119.
הערוויי 95.
הערץ, הענריעטע 64.

ו

וואַלאַ, אַנעט 166.
וואַלערי 9.
וואָרדסוואָרט 98, 161, 164, 165, 166, 179, 180.
ווילאַר, אבבע 146.
וויני, אַלפרעד דע 115, 119, 122, 148.
וועבער, קאַרל מאַריאַ 147.
וועלינגטאָן 157.
ווערלא 138.

ז

זאַנד, דזשאָרדזש 81.
זשיד, אַנדרע 118.
זשיראַרדען 145.

ט

טאַסאָ, טאָרקוואַטאָ 84, 143.
טהיבאָדע, אַלבערט 96.
טוכאָלסקי, קורט 35.
טיעגהיים, פּאָל וואַן 97.
טיעק 35, 36, 37, 39־43, 63, 104, 132, 178, 179.
טיציאַן 37.
טשאַפּמאַן 189, 191, 198.

י

יחזקאל 34.
יונג 95.
יעיטס 191.

ל

לאַמאַרטין 109־113, 115, 131.
לאַנסאָן, גוסטאַוו 92, 112.
לאָק 173.
לאַקרעטעל 120.
לואי XVIII 104.
לוטער 55.
לעווין, רחל 64.
לעסינג 23, 32.

מ

מאַלאַרמע 9.
מאַלהערב 10.
מאָליער 10, 118, 132.
מאַניטיני, דארלס דע 83.
מאנטעווערדי 69.
מאַסטאַטשמאַ 37.
מאָצאַרט 69, 70, 125, 147.
מאַקאָלי 174, 187.
מאַקפערסאָן 95.
מאַרי, אַריסטיד דע 145, 146, 147, 151.
מארלאו 26, 83.
מאריץ 81.
מאַרנע 135, 136.
מארקי דע־סאד 7.
מוסיי, אַלפרעד דע 81, 110, 112־113, 143.
מוסיי, פּאָל דע 118.
מור, טאָם 160.
מיכאל־אַנדזשעלאָ 37.
מילער, פּאָן 64.
מיראַנדאָלאַ, פּיקאָ דע לאַ 146.
מענדעלסאָן, משה 64.
מעסמער 145.
מערימיי 110, 157.

נ

נאָדיע 85, 110, 115־116, 131, 132.
נאַפּאָלעאָן 37, 70, 100, 104, 115, 128.
נאָוואַליס 18, 35, 43, 49־55, 65, 66, 71, 96, 104, 106, 125, 146, 158, 187.
נעלסאָן 157.
נעקער, זשאַק 99.
נערוואַל, זשעראַר דע 27, 143־154.

ס

סאַד, מאַרקי דע 7, 42, 81, 83, 84, 85.
סאַוואָנאַראָלאַ 37.
סאָפאָקלעס 76.
סאַקס, האַנס 36.
סווינבאָרן 83, 85, 86.
סוועדענבאָרג 146.
סטאַעל, מאַדאַם דע 96־99, 103, 104, 105, 106, 111, 115, 127.
סטענדהאַל 105, 113־129, 132.
סיסמאָנדי 110.
סעינט־בעוו 113, 129, 135.
סעלינקור 162.

סערוואַנטעס 33.
סקאָט 134, 158, 159.

ע

עוריפּידעס 172.
עליאָט, ט. ס. 28, 166, 170, 171.
עסכילאָס 76.

פּ

פּאָ, עדגאַר אַלען 86.
פּאָופּ 180, 190.
פּאָל, זשאַן 33.
פּאַסקאַל 11, 89, 119.
פּלאַטאָ 58, 176.
פּלעיעל, מאַדאַם דע 148.
פּעטראַרקאָ 147.
פּעלעטיע, לע 145.
פּערודזשינאָ 37.
פּראַז, מאַריאָ 72, 86.

פֿ

פֿאַנטאַן 110.
פֿאָרסטער 62.
פֿיכטע 57, 58, 62, 63.
פֿלאָבער 72, 129.
פֿלאַוויוס, יוסיפוס 107.
פֿעאושער 139, 150.

ק

קאַגליאָסטראָ 145.
קאַלדעראָן 38, 79.
קאָלערידזש 150, 158, 165־169, 179, 182.
קאַמיל, זשאַרזשעט 65.
קאַנט 14, 58, 158, 166.
קאָנסטאַן, בענזשאַמין 100, 110.
קאַסירער, ערנסט 74.
קוהן, סאָפיע 53.
קולאַן, זשעני 144, 150.
קיטס 13, 158, 189־198.
קלאָפּשטאָק 56, 151.
קלערמאָנט, קלער 180.
קעפּלער 54.
קראָטשע 14.
קאַרניי 10.

ר

ראַמאַנאָ, דזשוליאָ 37.
ראַסין 125, 176, 182, 192.
ראָסיני 147.
ראַפּאַעל 37.
רוסאָ 23, 24, 30, 36, 73, 81, 83, 87־97,
103, 127, 145, 174.
ריד, הערבערט 161.
רילקע 7.
רישעליע 10.
רעמבאָ 45, 50, 51, 83, 117, 124, 125,
138, 146, 147, 148, 151, 152, 168, 170,
176, 182, 192.

ש

שאַטאָבריאַן 81, 84, 101, 102־108, 110,
111, 112, 127, 131, 158, 162, 187.
שאָפּען 70.
שאָפּענהויער 69.
שובערט 81.
שומאַן 70.
שילער 23־29, 30, 57, 58, 60, 83, 104,
151.
שלייערמאַכער 65.
שלעגעל, אויגוסט ווילהעלם 13, 40, 43, 62,
100, 110, 132.
שלעגעל, דאָראָטעע 64.
שלעגעל, פֿרידריך 12, 13, 32־38, 40, 43,
62, 77, 96, 105, 127, 185 191.
שלעגעל קאַראָלינע 52, 61, 62, 63, 66.
שעלינג 15, 57, 60, 77, 78, 80, 81.
שעלעי 85, 98, 158, 160, 171, 178, 180,
190.
שעקספּיר 23, 25, 26, 28, 33, 34, 35, 38,
42, 76, 79, 95, 125, 132, 167, 198.
שפּינאָזאַ 58, 154, 174.

ביבליאָגראַפיע

אַ חוץ די ווערק פון די מחברים, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין דעם בוך, האָט זיך די פאַרפאַסערין באַנוצט צווישן אַנדערע מיט די ביכער, וואָס זיינען פאַרצייכנט אין דער דאָזיקער רשימה:

BABIT, IRVING: Rousseau and Romanticism.

BEGUIN, ALBERT: Gerard de Nerval (1945).

BLOCH, JOSEPH: Die Weltpolitik, III; Die Deutschen.

BRANDES, GEORG: Die Literatur des XIX. Jahrhunderts.

BRERETON, GEOFFREY: A Short History of French Literature (Penguin Books, 1954).

BRUNSCHVIGG, LEON: Descartes et Pascal (Brentanos, New York et Paris, 1954).

CASSIRER, ERNST: The Myth of the State (Yale University Press, 1946).

COHEN, J. M.: A History of Western Literature (Penguin Books, 1956).

GUERNE, ARMEL(ED): Le Romantiques Allemandes (Deslee de Brouwer, Paris, 1956).

GUILLEMIN, HENRI: Victor Hugo par Lui Même (Editions du Seuil, Paris).

HUCH, RICARDA: Bluetezeit und Fall der Romantik (Leipzig, 1920).

LAFORD, PAUL: L'Aube Romantique (Mercure de France, 1910).

LEMONNIER, LEON: Les Romantiques Anglais (1945).

MARIE, ARISTIDE: Gerard de Nerval (Hachette, 1954).

MORNET, DANIEL: Le Romantisme en France au XVIII Siècle.

PRAZ, MARIO: The Romantic Agony (Oxford University Press, 1933).

ROY, CLAUDE: Stendhal par Lui Même (Editions de Seuil, Paris).

SACY, SAMUEL: S. Descartes par Lui Même (Editions de Seuil, Paris).

RENOUVIER, CH: Victor Hugo le Poète (Armand Colin, Paris).

THIBODET, ALBERT: Histoire de la Littérature Française de 1789 a Nos Jour (1936)

VAN TIEGHAM, PAUL: Le Romantisme dans la Littérature Europeenne.

WELLEK, RENÉ: A History of Modern Criticism, Vol. 2; The Romantic Age.

חברים וואָס האָבן דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון דעם בוך

דזש. אַרנאָלד

ש. באָנטשעק

דר. בעגון

ס. בערק

עד. לערמאַן

מ. מאַרגאָלים

א. מילער

מ. סאָלאָף

י. סטאָלאַרסקי

מ. פאַלעקמאַן

אָסקאַר פרידעל — פּיטסבורג

ד. צוקער

מ. קאַפּלאַן — לייקוואוד

מ. ראָטמאַן

זימל רעזניק — אסבערי פּאַרק

י. ראָזענזאַפט

און

מאיר ל. בראַון
פּרעזידענט פון אידיש נאַציאָנאַלן
אַרבעטער פאַרבאַנד

ל. סיגאַל
גענ. סעקרעטאַר פון אידיש נאַציאָנאַלן
אַרבעטער פאַרבאַנד